STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01728

BARUKH SHPINOZA

Saul Isaac Stupnitzky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך שפינאָזאַ.

זיין פילאזאפיע, ביבעל-קריטיק, שטאטסלעהרע און זיין בעדייטונג
אין דער ענטוויקלונג פון מענשליכען דענקען.

פערפאסט פון

ש. י. סטופניצקי.

ווארשא, תרע"ז.

פערלאג „יודיש".

פערלאג

די אמת'ע הכרה, ביזטו אונשטערבליך, ווייל דו לעבסט אין אלץ און אלץ איז אין דיר דא. קענסט דעמאלט זיך פיהלען פריי פון דער לאסט פון לעבען, זיך שעצען גליקליך אין דיין איינזאמקייט, ווייל דו ווייסט און פיהלסט זיך איינאיג מיט דער גאנצער בריאה, מיט דער נאטור, מיט גאט. אויף דער הויך פון דער אמת'ער הכרה פערשווינדט אויך דער אונטערשייד צווישען גוטס און שלעכטס, צווישען צער און פערגעניגען, ווייל דו דערקענסט די געזעצמעסיגקייט און ארדנונג, וואס הערשט אין אלץ און אז קיין צופאל איז גאר נישטא. אזוי ברענגט שפינאזא דעם מענשען דורך וויסען די ערלייזונג פון לעבען און דעם צער פון לעבען. דערפאר האט שפינאזא שטענדיג צוגעצויגען צו זיך אלע דענקענדע, בענקענדע און זוכענדע; אלע, וואס ליידען פון לעבען און דורשטען נאך לעבען אין וויסען און וויסען אין לעבען.

צום ערשטען מאל בעקומט דער יודישער לעזער אין האנט דעם גאנצען שפינאזא, זיין פילאזאפיע, ביבעל־קריטיק, שטאטסלערע, מיט א גרויסער איינפיהרונג איבער דעם קאמף צווישען פילאזאפיע און רעליגיע, צווישען גלויבען און וויסען אין דער אלטער וועלט און אין מיטעלאלטער ביז שפינאזא. מיר ווייסען, אז פאר א סך וועלען די געדאנקען שפינאזא'ס, ווי זיי ווערען דא פונאנדערגעוויקעלט, זיין ניי און איבערראשענד. איבערהויפט וועט זיין ביבעל־קריטיק ארויסרופען פערוואונדערונג אין געוויסע קרייזען, וואו מען איז נישט בעקאנט מיט דער ליטעראטור איבער דער ביבעל. מיר האלטען אבער, אז דער יודישער לעזער איז שוין גענוג אויסגעוואקסען, און מען קען אים שוין געבען אין האנט א ערנסט בוך, וואו ער וועט געפינען געדאנקען, וואס זענען סותר זיינע פארשטעלונגען און איבערצייגונגען. בנוגע שפינאזא'ס ביבעל־קריטיק מוזען מיר אויסדריקליך בעמערקען, אז זי האט היינט נאר א היסטארישען ווערט, — אלס די ערשטע פראבע אנצעווענדען דעם היסטאריש־קריטישען מעטאד אויף די כתבי הקודש. דער אינהאלט פון דער קריטיק איז אין א סך פונקטען נישט גערעכט געוועזען באלד דעמאלט, א גרויסען טייל האט היינט די וויסענשאפט בעוויזען, אז זיי זענען נישט ריכטיג א. א. וו.

דער פערפאסער האט ביי דער בעארבייטונג פון שפינאזא'ס סיסטעם זיך בענוצט, אויסער מיט שפינאזא'ס ווערק גופא, כמעט מיט דער גאנצער ליטעראטור איבער שפינאזא, ווי וויט זי איז נאר געוועזען מעגליך צו בעקומען. אויסער די בעקאנטע ווערק איבער שפינאזא פון ק. פישער, ווינדעלבאנד, ערדמאן, העפדינג, פרוידענטאל און אנד. האט ער אויך בענוצט די העברעאישע און יודישע ווערק פון ה' צייטלין, ד"ר ח. זשיטלאווסקי, כהנא, א. א. וו. אבער אין דער כאראקטעריזירונג פון שפינאזא'ס פילאזאפיע האט ער נישט געקענט מסכים זיין מיט די אלע אויבען־אויסגערעכענטע היסטאריקער פון דער פילאזאפיע און האט געוועהלט א נייען שטאנדפונקט, וואס איז פערטרעטען צום טייל פון ווינדעלבאנד, ריבארד וואהלע, איבערהויפט אבער פון פראפעסאר אנא טומארקין, אין איר בוך איבער שפינאזא. פארוואס דאס איז געשעהן, וועט דער לעזער געפינען אין אונזער דארשטעלונג פון שפינאזא'ס פילאזאפיע.

צום סוף מוזען מיר נאך בעמערקען, אז דער מחבר נעמט איבער די אנטווארטונג נאר פאר'ן וויסענשאפטליכען אינהאלט פון בוך, אבער פאר דער ארטאגראפיע און געוויסע שפראך־פארמען טראגט דער פערלאג די פעראנטווארטונג.

דער פערפאסער.

ווארשא, אייר, תרע"ו.

איינלייטונג.

אין אַ צייט פון שווערע נסיונות און גרויסע געשעהענישען, ווען דאָס פּערזענליכע און געזעלשאַפטליכע לעבען שטעהט־אויס אַ שווערע קאַטאַסטראָפע; אין אַ צייט, ווען אַלע געזעצען און נאָרמען גילטען ניט, ווען אַלע בעציהונגען און פערפליכטונגען האָבען פער־לוירען דעם אַלטען אייביגען ווערט; אין אַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט שטעהט אין אַ פלאַם־פייער און די מענשען צופליישען און פערניכטען איינער דעם צווייטען ווי די ווילדע חיות, — האָט דער מחבר זיך געראַטעוועט פון דעם מאָראַלישען מדבר צום גרויסען פילאָזאָף פון דער איינזאַמקייט, צו ברוך שפינאָזא.

ברוך שפינאָזא איז איינער פון די וועניגע דענקער אין דער געשיכטע, וואָס האָבען אין גייסט איבערגעלעבט די גרויסע טראַגעדיע, וואָס הייסט „מענש" און האָבען פונדעסטוועגען ניט פערצווייפעלט אָן דעם מענשען און זיין צוקונפט. געבוירען און ערצויגען אין די מויערן פון אַלטען יודישען געטאָ, האָט ער געפיהלט אין זיינע אָדערען דאָס בלוט פון יענע שפאַנישע אנוסים, וואָס האָבען זיך מוסר־נפש געווען אויף קדוש השם, וואָס האָבען געקענט לעבען אין צער און שטאַרבען מיט שמחה פאַר אַ אידעע. אויפגעוואַקסען אין די למודים און פאָרשטעלונגען פון זיין פאָלק, אָנגעזאַפט מיט תלמודישע און פילאָזאָפישע ידיעות פון יודישען און קריסטליכען מיטעלאַלטער, האָט ער שפּעטער גאָר ניט געפּרובט דורכברעכען די אייזערנע וואַנד, וואָס נאַטור און געשיכטע האָבען אויסגעבויט אַרום אים. שוואַך אין קערפער, פערצערט פון אַ שווערער קרענק, וואָס האָט זיין לעבען פריהצייטיג געמאַכט אַ סוף, האָט ער זיך פרייוויליג ענטזאָגט פון די תענוגים, וואָס די וועלט קען געבען, האָט ניט געזוכט קיין כבוד און ניט אָנגענומען קיין טובה פון קיין מענשען. ער האָט געלעבט איינזאַם און אליין פון זיין אַרבייט אַלס גלעזער־שלייפער. אָנשטאָט דער אויסערער וועלט, וואָס איז פאַר אים דורך נאַטור און געשיכטע געווען פער־שלאָסען, האָט ער זיך אויסגעבויט אַן'אַנדער אינערע וועלט פון געדאַנק, אין וועלכער ער האָט געזוכט און געפונען רוהע און בעפרידיגונג. און אַ דאַנק דער ראַציאָנאַליסטישער וועלט־אַנשוואונג, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון חדר און ישיבה, פון תורה און יודישער פילאָ־זאָפיע, האָט ער דאָס וויסען, דאָס לאָגישע דענקען, דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה, ביי וועלכער עס פערשווינדט דער גרענעצאָן צווישען דענקען און זיין, צווישען הכרה און הויה, צווישען וויסען און לעבען. „נור וויסען איז לעבען און דער טעות איז טויט", הייסט עס ביי אים אין גרענעצאָן צום דיכטער. דענקען איז אַלץ, עס איז העכער װי דאָס לעבען, ווייל עס איז דאָס געזעץ, די אָרדנונג און אינהאַלט פון לעבען. אויב דו האָסט דערגרייכט

מיין פרוי

גנעסא

אין ליעבע און בענקשאפט

געווידמעט,

פערפאסאר.

I.

וואָס איז פילאָזאָפיע?

ברוך שפינאָזא איז איינער פון די טיפסטע און גרעסטע פילאָזאָפען, וואָס די וועלט האָט געהאט, און די אויפגאבע, וואָס מיר האָבען זיך געשטעלט, צו געבען דעם יודישען לעזער א פילאָזאָפישען ספר אין האנט, צו בעקענען אים מיט דער געדאנקענוועלט פון ברוך שפינאָזא, איז אנ׳ערנסטע און א שווערע. צו דערגרייכען דאָסדאָזיגע ציל, — מוזען מיר געבען דעם לעזער א קורצען איבערבליק איבער דעם ענין פון פילאָזאָפיע, וואָס וויל זי, צו וואָס שטרעבט זי און וואָס קאָן זי געבען דעם מענשען. גלייכצייטיג מוזען מיר אויך אָנווייזען אויף דער בעציהונג פון דער פילאָזאָפיע צו די איבריגע וויסענשאפטען, איבערהויפט אָבער איר בעציהונג צו רעליגיע און קונסט, דידאָזיגע צוויי שוועסטער, מיט וועלכע זי איז אמאָל געווען פעראייניגט און צוזאמענגעוואקסען.

פילאָזאָפיע איז די ארבייט פון פערשטאנד, וואָס שטרעבט צו פעראייניגען די ערפארונג, וואָס מיר בעקומען פון טעגליכען לעבען, מיט די רעזולטאַטען פון דער וויסענשאפטליכער פאָרשונג. פון די ביידע יסודות ווערט געשאפען אנ׳ איינהייטליכע וועלטאנשויאונג, וואָס איז בכח צו בעפרידיגען די פאָדערונגען פון מענשליכען שכל און גלייכצייטיג אויך די פערלאנגען און בעדערפענישען פון הארץ. דאָס אלגעמיינע ציל פון אלע פילאָזאָפען איז שטענדיג געווען, אויסצובויען אַ געשלאָסענע, איינהייטליכע, הארמאָנישע וועלטאנשויאונג, וואָס זאָל

געבען דעם מענשען א תשובה אויף די וויכטיגסטע פראגען, וואָס בוערן זיין מח, פייניגען אים דאָס הארץ. אין דעם פּרט איז די פילאָזאָפיע א וויסענשאפט, וואָס גיט דעם מענשען א ריכטיגען קוק אויף וועלט און לעבען און אויף אלץ, וואָס רינגעלט אים ארום.

דער אָנהויב פון דער פילאָזאָפיע, איר מקור, פון וואַנען זי הויבט אָן צו פליסען און וואקסט ביסלעכווייז אויס אין א מעכטיגען שטראָם, וואָס נעמט-ארום כמעט אלע זייטען פון מענשליכען גייסטיגען לעבען, איז דער זעלבסטשטענדיגער מענשליכער געדאנק, וואָס הויבט אָן קוקען מיט זיינע קלוגע, טיפע אויגען ארום זיך, אויף וועלט און לעבען און וויל זיי פערשטעהן, טיף בענעמען. די וויג פון דער פילאָזאָפיע איז געשטאנען דאָרט אין מזרח-לאנד, ביים פרת און חדקל און ביים ברעג פון ניל. אין יענע פער'כשופ'טע לענדער איז דער מענש פריער, ווי אין אלע אנדערע טיילען פון דער ווייטער און ברייטער וועלט, אויפגעוואכט געוואָרען פון דעם חיה-צושטאנד און אָנגעהויבען בעטראכטען און בעוואונדערן די וועלט, נאָכפאָרשען די כחות, וואָס הערשען אין דער נאטור, און משיג זיין דעם גרויסען סוד הבריאה, ענטדעקען דאָס געהיימניס, וואָס שוועבט ארום אים. אין דעמזעלבען וועג זענען אויך געגאנגען די צוויי שוועסטער פון דער פילאָזאָפיע: די רעליגיע און די קונסט, וואָס זענען אין יענער אלטער וועלט נאָך גאָרנישט אָבגעטיילט געווען.

די ענטוויקלונג פון דער פילאָזאָפיע, ווי פון לעבען בכלל, געהט שטענדיג פון דעם אלגעמיינעם צום איינצעלנעם, פון כלל צום פּרט. לכתחילה האָט זיך דאָס גאנצע מענשליכע וויסען; זיינע ידיעות וועגען דער נאטור, זיינע מאָראלישע און רעליגיעזע פאָדערונגען — אלץ האָט זיך גרופירט און פעראייניגט ארום דער רעליגיע. אין דער אמונה האָט דער דאָגמאטישער, ווי אויך דער קריטישער, מענשליכער גייסט, געזוכט און געפונען זיינע בעפרידיגונגען. און ווען דער געטליכער משורר רופט-אויס אין זיין בעגייסטערונג: „מה

רבו מעשיך ה׳!" דריקט ער דערמיט אוים גלייכצייטיג זיין טיף רעליגיעזע געפיהל צוזאמען מיט׳ן טיפסטען פילאָזאָפי־שען געדאנק, וואָס טראָגט נאָך דאָס אונשולדיגע קלייד פון דער אמונה. ווי אזוי עס גיסען זיך צוזאמען אין דער אלטער אָריענטאלישער וועלט רעליגיע, פילאָזאָפיע און קונסט זעהט מען בעזונדערס דייטליך אין די כתבי־הקודש. צוזאמען מיט די ריין־רעליגיעזע פאָרשטעלונגען און געבאָטען, געפינען מיר דאָרט אלגעמיינע בירגערליכע רעכט; נעבען די טיפע פילאָ־זאָפישע געדאנקען פון אנ׳איוב געפינען מיר די יסודות פון מעדיצין; נעבען די שטרענגע מאָראלישע געבאָטען און געזע־צען געפינען מיר די ראָמאנטישע פּאָעזיע פון „שיר השירים" און די לייכטע, גראציעזע, פאָלקסטימליכע „רות־אידיליע". און אויף אָט די אלע פערשידענע געביטען איז אויסגעשפרייט דער ברייטער געטליכער מאנטעל פון גלויבען, וואָס דעקט זיי אלע צו מיט זיין אויטאָריטעט און פערלייהט זיי א חלק פון זיין קדושה.

אָבער דער יוגענדליכער גליקליכער מצב פון דער אבסאָלוטער אחדות אין מענשליכען גייסט, די צייט, ווען אלע זיינע פאָרשטעלונגען, גייסטיגע און מאטעריעלע בערערפּנישען, דאָס לעבען אויף דער ערד און די הימלישע האָפנונגען שעפען זייערע כחות פון איין מקור, — די צייט קאָן לאנג נישט דויערן. דער מענש וואקסט־אוים פון זיינע קינדערשע וויקעלעך, צו־זאמען מיט אים וואקסט אויך די וועלט ארום אים, און די הימלישע פאמיליע — רעליגיע, פילאָזאָפיע און קונסט מוזען זיך שיידען. עס ווערט זיי צו־אייגג די ערד און זיי קאָנען נישט וואוינען צוזאמען. יעדע פון זיי געהט איר בעזונדערן וועג. אָבער זיי טרעפען זיך גאנץ אָפט אין זייער וויטער וואנדערונג, זייערע וועגען קרייצען זיך, זיי בעגעגענען זיך, ווי אלטע בעקאנטע, אָבער זעלטען, ווי גוטע פריינד.

ווי א זעלבסטשטענדיגע וויסענשאפט טרעט־ארוים די פילאָ־זאָפיע צום ערשטען ביי די גריכען. זיי האָבען איר געגעבען דעם שענעם נאָמען, זיי האָבען אויך אירע פאָרמען ענטדעקט

און יעדע אָבהאַנדלונג איבער פילאָזאָפיע, אַפילו ווען מען וויל ריידען פון אזא הערשער אין דער פילאָזאָפישער מלוכה, ווי ברוך שפינאָזאַ, מוז אָנהויבען פון די גריכען, מוז מען זיך בעקאָנען מיט די אויפגאַבען, וואָס זיי, די גרויסע מייסטער פון געדאַנק, האָבען געשטעלט דער פילאָזאָפיע.

II.

די פילאָזאָפיע אין דער גריכישער וועלט.

די אלטע גריכען זענען געוועזן די ערשטע, וואָס האָבען אָבגעטיילט די פילאָזאָפיע פון דער רעליגיע און האָבען איר אָנגעוויזען אַן׳אייגענעם, בעזונדערן פּלאַץ אין דער מלוכה פון גייסט. דאָס וואָרט „פילאָזאָפיע" הייסט בײַ זיי זוכען און פאָרשען דעם אמת צוליב דעם אמת אליין, אָהן שום זייטיגע כּוָנות און פּניות, זוכען און פאָרשען, פרעגען און טראַכטען איבער׳ן ווערט פון וועלט און לעבען, נישט רעכענענדיג זיך, ווי ווייט דאָס קאָן פּראַקטיש אָנגעווענדט און אויסגענוצט ווערען. פילאָזאָפיע איז לויט סאָקראַטעס „נישט די חכמה גופא, זי איז נאָר די ליבע צו דער חכמה, זי זוכט נאָר די חכמה, ווײַל זי, די אמת׳ע חכמה, האָבען די געטער בעהאַלטען פאַר זיך". די פילאָזאָפיע איז, אַלזאָ, נאָר די אייביגע שטרעבונג, דאָס אייביגע זוכעניש און פערלאַנגען פון מענשען נאָך דעם מקור החכמה, נאָכ׳ן אמת, וואָס ליגט בעהאַלטען אין די גנזי מרומים, בײַ די געטער. די יוגענד פון אַלע דענקער, ווי פון דער פילאָזאָפיע בכלל, איז דעריבער אויסגעפילט מיט׳ן קאַמף, וואָס די מענשען פירען מיט זיך און דער וועלט, צו ענטדעקען דאָס גרויסע רעטע־ניש פון וועלט און לעבען. און אַלע גרויסע פילאָזאָפישע סיס־טעמען זענען אין עצם נישט מער, ווי אַ פּראָבע, וואָס

דער מענשליכער פערשטאנד מאכט, אראָבצורייסען דעם שלייער פון דעמדראָזיגען רעטעניש און געבען אתשובה אויף דעם גרויסען װעלטפּראָבלעם.

דער פילאָזאָף פלאטאָ געהט ווייטער אין דער הינזיכט פון בעשטימען און דערקלערן, וואָס איז אַזוינס פילאָזאָפיע. דאָס העכערע לעבען — זאָגט פלאטאָ — נעהמט זיך פון דער בעגייסטערונג, וואָס דער מענש, אלס דער בחיר היצורים, האָט בעקומען במתנה פון גאָט. אזוי ווי אָבער דער מענש איז געבונדען און בעשרענקט אין די איינגע, שמאָלע גרענצען פון זיינע חושים, דריקט זיך אוים זיין פערלאנג, ארויסצוריי̆סען זיך פון די גרעניצען, בעפרייען זיך פון די קייטען — אין אגרויסער אונענדליכער בענקשאפט. און אָט די בענקשאפט געמט אָן די פאָרם פון פילאָזאָפיע. פילאָזאָפיע הייסט דעריבער דאָס שטרעבען נאָך וויסען, נאָך קאָנען, וואָס זאָל דערגרייכען צו א מדרגה פון וויסענשאפט. אָבער דאָס איז נאָר די אויסערע פאָרם פון דער פילאָזאָפיע. וואָרום אין עצם, אין זיך גענומען, איז זי די אליינבעטראכטונג פון מענשליכען גייסט, דאָס פערטיפען און פערזינקען אין זיך גופא דורך דער פאָרם פון דענקען אין בעגריפען. נאָר די הערשאפט פון וויסען און וויסענשאפט קאָן ברענגען דעם יחיד צו גייסטיגער פרייהייט און די געזעלשאפט צו גליקליכער צופרידענהייט, צו „איירעמאָניע", אין וועלכער זי נויטיגט זי אזוי.

פאר אריסטאָ איז פילאָזאָפיע דאָסזעלבע, וואָס וויסענשאפט. ער זוכט דאָס וויסען, ער פאָרשט דעם אמת נישט צוליב זייטיגע צוועקען, נאָר צוליב דעם אמת גופא, צוליב דער וויסענשאפט. די פילאָזאָפיע איז ביי אים בּולל, נעמט ארום אלע וויסענשאפטען — פון דער הכרת ה' ביז צו דער הכרה פון מענשען און זיין לעבען. ער איז דעריבער דער ערשטער, וואָס טיילט די פילאָזאָפיע אויף אירע נאטירליכע חלקים און בעארבייט קודם־כל די געזעצען פון מענשליכען דענקען. ער שאפט די פילאָזאָפישע מוסר, די פילאָזאָפישע עטיק און לעגט אויך דעם יסוד צו דער פיזיק, צו דער לערע איבער דער נאטור און אירע געזעצען. אזוי ווערט

אריסטאָ דער פאָטער פון דער פילאָזאָפיע אין בעצוג צו איר סיסטעמאטישער איינטיילונג און וויסענשאַפטליכער בעארבייטונג.

דאָס זענען די קלאסישע פאָרמולירונגען, וואָס זענען געגעבען געוואָרען אין דער אלטער צייט אין גריכענלאנד, וואו די פילאָזאָפיע איז געבוירען געוואָרען און האָט דערגרייכט צו איר ערשטער און העכסטער ענטוויקלונג. צו דער מדרגה פון די גריכען האָט זיך דער מענשליכער גייסט אין קיין תקופה פון דער געשיכטע מער נישט אויפגעהויבען. אָבער אויך די רוימישע פילאָזאָפען האָבען נאָך געפּרובט געבען א דערקלערונג איבער דעם מהות פון דער פילאָזאָפיע און אירע אויפגאַבען. פאר ציצעראָ איז די פילאָזאָפיע די לערערין פון לעבען, די דערפינדערין פון געזעצען און נאָר זי פירט דעם מענשען צו אלע מעשים טובים. אויך פאר סענעקאָ איז פילאָזאָפיע די טעאָריע און די קונסט, ווי אזוי דער מענש זאָל זיך פירען אין לעבען.

אָט די אלע פאָרמולירונגען און כאראקטעריסטיקעס, וואָס זענען געגעבען געוואָרען איבער דער פילאָזאָפיע, געהערען א צייט, ווען זי איז געווען די קעניגין אין דער גייסטיגער וועלט, ווען זי איז געווען די קרוין פון דער וויסענשאַפט, און אלע אנדערע גייסטיגע שטרעבונגען און פערלאַנגען האָבען געמוזט בעקומען פון איר א הסכמה אויף זייער עקזיסטענץ. אָבער די צייט האָט לאַנג נישט געדויערט. עס איז באלד געקומען א נייע תקופה, ווען די אמונה, די „עלטערע שוועסטער פון דער פילאָזאָפיע", האָט בעקומען די מאכט איבער'ן מענשען און האָט געפּרובט דערקלערען קריג דער פילאָזאָפיע אָדער גאָר אונטעריאָכען זי און מאכען זי פאר איר דינערין

III

פילאָזאָפיע און רעליגיע.

מיר האָבען געזעהן, אז די פילאָזאָפיע פערנעמט זיך מיט פערענטפערן דאָס גרויסע רעטעניש פון וועלט און לעבען. אויף דעם געביט מוז זי זיך טרעפען מיט דער רעליגיע, וואָס וויל אויך געבען א תשובה אויף דער גרויסער וועלט-און לעבענסרעטעניש. דעריבער געהען זיי ביידע, רעליגיע און פילזאָפיע, אין דער אלטער וועלט, ווי מיר האָבען אויבען שוין בעמערקט, צוזאמען; ערשט שפעטער קומט-פאָר זייער שיידונג אין צוויי בעזונדערע דיסציפלינען, וואָס קומען אָפט צווישען אייניאנדער אין א קאָנפליקט און פירען אָפען צווישען זיך א פערביטערטען קאמף. עס ליגט שוין אין דער נאטור, אז ווען צוויי ארבייטען אויף איין געביט און ביידע ווילען פערענטפערן איין אויפגאבע, מוזען זיי פירען צווישען זיך א קאָנקורענץ און עס מוז אָפט קומען צו אנ׳אָפענעם קאמף. אָבער דער קאָנפליקט צווישען פילאָזאָפיע און רעליגיע איז נישט קיין נויטווענדיגער, עס דארף גאָרנישט קומען צו א קאמף ביי ביידען, ווייל די קוועלען פון וואנען די ביידע שעפען זייער חיונה און אויך די מיטלען, דורך וועלכע זיי געהען צו זייער ציל, זענען פערשידען; זיי זענען אין א געוויסען זין צוויי מלוכות, וואָס קאָנען עקזיסטירען נעבען אייניאנדער אין דער גרויסער וועלט פון מענשליכען גייסט. מען מוז אָבער דערביי אונטערשיידען — אויב מען וויל פערשטעהן די בעציהונגען צווישען רעליגיע און פילאָזאָפיע, — צווישען רעליגיע און טעאָלאָגיע, די צוויי בעגריפען, וואָס ווערען זעהר אָפט פערביטען און דערפון נעמט זיך די גרויסע צומישונג, וואָס הערשט אויף דעם געביט.

רעליגיע איז אין עצם בלויז זוכען, בלויז לעכצען נאָך גאָט, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער פון משורר: „צמאָה לך נפשי כמה לך בשרי", מיין נשמה דורשט נאָך דיר,

מײַן לייב בענקט נאָך דיר! די טעאָלאָגיע וויל אָבער בעשטימען די גרעניצען, אריינגיסען אין א געוויסער פאָרם דאָס זוכען און בענקען נאָך גאָט; זי וויל אומוואנדלען, איבערמאכען דאָס זוכען און בענקען פון דער נשמה אין א וויסען, אין א קענטניש, בישט-געקוקט דערויף, וואָס אין איר גרוים עניוות בעצייכענט זי דידאָזיגע קענטניש מיט׳ן נאָמען „גלויבען”. דער תּוכן, דער מהות, דער אינהאלט און וועזען פון רעליגיע איז נאָר דאָס זוכען, דאָס שטרעבען, דער דורשט, די בענקשאפט נאָך גאָט. דער תּוכן פון דער טעאָלאָגיע, ווידער, איז דאָס דענקען איבער גאָט, דאָס שטרעבען אים צו דערקענען, משיג צו זײַן. אז מיר ריידען וועגען רעליגיע און איר בעציהונג צו פילאָזאָפיע, האָבען מיר נאָר בדעה צו ווייזען די אמונה אין איר ריינער געשטאַלט, אָבער נישט די טעאָלאָגיע. די בעציהונג פון דער פילאָזאָפיע צו טעאָלאָגיע איז גאָר אנ׳אנדערע, ווי איר בעציהונג צו רעליגיע. מען קאָן זאָגען, אז די בעציהונג צווישען די ביידע, צווישען פילזאָזאָפיע און טעאָלאָגיע, איז שטענדיג א פיינדליכע און עס קאָן צווישען זיי כמעט גאָר צו קיין שלום נישט קומען.

רעליגיע און פילאָזאָפיע, וואָס שטאמען ביידע פון איין מקור און שטרעבען צו איין ציל, האָבען צווישען זיך דאָס געמיינזאמע, וואָס ביידע פערטרויען און גלויבען אין דעם כח פון מענשליכען פערשטאנד, פון זײַן דענקען און פיהלען. ביידע זענען איבערצייגט, וועניגסטענס, אין דער ערשטער תּקופה פון זייער ענטוויקלונג, אז דער מענש מיט זיין שכל איז פעהיג משיג צו זיין די וועלט; און פערקערט ווידער אויך, אז דאָס, וואָס דער פערשטאנד איז נישט משיג, איז שוין נישט מעגליך, נאָר געטליך, און עס בעציהט זיך דעריבער נישט צו פילאָזאָפיע, נאָר צו רעליגיע. פלאַטאָ, למשל, איז אזוי פעסט איבערצייגט אין דער רעאליטעט, אין דער ווירקליכקײַט פון זיינע אידעען, ווי דער פרומער גלויביגער מענש איז איבערצייגט אין דער אונשטערבליכקייט פון זיין נשמה.

מיט דער צײַט אָבער שיידען זיך זייערע וועגען. די רע-

ליגיע שטיצט זיך איבערהויפט אויפ׳ן געפיהל, ווײַל זי איז אין עצם א דבר התלוי בלב; אירע מיטלען זענען: פאנטאזיע, מענשליך געמיט, דאָס מענשליכע הארץ און זײַן בענקשאפט. די פילאָזאָפיע אָבער שטיצט זיך איבערהויפט אויפ׳ן פערשטאנד, אויפ׳ן שכל און אירע מיטלען זענען — די לאָגיק און די לאָגישע בעגריפען. רעליגיע שטיצט זיך אויף טראַדיציע, אויף דער איבערליפערונג, אויף א התגלות אלהים. זי איז איבערציינגט, אַז זי האָט שוין געפונען דעם פתרון צו דעם רעטעניש, אַז זי ווייס שוין, וואָס איז וועלט און וואָס איז דער צוועק פון לעבען; די פילאָזאָפיע אָבער זוכט מיט אירע אייגענע מיטלען אלץ צו דערגעהן. זי גלויבט אין איר כח און רעכענט זיך נישט מיט דעם, אין וואָס מענשען האָבען ביז איצט געגלויבט; די רעליגיע שטיצט זיך אויף אויטאָריטעטען, אויף א היסטאָרישען פאקט און פאָדערט, מען זאָל אין אים גלויבען, ווי אין יעדען היסטאָרישען פאקט. די פילאָזאָפיע אָבער איז קריטיש, זי גלויבט נישט אין קיין שום פאקטען, אויב זי קאָן זיי נישט קאָנטראָלירען; די רעליגיע איז דעריבער עטוואָס פעסטעס, זיכערעס און האָט שטענדיג אירע טיפע וואָרצלען אין דער געזעלשאפט, בשעת די פילאָזאָפיע האלט זיך שטענדיג אין איין ענדערן; יעדער פילאָזאָף צושטערט אין א געוויסען זין דעם בנין, וואָס די פריערע פילאָזאָפען האָבען אויסגעבויט און שטעלט-אויף זײַן אייגענעם בנין. ער איז דעריבער אינדיווידואליסטיש; ער טראָגט אויף זיך שטענדיג דעם שטעמפעל פון א פערזענליכקייט.

דאָס איז אין אלגעמיינע שטריכען די בעציהונג פון דער פילאָזאָפיע צו רעליגיע בכלל. וועגען דער בעציהונג פון דער יודישער רעליגיע, פון דער יודישער אמונה צו פילאָזאָפיע וועלען מיר נאָך ריידען שפּעטער. איצט געהען מיר איבער צו דער בעציהונג צווישען רעליגיע און פילאָזאָפיע אין מיטעלאלטער, ווײַל נאָר דעמאָלט וועלען מיר קאָנען פערשטעהן שפינאָזא׳ס בעדײַטונג פאר דער פילאָזאָפיע און רעליגיע.

IV.

פילאָזאָפיע און רעליגיע אין מיטעלאלטער.

די פריידליכע בעציהונג צווישען פילאָזאָפיע און רעליגיע איז שוין געשטערט געוואָרען נאָך גאָר אין אלטערטום. מיר געפינען שוין ביי קסענאָפאָנ'ען, ווי ער ווארפט פאָר די האָמערישע געטער זייער ענליכקייט צו מענשען און זייערע מענשליכע שוואכקייטען; פראָטאגאָראס, צווייפעלט, צי עס זענען איבערהויפט פאראן געטער אויף דער וועלט; עפיקור האלט אפילו, אז די געטער עקזיסטירען אלס אידעאלע געשטאלטען, אָבער זיי האָבען נישט קיין איינפלוס אויף די געשעהנישען אין דער וועלט. אין דער צייט אָבער, ווען אין דער אלטער גריכישער וועלט איז די פילאָזאָפיע געשטאנען אויבען־אָן און די רעליגיע האָט קיין גרויסע ראָל בכלל נישט געשפילט, איז אין קריסטליכען מיטעלאלטער די לאגע געוואָרען אומגעקערט: די רעליגיע בעקומט די הערשאפט איבער'ן מענשליכען גייסט און די פילאָזאָפיע מוז זיך ארונטערלאָזען צו דער מדרגה פון א דינערין ביי איר.

דער גרונדכאראקטער פון דער מיטעלאלטערליכער פילאָזאָפיע איז די הערשאפט פונ'ם אויטאָריטעט. די דעמאָלטדיגע דענקער זענען בכלל איבערצייגט געווען, אז דער פילאָזאָפישער, ווי אויך דער רעליגעזער אמת, זענען שוין ענטדעקט געוואָרען, זענען שוין געפונען געוואָרען. די אויפגאבע איז נאָר צו פערשטעהן די וואָרהייטען, זיי צו דערקלערען און פערשפרייטען און איבערהויפט זעהן, עס זאָלען צווישען די צוויי ווארהייטען, חלילה, קיין סתירות נישט זיין. מען לערנט דארום נישט דאָס פילאָזאָפירען, נאָר די פילאָזאָפיע, מען שטרעבט נישט צו דענקען און קריטיקירען, נאָר צו פערשטעהן און גלויבען אין דער איבערגעליפערטער וואָרהייט. די הערשענדיגע מיינונג איז, אז עס איז דאָ א געוויסע סומע פון אָביעקטיווע וואָרהייטען, פון אבסאלוטע אמת'ן, וואס קיינער קאָן

אין זיי נישט מטיל-ספק-זיין, און אז מען דארף זיי נאר זעהן איבערגעבען די ווייטערע שפעטערע דורות און פערשפרייטען די אין דער וועלט, און אט די ארבייט הייסט פילאזאפיע.

די מיטעלאלטערליכע פילאזאפיע איז דערצו אויך אוניווערסאליסטיש. זי ווייס נישט פון אינדיווידועלע פערשידענהייטען צווישען מענשען און זי ווייס אויך נישט פון קיין נאציאנאלע אייגענטימליכקייטען. זי איז איבערצייגט, אז עס קאן נישט זיין קיין אונטערשיד צווישען מענשען, ווייל דער אמת איז דאך נאר איינער פאר אלעמען. דעריבער מוזען אלע זיין איינינג אין גלויבען און וויסען. נאר אזוי ווי מיר געפינען דאך פערשידענע מיינונגען און דערקלערונגען איבער דער וועלט ביי די אלטע פילאזאפען, ביי די אויטאריטעטען: ביי פלאטא, אריסטא און ביי די נייע אויטאריטעטען, ווי, למשל, אוגוסטין — מוז מען זעהן די סתירות אויסצוגלייכען, בעווייזען, אז דאס שיינט בלויז צו זיין סתירות און אין דער'אמת'ן הערשט נישט קיין שום ווידערשפרוך צווישען זיי אלע, ווי אויך צווישען פילאזאפיע און רעליגיע, צווישען דער איבערגעליפערטער ווארהייט און דער ווארהייט פון שכל. אזוי הויבט זיך אן די גרויסע גייסטיגע ארבייט ביי די אלטע פילאזאפען — צו דערקלערן, אויסטייטשען און קלאר מאכען די פילאזאפיע, אזוי, אז זי זאל שטעהן אין הסכם מיט דער רעליגיע.

אזוי איז געשאפען געווארען די סכאלאסטישע פילאזאפיע, אין וועלכער עס איז אריינגעלעגט געווארען אזוי פיל שכל, גייסט און ארבייט, אויסצוגלייכען די סתירות צווישען דער פילאזאפיע און דער רעליגיע. אבער דיזאזיגע גרויסע ארבייט האט דאך קיין שום נוצען נישט געבראכט, דאס ציל איז נישט דערגרייכט געווארען, ווייל די סתירות זענען צו-שארף, צו-בולט; דער געגענזאץ צווישען גלויבען און וויסען איז צו-גרויס, אז מען זאל קאנען צווישען זיי מאכען א שלום. עס איז דעריבער געשאפען געווארען די טעאריע פון דער טאפעלער ווארהייט, פון צוויי פאכען אמת: די טעאריע פון נא.

טירליכען ליכט און געטליכען ליכט; עס איז אויפ־
געבויט געוואָרען א טעאָריע, וואָס האָט פערזיכערט, אז עס
זענען פאראַן צווייערליי אמת'ן: דער פילאָזאָפישער אמת
און דער רעליגיעזער אמת, און אז עס קאָנען זיין א סך
ענינים, וואָס זענען אין דער פילאָזאָפיע וואָרהייט און אין דער רע־
ליגיע—פאלש. און דאָסזעלבע פערקערט: פאראַן ענינים, וואָס
אין דער רעליגיע זענען זיי אמת און פאר דער פילאָזאָפיע
נוצען זיי נישט. איז, אלזאָ, אריינגעפירט געוואָרען א בוכהאל־
טעריע אין מענשליכען גייסט, דאָס מענשליכע בעוואוסטזיין איז
געשפאָלטען געוואָרען אין צוויי העלפטען, וואָס יעדע פון זיי
עקזיסטירט פאר זיך און דאַרף זיך מיט דער צווייטער גאָרנישט
רעכענען.

נאטירליך, שטעהען דיביידע אמת'ן נישט אויף איין מדרגה.
די רעליגיע, וואָס ציהט איר חיונה פון געטליכען ליכט, איז
די קעניגין, די הערשערין, און די פילאָזאָפיע, וואָס
שטיצט זיך אויפ'ן נאטירליכען ליכט, איז איר שפחה. פעטרוס
דאמיענוס (אין XI־טען יאָרהונדערט) איז דער ערשטער, וואָס
בענוצט זיך מיט דעם אויסדרוק, אז די פילאָזאָפיע איז „די
שפחה פון דער טעאָלאָגיע". ער איז אויך שטאַרק אונצופרידען
מיט די סכאָלאַסטישע פילאָזאָפען, וואָס ווילען נישט מודה־זיין,
אז דער א״מעכטיגער גאָט איז בכח אויסצומעקען א געשע־
העניש און עס מאכען פאר נישט געשעהן, אז ער קאָן,
למשל, די געבורט פון א בשר ודם, וואָס האָט געלעבט און
געליטען אלס מענש, מאכען, אז ער איז נישט געבוירען
געוואָרען און האָט איבערהויפט נישט עקזיסטירט, אלס מענש.

אזוי האָט אינגאנצען מיטעלאלטער געגאָלטען דער גלויּ־
בען, די אמונה פאר דעם איינציגע מקור, וואָס דורך אים קאָן
מען דערגעהן און ענטדעקען דאָס רעטעניש פון וועלט און לעבען.
מען האָט זיך דעריבער דאָס גאנצע מיטעלאלטער בעמיהט צו
דערגעהן דורך גלויבען, דורך פאָרשען גאָט און זיינע אייגענ־
שאפטען, צו וועלכע עס געהערט אויך די וואָהר־
הייט. פון אָנהויב האָט מען זיך דערצו בענוצט בלויז מיט'ן

איבערנאטירליכען ליכט, מיט די עיקרים פונ'ם הערשענדיגען גלויבען. שפעטער האָט מען אויך בענוצט דאָס נאטורליכט, דעם מענשליכען פערשטאנד, אָבער נאָר אויף אזויפיל, אויף וויפיל ער קאָן דינען און נוצען דער געטליכער וואָהרהייט.

מיט'ן 16-טען יאָרהונדערט קומט אנ'ענדערונג אין דער בעציהונג פון דיביידע גייסטיגע קרעפטען. דער מענשליכער פערשטאנד שטרעבט זיך צו בעפרייען פון דער רעליגיעזער אפטרופסות, ער וויל זיך שטעלען אויף זיינע אייגענע פיס. אָנשטאָט צו פרעגען ביי די טעאָלאָגען און נעמען רשות ביי דער רעליגיעזער טראדיציע, ביי אירע עיקרים, — פרעגט ער בעסער ביי דער מאטעמאטיק, ביי דער חכמת החשבון, וואָס איז אין עצם די מענשליכע לאָגיק, געגאָסען אין מאטעמאטישע פאָרמעלען. די וואַנט, וואָס דאָס מיטעל-אלטער האָט אויסגעבויט ארום דעם מענשליכען פערשטאנד, איז דורכגעבראָכען געוואָרען, דער מענש האָט זיך בעפרייט פון דער גייסטיגער טורמע, אין וועלכער ער איז געווען פער-שפארט און האָט זיך גענומען מיט זיין אייגענעם בעפרייטען שכל צו פאָרשען און דערגעהן דאָס גרויסע רעטעניש פון לעבען און וועלט, אויפגעגעבען פון די אלטע פילאָזאָפען. פון דערדאָ-זיגע צייט הויבט זיך אָן א נייע תקופה אין דער פילאָזאָפיע און איינער פון די ערשטע פילאָזאָפען אין דער נייער תקופה איז — ברוך שפינאָזא.

V

די יודישע פילאָזאָפיע אין מיטעלאלטער.

די יודישע אמונה איז די איינציגע רעליגיע אין דער וועלט, וואָס מיר קאָנען פון דער ערשטער מינוט, ווען זי בע-ווייזט זיך, און מיר וויסען דעריבער גענוי איר געשיכטע, איר ענטוויקלונג און די פערשידענע ריכטונגען, וואָס זענען אין

איר פאַרגעקומען. אנדערע רעליגיעס זענען אין אָנהויב פון זייער אויפשטעהן אָדער פערוויקעלט פאר אונז אין א געדיכטען שלייער פון מיסטיק, פון לעגענדעס און אגדות, אָדער זיי טרעטען ארויס אין דער וועלט, ווי צווייגען פון אנ׳אלטען פריערדיגען גלויבען, פון וועלכען זיי נעמען-איבער געוויסע עיקרים און פאַרשטעלונגען. דאָס יודענטום טרעט-ארויס ווי א נייע יצירה, ווי א מין יש מאין, ווי אנ׳אמונה, וואָס שטעלט זיך אין געגענזאץ צו די אלע בעשטימטע פאַרשטעלונגען אין רעליגיעזע ענינים.

דאָס מערקווירדיגסטע אין דער יודישער אמונה איז דאָס, וואָס זי איז אינגאנצען וועלטליך, האָט צו טאָן נאָר מיט דער וועלט, מיט עולם הזה, און אין די ערשטע שריפטען אירע — אין די כתבי הקודש ווערט כמעט גאָרנישט דערמאָנט, עס ווערט נישט געגעבען קיין שום דאָגמא, קיין שום עיקר בנוגע צום וויכטיגסטען פונקט פון רעליגיע — בנוגע צו גאָט און זיין מהות.

די שאלה, מיט וועלכער עס בעשעפטיגען זיך אלע רעליגיעס און וואָס אויף איר איז פערוועגדט געוואָרען אזוי פיעל צייט, קאָפּ און ארבייט, די שאלה — וואָס איז גאָט, אינטערעסירט גאָרנישט דער יודישער תורה. אין מיטעל-פונקט פון יודענטום שטעהט נישט די שאלה: וואָס איז גאָט, נאָר וואָס איז מענש?

בנוגע צו גאָט איז נאָר מיט א פּאָר ווערטער גע-זאָגט געוואָרען: „כי לא יראני האדם וחי״ — דער מענש קאָן מיך נישט זעהן און זאָל דערנאָך ווייטער לעבען. דערמיט זענען באלד לכתחילה פערשלאָסען געוואָרען אלע טירען, וואָס פירען אין די היילען פון מעטאפיזיק. דעם יודען, און מיט אים צוזאמען דעם מענשען בכלל, איז אוועקגעשטעלט-געוואָרען א גאנץ אנדערע אויפגאבע: פאָרשען און וויסען, וואָס איז דער מענש, וואָס איז זיין פליכט בנוגע צו גאָט און צו מענשען בכלל.

ווי עס געשיהט אלעמאָל, האָט דער נאאיווער ריינער

צושטאנד לאנג נישט געקאַנט דויערן. מיט דער ענטוויקלונג און פערטיפונג פון מענשליכען גייסט הויבען אים אָן בעאונרוהיגען די אייביגע שאלות, אויף וועלכע עס איז אין עצם קיין תשובה נישטאָ.

ער הויבט זיך אָן צו אינטערעסירען, ער וויל דערגעהן די סודות פון דער נאטור, די סודות פון דער וועלט און איר שעפער. ער הויבט אָן פרעגען מה למעלה ומה למטה, מה לפנים ומה לאחור, ער וויל וויסען, וואָס עס טוט זיך דאָרט, אויבען, איבער אים און דאָסזעלבע טיף אונטער אים; ער וויל דערגעהן, וואָס איז געווען פריער, ווי אזוי איז עס אלץ געוואָרען און וואָס דערמיט וועט נאָך שפעטער ווערען.

דעריבער הויבט מען אויך אָן ביי יודען ריידען פון מעשה בראשית און מעשה מרכבה. עס הויבען זיך אָן נאָך גאַנץ פריה, אין דער צייט פון תלמוד, בעווייזען איינצעלנע שריפטען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט מעטאַפיזישע ענינים, אָבער דאָס זענען נאָר איינצעלנע פראָבעס, שוואכע שפּילענדיגע דרשות איבער ענינים, וואָס שטעהען ברומו של עולם.

א יודישע פילאָזאָפיע הויבט זיך אָן ערשט אין דער שפּעטערדיגער צייט, ווען עס רייסען זיך אריין אין דער יודישער וועלט אידעען פון דרויסען און שטערען דער אינערער רוה, דעם באאיוועען גלויבען, וואָס האָט ביז איצט געהערשט.

דער ערשטער יודישער פילאָזאָף איז ר׳ סעדיה גאון מיט זיין ספר „האמונות והדעות״. ער האָט געפונען פאר נויטיג צו מאכען א פשרה צווישען דער אמונה און דער דעה, צווישען גלויבען און וויסען. דער לעצטער בעדייטענדער פילאָזאָף, ווידער, איז געווען ר׳ חסדיא קרשקש מיט זיין ספר „אור ה׳״.

די יודישע פילאָזאָפיע ענטוויקעלט זיך, אלזאָ, צווישען 10־טען און 16־טען יאָרהונדערט. שפעטער בעקומט די קבלה אנ׳איבערמאכט איבער די גייסטער און דער פרייער פילאָזאָפישער געדאנק ווערט ביסלעכוויז אויסגעלאָשען.

דאָס יודישע פילאָזאָפישע דענקען געהט בכלל אין צוויי

ריכטונגען. פאַראַן דענקער וואָס זענען פעראינטערעסירט ריין־פילאָזאָפיש אין די פּראָבלעמען.

אָבער דאָס רוב פון די יודישע דענקער אינטערעסירען זיך מיט די פּראָבלעמען נאָר פון רעליגיעז־פילאָזאָפישען שטאַנד־פונקט. פאַר אונזער צוועק האָבען, נאַטירליך, ביידע ריכטונגען א גלייכע בעדייטונג, ווייל מיר ווילען טאַקי געבען א בעגריף פון דער ריכטונג און דעם כאַראַקטער פון דער יודישער פילאָזאָפיע בכלל.

דאָס מערקווירדיגסטע אין דער יודישער פילאָזאָפיע איז דאָס, וואָס זי פיהלט זיך שטענדיג ווי א ריינע וויסענשאַפט.

אין געגענזאַץ צו דער קריסטליכער סכאָלאַסטיק, אין וועלכער עס איז געשאַפען געוואָרען דאָס וואָרט „Credo quia absurdum“ „איך גלויב, ווייל עס איז אַן אַבסורד“ דוקא ווייל עס איז סותר דעם מענשליכען פערשטאַנד, זענען די יודישע דענקער איבערצייגט און גלויבען, אז אמונה און דעה קאָנען איינע דער אַנדערער נישט סותר זיין. זיי פער־טרויען דעריבער אינגאַנצען זייער שכל און לאָזען אים פריי זיך בעוועגען, זענענדיג איבערצייגט, אז ער וועט סוף־כל־סוף קומען צו דעמזעלבען רעזולטאַט, צו וועלכען די אמונה איז געקומען דורך דער געטליכער אָפענבאַרונג, דורך דער התגלות אלהים. אויב עס ווייזט זיך אָבער דאָך ארויס א סתירה צווישען די ביידע, אויב די פילאָזאָפיע קומט צו א גאַנץ אַנדער בעשלוס, ווי די אמונה, און מען קאָן אין דער ענטוויקלונג פון פילאָזאָפישען געדאַנק קיין פעלער, קיין טעות נישט געפינען, מוז דעמאָלט דער אמת פון דער אמונה זיך בויגען און מען זעהט אים צו געבען אַן אַנדער אויסטייטשונג און אַן אַנדער כונה, כדי ער זאָל קומען אין הסכם מיט׳ן פילאָזאָפישען אמת.

אין דער יודישער מיטעלאַלטערליכער פילאָזאָפיע קאָן דע־ריבער קיין רייד נישט זיין וועגען דעם, אז די פילאָזאָפיע איז די שפחה פון דער טעאָלאָגיע, עס קאָן קיין רייד נישט זיין פון א נאַטירליכען ליכט און א געטליכען ליכט; עס קאָן אויך קיין רייד נישט זיין פון א צווייפאַכען אמת, פון א טאָפּע־

לער בוכהאלטעריע. עטוואס קאָן זיך זיין אין דער רעליגיע אמת און אין דער פילאָזאָפיע פאלש, און אומגעקערט אויך. דער גרונדשטריך פון דער יודישער פילאָזאָפיע איז—דאָס אונבעשרענקטסטע פערטרויען אין מענשליכען פערשטאנד און זיינע גייסטיגע כחות. אין דער צייט פון אייראפעאישען מיטעלאלטער, ווען ארום און ארום איז געווען שטאָק-פינסטער, האָט אויף דער יודישער גאס העל געפלאקערט דאָס ליכט פון געזונטען מענשליכען פערשטאנד. דער יודישער מיטעלאלטער הויבט זיך אָן אסך שפּעטער, גראָד אין דער צייט, ווען אין אייראפּא האָט מען שוין גערעכענט די „נייע צייט”. דער גרונדגעדאנק, וואָס געהט כמעט אדורך די גאנצע יודישע פילאָזאָפיע—איז די אחדות הבורא, די איינהייט און גאנצקייט פון גייסטיגען פּרינציפּ, פון דער גייסטיגער סובסטאנץ אין דער וועלט. עס איז קיין חלוק נישט, צי מען געהט דערצו ארויס פון דעם פּונקט, אז די וועלט איז דאָך בעגרענצט, ווי ר׳ סעדיה גאון, צי מען לעגט דעם שווערפּונקט אויף דער עמאַנאַציאָנס-טעאָריע, אז דאָס קערפּערליכע, דאָס גשמיות׳דיגע פליסט און ענטוויקעלט זיך פון דעם איין גייסט, פון דער איינער סובסטאנץ, ווי ר׳ שלמה בן גבירול און זיין קרייז; צי מען בעהייפּטעט, אז די וועלט איז אקדמון, אז מאטעריע עקזיסטירט פון אייביג-אָן, ווי עס האָט געהאלטען דער רמב״ם און זיין שיטה; אָדער ווען מען שטעלט זיך אויפ׳ן שטאנדפּונקט, אז אלע בעווייזען פאר די מציאות ה׳ זענען פילאָזאָפיש נישט אויסגעהאלטען, אז מען קאָן נאָר דערווייזען, אז עס איז פאראן א סיבה ראשונה, אנ׳ערשטע אורזאך און אז דער גלויבען אין מציאות ה׳ שטיצט זיך אויף התגלות אלהים, אויפ׳ן מעמד הר סיני, ווי עס האָבען געטאָן חסדיא קרשקש און זיינע אָנהענגער. עס איז קיין חלוק נישט, ווי מען שטעלט זיך פאָר דאָס פּראָבלעם פון גייסט און מאטעריע. אין דעם פּרט בעווייזט זיך דער פילאָזאָפישער געדאנק זעהר פריי. דער׳עיקר איז אָבער, וואָס אויך די פערשידענע סיסטעמען

שטרעבען צו איין מיטעלפונקט, צו דער איינהייט פון גייסטיגען פרינציפּ, צו דער איינער סובּ־סטאַנץ, וואָס פון איר איז אלץ אָבּהענגיג און אלץ פליסט־ארוים פון איר און קערט זיך אום צוריק צו איר, ווי צום מקור.

VI.

די יסודות פון דער נייער פילאָזאָפיע.

מיר האָבּען אויבּען געזעהן, ווי אזוי און אין וועלכע גרעניצען עס האָט געארבּייט די מיטעלאַלטערליכע פילאָזאָפיע. די מיטעלאַלטערליכע קריסטליכע קירך האָט געהאט בּעשטימט פעסטע גרעניצען פאַר'ן מענשען און זיין פערשטאנד. דער מענשליכער שכל מעג זיך נאָר בּעוועגען אין די גרעניצען פון דער רעליגיעזער דאָגמאַ. דער אמת איז שוין לאנג ענט־דעקט, דאָס רעטעניש איז פערענטפערט און די קירך לערנט יעדען, וואָס איז אמת. אויבּ איר ווילט מיט אייער נאטירליכען ליכט בּעלייכטען, פערהערליכען דעם „אמת", מעגט איר עס טאָן, ווייל דאָס געטליכע ליכט וועט דערפון בּלויז פערשטארקט ווערען און האָבּען א נוצען, אָבּער איר מוזט וויסען, אז דער איינציגער וועג, דורך וועלכען איר קאָנט עס בּעווייזען, איז נאָט און זיין קירך. איינס פון די צוויי: אָדער געהט אויף דעם וועג, וואָס מיר ווייזען אייך אָן, אָדער מען איז אייך איינגאנצען מוחל די ארבּייט. אזוי הויבּט זיך אָן די ארבּייט פון די סכאָלאַסטיקער, וואָס דרעהען זיך ארום אין איין קרייז, ווי אין א פער'בשופ'טען עגול, בּעווייזען געוואל־טיגע קונצען אין דער גייסטיגער גימנאַסטיק, דיספּוטירען, שלייפען און שארפען דעם שכל, שאפען אפילו די פיינסטע פאָרמען, די גלענ־צענדסטע רעדעס — אָבּער אלץ אין די איינגע ווענט פון דער קירך. נאָר אז מען האָט אזוי לאנג געשליפען און געפיילט דעם פערשטאנד, האָט ער נישט־ווילענדיג אָנגעהויבּען בּיסלעכווייז זיך אונטערצוגראָבּען אונטער די ווענט פון דער קירך, געעפענט דאָרט

א טירעלע און געכאפּט א קוק אין דער גרויסער וועלט אריין, ווי אזוי זי זעהט-אויס אין דער ווירקליכקייט און נישט ווי די קירך האָט זי זיך און אנדערע פאָרגעשטעלט. דאָ, אין דער פרייער וועלט, הינטער די ווענט פון דער קירכליכער דאָגמאַ, האָבען זיך דעם מענשליכען שכל געעפענט גאנץ נייע וועגען, פון וועלכע מען האָט פריער כמעט נישט געוואוסט.

גאָט און די קירך זענען שוין נישט מער דער איינציגער טויער, וואָס פיהרט צום אמת, ווי מען האָט פריער געמיינט. פאראן צוויי וועגען, דורך וועלכע דער מענשליכער גייסט פּרובט זיך דורכרייסען און דערגרייכען דעם אמת. איין וועג הייסט גייסט, דער צווייטער—נאטור. די, וואָס בענוצען דעם ערשטען וועג, זענען ראציאָנאליסטען, אידעאַליסטען אָדער ווי מען רופט זיי היינט: דאָגמאַטיקער; די יעניגע, ווידער, וואָס געהען מיט'ן צווייטען וועג, הייסען רעאליסטען.

די ערשטע פּרובען זיך דערקלערן די נאטור מיט אלע אירע ערשיינונגען דורכ'ן כח פון גייסט; די צווייטע ווילען, פערקערט, ארויסגעפינען דעם מהות פון גייסט דורך פאָרשען די נאטור; די איינע ווילען אלץ דערקלערן און פערשטעהן בלויז דורכ'ן כח פון שכל און לאָגיק; די צווייטע ווילען, פער-קערט, אלץ דערקלערן אפילו דעם כח פון גייסט גופא אויפ'ן גרונד פון טאטזאכען פון לעבען, פון נאטור און אירע געזעצען; די איינע גלויבען און זענען איבערצייגט אין דעם אונענדליכען כח און מאכט פון שכל, אז ער קאָן אלץ משיג-זיין און ממילא אויך קלאָר מאכען; די צווייטע צווייפלען אין דעם כח פון שכל און ווילען דעריבער לאנגזאם, טריט-ביי-טריט, זיך בעקאָנען מיט דער ווירקליכקייט, פערשטעהן די איינהייטליכקייט און רעגעלמעסיגקייט פון דער נאטור, בעגרייפען איינצעלנע טאטזאכען און ערשט פון די פאקטען זיך סומך-זיין אויפ'ן גייסט. פאר די אידעאליסטען הייסט אמת דאָס, וואָס מען קאָן בעווייזען דורך מאטע-מאטיק; פאר די רעאליסטען איז אמת דאָס, וואָס עס לאָזט זיך בעשרייבען און בעווייזען, ווי א פאקט, ווי א גע-שעהעניש אין דער נאטור. דער עיקר ביי די רעאליסטען

איז: מאטזאך, פאקט, ווירקליכקייט און זיין מיטעל, מיט וועלכען ער בענוצט זיך, איז די פיזיק.

די נייע צייט אין דער פילאָזאָפיע, ווי בכלל אין דער גאנצער אייראפעאישער געשיכטע, הויבט זיך אָן דערמיט, וואָס מען בעקאַנט זיך ווידער מיט דער אלטער קלאסישער פילאָזאָפיע פון די גריכען. די גרעסטע ווירקונג אויף דער נייער אויפבליהונג און בעפרייאונג פון מענשליכען גייסט האָט געהאט די אויפבליהונג פון דער קלאסישער וויסענשאפט. אויסער דער ענטדעקונג פון אמעריקא, וואָס האָט דעם מענשען גע־עפענט די אויגען און פערברייטערט זיין קוק אויף זאכען, האָט די גרעסטע גייסטיגע רעוואָלוציע דורכגעפירט די נאטורוויסענ־שאפט און אירע דריי פערטרעטער: קאָפערניק, קעפלער און גאַליליי. זיי האָבען דעם מענשען געעפענט נייע הימלען און האָבען איבערהויפט געבראָכען די אונבעשרענקטע הערשאפט פון דער קירך. קאָפערניק, געבוירען אין יאָר 1473 אין טאָרן, האָט געבראָכען מיט דער אלטער אסטראָנאָמיע, וואָס האָט געהאלטען, אז די ערד שטעהט אויף איין אָרט און די זון דרעהט זיך ארום איר. ער האָט בעוויזען, אז די זון שטעהט אויף איין אָרט און די ערד מיט אלע פלאנעטען דרעהען זיך ארום איר. די נייע לערע האָט פערענדערט די גאנצע וועלט־אַנשויאונג פון מענשען און געמאכט פון דער ערד און אלע אירע ברואים, פון אונזער גוטער אלטער ערד, וואָס איז פריער געשטאנען אין מיטעלפונקט פון דער גאנצער יצירה, נישט מער, ווי א געוועהנליכע פלאנעט, וואָס דרעהט זיך אזוי גוט ווי אלע אנדערע פלאנעטען ארום צענטער, ארום דער זון.

גאליליי, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1564 אין פיזא (איטאליען), האָט, ווידער, געשאפען די נייע פיזיק און געשאפען דעם שפּאַקטיוו, ענטדעקט פערשידענע שטערען און די זונפלעקען און אויסגעארבייט טאבעלען פאר דער בעוועגונג פון די שטערען. עס איז בעקאַנט דאָס וואָרט, וואָס ער זאָל האָבען געזאָגט, בשעת די רוימישע אינקוויזיציע האָט

אים געצוואונגען, ער זאָל זיך עפענטליך אָבזאָגען פון דער טעאָריע, אז די ערד בעוועגט זיך. דעמאָלט האָט ער פול וועה אױז קראפט אויסגעשריען: „און זי בעוועגט זיך פאָרט!"

יאָה. קעפלער, געבוירען אין יאָר 1514 אין מאגשטאט, האָט וױיטער ענטוויקעלט די אסטראָנאָמיע, פערברייטערט אונזער וויסען אין מאטעמאטיק, אויסגעארבייט דעם גרויסען שפּאָקטיוו, וואָס טראָגט זיין נאָמען, בעשטימט די געזעצען פון דער נאטור און געוואָרען פערראייביגט דורך די דריי געזעצען אין דער אסטראָנאָמיע, וואָס ער האָט ענטדעקט. נישט דא איז, נאטירליך, דאָס אָרט אויספירליך איבערצוגעבען די בעדייטונג פון די אָנגערופענע גרויסע נאטורפאָרשער. פאר אונזער צוועק איז גענוג דער בעגריף פון גייסט, וואָס האָט געווירקט אין דער נייער צייט און האָט אויך דער פילאָזאָפיע געגעבען א נייע ריכטונג. דער נייער גייסט שטיצט זיך איבערהויפט אויף די צוויי זיילען פון נאטורוויסענשאפט — אויף מאטעמאטיק און פיזיק, פון וועלכע די סכאָלאסטיק האָט גאָרנישט געוואָלט וויסען. דער ערשטער, וואָס האָט גענומען בויען זיין וועלטאָנשויאונג אויף די נייע יסודות פון פרייען זעלבסטשטענדיגען מענשליכען דענקען, איז געוועזן רענא דעקאַרט, שפינאָזאס לערער אין דער פילאָזאָפיע. אָבער דעקאַרט, ווי א תלמיד פון די יעזואיטען, האָט געוואָלט יוצא־זיין פאר אלע דעות און דעריבער גאנץ אָפט געווען צו־סוביעקטיוו. דער ערשטער גרויסער קעמפער פאר פּאָליטיש־פילאָזאָפישע פרייהייט איז געווען שפינאָזא, „דער געבענשטע ש״ח פאר דער אויסגעוואָקסענער מענשהייט". ער האָט דער טעאָלאָגיע געגעבען א טויטקלאפּ, פון וועלכען זי האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט אויפהויבען.

VII.

רענע דעקאַרט און זיין שיטה.

רענע דעקאַרט, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1596, ווערט מיט רעכט גערעכענט פאר דעם פאָטער פון דער נייער פילאָזאָפיע. ער האָט די געגומען בויען אויף גאנץ נייע זעלבסטשטענדיגע יסודות, אָהן שום פאָראויסזעצונג אין גלויבען און איבערליפערונגען. ער זאָגט-ארויס דעם געדאנק, אז אויב מיר ווילען פאָרשען און אונטערזוכען די וואָרהייט, מוזען מיר פריער פערגעסען די אלע מיינונגען און בעגריפען, וואָס מיר האָבען בעקומען פון אונזערע עלטערן, פון אונזערע לעהרער אין שולע אָדער וואָס מיר האָבען ארויסגעלייענט פון ספרים. מיר מוזען צווייפלען אין אלץ, וואָס מיר מיינען, אז מיר ווייסען. מיר מוזען נישט בלויז צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון דעם, וואָס מיר זעהען און הערען, נור אפילו אויך אין די געזעצען פון דער מאטעמאטיק, ווייל עס קאָן דאָך זיין, אז דער מענש איז פון נאטור אזוי בעשאפען, ער זאָל לעבען אין טעות.

דער ערשטער יסוד, אויף וועלכען די פילאָזאָפיע קאָן געבויט ווערען, איז נור דער צווייפעל; איך צווייפעל אין אלץ — דאָס איז דער ערשטער גרונדזאץ, וואָס דעקאַרט שטעלט ארויס אין זיין פילאָזאָפיע.

נאָר אויב מיר צווייפלען אין אלץ, וואָס מיר זעהען און הערען, ווייל מיר זענען חושד אונזער שכל, אונזערע חושים, אז זיי נארען אונז אָב, איז אָבער איין זאך דאָ, אין וועלכער מיר קאָנען נישט צווייפלען, נעמליך, אין דעם פאקט, אז מיר צווייפלען, דאָס הייסט מיר דענקען, מיר ווייסען, אז עס איז דאָ א מענש, וואָס צווייפעלט. צווייפעל איך — דענק איך, אלזאָ, עקזיסטיר איך — דאָס איז דער איינציגער זיכערער זאץ, וואָס יעדער דענקענדיגער מענש מוז אנערקענען.

פון דעם כלל, וואָס מיר האָבען דאָ בעקומען: איך דענק, איך טראכט, דעריבער בין איך, דעריבער עקזיסטיר איך, לאָזט זיך ווייטער פירען דער געדאנק צו בעגרייפען, וואָס הייסט גייסט. ווען מיר הויבען אָן טראכטען, ווי יענער, וואָס דענקט, דאָס הייסט וואָס צווייפעלט, און אלץ, וואָס ער זעהט ארום זיך, ווייזט אים אויס פאלש, זעהען מיר שוין נישט אין שטח קיין שום קערפער, קיין שום מהות, קיין שום פיגור, ווייל אלץ, וואָס מיר זעהען ארום אונז, קאָנען מיר אויסמעקען פון אונזער געדאנק, אלץ, אָבער נישט דאָס דענקען גופא, ווייל ווען מיר ווילען אפילו אויסמעקען דאָס דענקען, דענקען מיר דאָך ווידער אָט דעם גע־דאנק גופא — אז מיר מוזען עפּעס אויסמעקען. דער פועל־יוצא דערפון איז, אז מיר זעהען־איין, אז דער מענש איז אין עצם א דענקענדיג וועזען, א בעשעפעניש, וואָס דענקט, דאָס הייסט, אז ער איז גייסט, נשמה, אינטעליגענץ, שכל. ארויסגעהענדיג פון דער אַבסאָלוטער פערניינונג, געפינט דע־קאַרט אויף דעם אופן אַ זיכערן יסוד, אויף וועלכען ער בוי־אויף זיין סיסטעם.

פון דעם כלל: איך דענק און דעריבער עקזיסטיר איך, קומט, ווידער, ארויס אַן׳אלגעמיינער כלל, דורך וועלכען מיר קאָנען שטענדיג אונטערשיידען די וואָרהייט — פון פאלשקייט, די ריכטיגקייט — פון טעות. דער כלל: איך דענק, אלזאָ, בין איך, עקזיסטיר איך — דינט אונז אלס מוסטער פאר׳ן אמת, פאר זיכערקייט איבערהויפּט, און אלץ, וואָס איז פאר מיר אזוי קלאָר און דייטליך, אלץ, וואָס איז פאר מיר אזוי זיכער, ווי דער פאקט, „אז איך דענק, דעריבער בין איך", איז וואָר און ריכטיג.

איצט, אז מיר האָבען שוין א כלל, מיט וועלכען מיר קאָנען איבערפּרובען אלע ערשיינונגען און געשעהענישען, קאָנען מיר שוין צוטרעטען צו מאכען א רעוויזיע אין אלע אונזערע פאָרשטעלונגען, מיינונגען און אידעען און זעהן, ווי

וויט זיי האלטען אוים דעם כלל. צווישען אונזערע אידעען זענען פאראן אזעלכע, וואס זענען מיט אונז געקומען אויף דער וועלט און אזעלכע, וואס מען האט אונז געלערנט און, יוידער, אזעלכע, וואס מיר האבען אליין דערווארבען. צווישען די אידעען געפינען זיך אויך גאָטאידעען, דאס הייסט די פארשטעלונג פון א בורא, א כל יכול. פון וואנען — פרעגט דעקארט — קאָנען מיר האבען די אידעע? פון אונז גופא קאן זי נישט שטאמען, ווייל איך, אלס אנ'אונפאלקאמענע בעשעפעניש, וואס זעהט ארום זיך נאר אזעלכע אונפאלקאָמענע ברואים, קאן פון זיך אליין נישט בילדען א פארשטעלונג פון עפים פאלקאמענעם, פון א שלום בתכלות השלמות. די אידעע קאָנען מיר דעריבער נישט האבען נור דורך א וועזען, וואס איז טאקי פאלקאמען דורך גאט אליין. ווייל ווען איך פרעג זיך: פון וואנען נעמט זיך צו מיר דער רעיון וועגען א מצוי, וואס איז פאלקאמענער, ווי איך, מוז איך ענטפערן, אז נאר דורך א פאלקאמען וועזען, וואס גע־פינט זיך געוויס אויף דער וועלט. בלייבט דעריבער נאר די איינציגע מעגליכקייט, אז די גאָטאידעע שטאמט אין מיר טאקי פון גאט אליין.

אָבער ווי אזוי האט מיר דער בורא געגעבען די פאר־שטעלונג פון זיין עקזיסטענץ? דורך די חושים קאן עס נישט קומען, ווייל די חושים ארבייטען נאר דורך אויסערע מיטלען: זיי בעגרייפען נאר דאס, וואס זיי זעהען, הערען אדער טאפען מיט די הענט. איך האב עס אויך נישט אויסגעטראכט, ווייל אין אויסטראכטען קאן איך מיט מיין פאנטאזיע פריי ארבייטען: איך קאן פערגרעסערן און פערקלענערן, צו־געבען אדער אראפ־נעמען. אָבער אין דער פארשטעלונג פון גאט קאן איך עס נישט טאן, ער איז שטענדיג דער שלום בתכלות השלמות און איך קאן פון אים גארנישט אראבנעמען און נישט צוגעבען. די פארשטעלונג מוז דעריבער קומען מיט מיר צוזאמען אויף דער וועלט.

אזוי האט דעקארט דעם ערשטען בעוויז פאר דער עקזיס־טענץ פון גאט, ווייל מיר האבען אין אונז די אידעע און

די אידעע קאָן אין אונז נאָר קומען פון גאָט אַליין. דעקאַרט שליסט, אלזאָ, פון דענקען אויף דער עקזיסטענץ. ווייל איך האָב א אידעע פון אזא שלמות וועלכע, איך, אלס מענש, האָב אין מיר נישט, מוז זײַן אזא מצוי, אזא וועזען, וואָס האָט יאָ אין זיך די שלמות און ער האָט עס אין מיר אײַנגעפלאנצט די אידעע פון פאָלקאָמענהייט, וואָס געהערט נאָר אים אליין.

אויב מיר האָבען אין אונז אנ׳אנגעבאָרענע אידעע פון א פאָלקאָמענעם וועזען, פון א מצוי, וואָס ער איז דער תכלית השלמות, די אבסאָלוטע פאָלקאָמענהייט, מוז ער אויך עקזיסטירען, ווייל צו פאָלקאָמענהייט געהערט אויך די עקזיסטענץ. אויב מיר זאָלען אָננעמען, אז די פאָלקאָמענהייט, וואָס מיר שטעלען זיך פאָר, איז נאָר א אידעע און זי עקזיס־טירט נישט אין דער ווירקליכקייט, וואָלט עס דאָך געווען א אינערער ווידערשפּרוך, ווייל צו שלמות, צו דער אבסאָלוטער פאָלקאָמענהייט געהערט אונבעדינגט די עקזיסטענץ. אזוי קומען מיר צום בעשלוס, אז אויב מיר ווייסען, אויב מיר האָבען א אידעע פון גאָט, ווי א פאָלקאָמענהייט, און די אידעע שטאמט נישט פון די חושים, און איז נישט א פּראָדוקט פון ער־פארונג, נאָר זי איז מיט אונז געבוירען, ווייסען מיר ממילא אויך, אז ער עקזיסטירט, ווייל די עקזיסטענץ ליגט אין דער נאטור פון דער פאָלקאָמענהייט. דער בעוויז וואָס דעקארט גיט דאָ אויף דער עקזיסטענץ פון גאָט, הייסט דער אָנטאָלאָגישער בעוויז.

ער וויל דרינגען אויף דער נויטוועגדיגקייט פון דער גאָט־עקזיסטענץ דערפון, וואָס מיר דענקען, וואָס מיר האָבען אין אונז די אידעע פון גאָט. ווי ווייט דערדאָזיגער בעוויז האַלט־אויס די קריטיק, איז אַ פראַגע, וואָס קאָן אונז אין דעם פאַל נישט אינטערעסירען. מיר קאָנען נאָר בעמער־קען, אַז קאַנט האָט אין זיין „קריטיק פון ריינעם שכל״ בעוויזען, אַז די דערמאָנטע ראיה, ווי אויך די אַנדערע פילאָ־

וּאָפּישע ראיות פאַר דער עקזיסטענץ פון גאָט, האַלטען נישט אויס קיין קריטיק.

איצט, אַז מיר האָבען שוין די זיכערקייט — זאָגט ווייטער דעקאַרט — אַז גאָט עקזיסטירט, קאָנען מיר זיך אומקערן פון דאַסניי צום ערשטען פונקט — צום צווייפעל. מיר האָבען אָנגעהויבען דערמיט, וואָס מיר האָבען אין אַלץ מטיל ספק געווען, מיר האָבען נישט געקאָנט פערטרויען אונזער שכל, ווייל מיר האָבען חושד־געווען, אפשר זענען מיר אַזוי געשאַפען פון דער נאַטור, אַז מיר דאַרפען אָבלעבען אַ לעבען אין טעות. איצט אָבער, אַז מיר ווייסען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס איז דורכאויס פאָלקאָמענהייט, אַבסאָלוטע שלמות צו פאָלקאָמענהייט געהערט אָבער אויך די וואָרהייט. און דעריבער קאָן נישט זיין, אַז מיר זאָלען זיין געשאַפען אויף דער וועלט מיט אַ שכל, וואָס איז נישט פעהיג משיג צו זיין דעם אמת און וואָס האָט וועגען אַלץ פאַלשע פאָרשטעלונגען. וואָרום דאָס וואָלט געהייסען, אַז דער בורא האָט פון אונז חוזק געמאַכט און געגעבען אונז אַ פערקערטען שכל, וואָס האַלט דעם שקר פאַר אַן אמת. אַזוי־אַרום ווערט דער צווייפעל, מיט וועלכען מיר האָבען אָנגעהויבען צו פילאָזאָפירען, בעזייטיגט, און מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז פון גאָט, וואָס מוז זיין דער מקור האמת, קאָן קיין פאַלשקייט, קיין נאַרערייִ נישט קומען און אַז אַלץ, וואָס מיר זענען משיג מיט אונזער שכל, קלאָר און דייטליך, דאָס איז טאַקי אין דער ווירקליכקייט אויך אַזוי.

נאָכדעם, ווי מיר האָבען שוין די ריכטיגע גאָט־אידעע און מיר האָבען די זיכערקייט, אַז אַלץ, וואָס קומט־אויס פאַר אונזער שכל קלאָר און דייטליך, איז עס טאַקי אַזוי אין דער ווירקליכקייט, קאָנען מיר איבערגעהן צו דער נאַטורפילאָזאָפיע און פערשטעהן די בעציהונגען צווישען גייסט און מאַטעריע, צווישען חומר און רוח.

דער מקור פון אַלץ, וואָס לעבט אין דער וועלט, איז די

סובסטאנץ, דער סבת כל הסבות, דאס, וואס מיר רופען אן גאט. סובסטאנץ הייסט דאס, וואס עקזיסטירט פאר זיך און דארף צו דער עקזיסטענץ נישט האבען קיין אנדערע, קיין צווייטע סבה. גאט — די אונענדליכע סובסטאנץ, דער אין-סוף, האט נישט קיין שום סבה צו זיין עקזיס-טענץ. ער איז סבת עצמו. זיין אייגענע אורזאך. פאראן אבער צוויי אנדערע סובסטאנצען, וואס זענען שוין נישט קיין סבת עצמם און וואס זענען געשאפען דורך דער אונענדליכער סוב-סטאנץ: דאס זענען די דענקענדיגע און די קערפערליכע סובסטאנצען, דאס איז גייסט און מאטעריע, און צו זייער עקזיסטענץ איז נויטיג די עקזיסטענץ פון גאט.

יעדע פון דיביידע סובסטאנצען האבען זייערע אייגענ-שאפטען, זייערע אטריבוטען, דורך וועלכע מיר דערקענען זייער וועזען, זייער מהות; די אייגענשאפט פון דער מאטעריע איז דאס, וואס זי פערנעמט א געוויסען שטח, א בעשטימטע ארט; די אייגענשאפט פון גייסט איז דאס דענקען. וואס מען זאל נישט זאגען וועגען קערפער, וואס פאר א סימנים מען זאל נישט אויפגעבען וועגען אים, געפינען זיי זיך שטענדיג אין א געוויסען שטח, זיי פערנעהמען א געוויסען ארט. און וואס, ווידער, מען זאל נישט זאגען וועגען גייסט, מיט וואס פאר א סימנים מען זאל אים נישט בעצייכענען, מוזען זיי דאך סוף-כל-סוף קומען אויפ'ן יסוד פון דענקען. קערפער און גייסט, רוח און חומר, געדאנק און מאטעריע זענען אבער צוויי פערשידענע זאכען, וואס יעדע פון זיי קאן נישט בלויז פערשטאנען ווערען אהן דעם צווייטען, נאר זיי זענען זיך גאר אפט סותר איינ-אנדער. דעריבער קומען מיר צום בעשלוס, אז קערפער און גייסט זענען פערשידען און האבען מיט איינאנדער קיין שום שיכות נישט. און דא קומען מיר ממילא צו דער הנחה, אז די נשמה מיט'ן גוף זענען צוויי פערשידענע זאכען, וואס זענען צווישען זיך נאר מעכאניש פערבונדען; דער מענשליכער גוף איז אין עצם נאר א מאשין, אנ'אויטאמאט, וואס דער בורא האט געשאפען פון ערד, עפר מן האדמה. אין קערפער זיצט אפילו

די נשמה פערשפּאַרט, אָבער זי איז נישט צוזאמענגעוואַקסען מיט אים. זי איז אַליין. וואָרום זייער פערבינדונג איז בלויז אַ מעכאַנישע, ווייל זיי זענען נישט נאָר צוויי בעזונדערע עצמים, צוויי בעזונדערע פּאַקטאָרען — זיי זענען אפילו צוויי געגענזעצליכע עצמים, וואָס איינער איז סותר דעם צווייטען. דער קערפּער איז אַזעלבסטשטענדיגע מאַשין, וואָס פונקציאָנירט גאַנץ גוט אָהן דער נשמה און די נשמה ברענגט נאָר אריין אין דער מאַשין אַ נייעם עלעמענט: דאָס דענקען. און טאַקי בלויז דורכ'ן דענקען אונטערשיידט זיך דער מענש פון דער בהמה, פון בעל-חי, וואָס איז, לויט דעקאַרט, נישט מער ווי אַ גאַנץ געוועהנליכע מאַשין.

אזוי האָט דעקאַרט דורכגעפירט אַ פּאָלשטענדיגען דואַליזם, אַ טיילונג אין צוויי חלקים: אין מאַטעריע און גייסט, און האָט דעם מענשען געגעבען אַ בעזונדערן פּלאַץ אין דער לעבעדיגער וועלט. וואָרום נאָר דער מענש אַליין בעזיצט גייסט, נאָר ער האָט אַ נשמה, וואָס דענקט, אַ נפש המשכלת, און אַלע אַנדערע ברואים זענען נישט מער, ווי קערפּער, מאַשינעם, בלויז מאַטעריע, אָהן גייסט.

VIII

ב. שפינאָזאַס לעבען און ווערק.

ברוך שפינאָזא איז געבוירען געוואָרען דעם 24-טען נאָוועמבער אין יאָר 1632 אין אַמסטערדאַם. זיין פאָטער, מיכאל שפינאָזא, האָט געשטאַמט פון אַ פּאָרטוגעזישער יודישער פאַמיליע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער אינקוויזיציע קיין האָלאַנד, דאָס איינציגע לאַנד אין איידאָפּאַ, וואו עס האָבען געפונען שוץ די אַלע פערפאָלגטע און געיאָגטע פאַר זייער גלויבען. ווען שפינאָזא איז אַלט געוועזען זעקס יאָר, איז ביי אים געשטאָרבען די מוטער, און דער פאָטער האָט גענומען אַ צווייטע פרוי.

די ערשטע דערציהונג האָט שפינאָזאָ בעקומען אין דער אַמסטערדאַמער תלמוד־תּורה, וואָס איז זעהר גוט אָוועקגעשטעלט געווען. די רייכע ספרדישע קהלה האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלד, אָוועקצושטעלען דעם למוד אויף אַ געהעריגער מדרגה. אין דערדאָזיגער תלמוד־תּורה האָט שפינאָזאָ בעקומען אַנ׳אויסגעצייכענטע יודישע דערציהונג, און אַז ער האָט געענדיגט די תלמוד־תּורה, האָט ער געוואוסט גאַנץ תּנ״ך אויס־ווענינג. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין דקדוק און אויסגעצייכענט גוט געקאָנט תלמוד און פּוסקים. שפינאָזאָ, וואָס איז געווען פיזיש זעהר שוואַך און קרענקליך, האָט זיך, ווי עס טרעפט דאָס רוב מיט אַזוינע קינדער, אויסגעצייכענט מיט זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען. די תלמוד־תּורה האָט ער געענ־דיגט צום דרייצענטען יאָר און דערנאָך האָט ער געהערט דעם שיעור ביים רב, ר׳ שאול מאָרטייראַ.

אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך בעקענט מיט דער יודישער מיטעלאַלטערליכער ליטעראַטור, געלייענט די יודישע משוררים פון דער ספרדישער תקופה, זיך אינטערעסירט מיט דער יודישער פילאָזאָפיע און אויך מיט די פערשידענע מפרשים אויף תּורה. אַ גרויסע ווירקונג האָט אויף אים געהאַט דער פּרוש פון אבן עזרא אויף חומש מיט זיינע „סודות״, מיט די פער־שטעלטע אָנדייטונגען. נאָר שפינאָזאָ האָט זיך נישט בענוגענט בלויז דערמיט אַליין: ער האָט אויך געלערנט שפּראַכען — דייטש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, האָלענדיש און לאַטיין. די לעצטע שפּראַך, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט די גרעסטע בעדייטונג פאַר דער וויסענשאַפט, האָט שפינאָזאָ גרינדליך געלערנט ביי איינעם פאַן־דען־ענדען. פערשידענע ביאָגראַפען שפינאָזאָס דערצעלען וועגען אַ ליבע, וואָס שפינאָזאָ האָט אין זיין יוגענד געהאַט מיט אַ טאָכטער פון לערער, מיט איינער אַ קלאַרע־מאַריע, וואָס האָט געהאָלפען איר פאָטער און אים אָפט פערטראָטען ביים לערנען מיט די תלמידים. אויף דעם סמך האָט דער דייטשער ראָמאַ־ניסט בערטאָלד אויערבאַך פערפאַסט אפילו אַ גאַנץ גרויסען ראָמאַן, וואו שפינאָזאָ ווערט טראַגיש געשילדערט אין זיין

ליבע איז אַנ'אומגליקליכע. אָבער די שפּעטערע פאָרשונגען האָבען בעוויזען, אַז די „אונגעטרייע" קלאַרע-מאַריע האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1671, ווען זי איז אַלט געווען 23 יאָר. עס קומט, אַלזאָ, אויס, אַז שפינאָזא האָט זיך אין איר פערליבט דעמאָלט, ווען ער איז שוין נישט געווען אין אַמסטערדאַם — אין יאָר 1656 האָט ער פערלאָזען דידאָזיגע שטאָט — און ווען זי איז אַלט געווען 12 יאָר! אויסערדעם, ווייס מען, אַז דער רוהיגער כאַראַקטער שפינאָזאַס און זיין פילאָזאָפישע בעציהונג צום לעבען איז גאָרנישט געווען מסוגל צו אַזוינע זאַכען. די ענטוויקלונג, וואָס שפינאָזא האָט דורכגעמאַכט, זיינע למודים אין פילאָזאָפיע, אין קבלה און דעסגלייכען, האָבען אין אים געוועקט פערשידענע געדאַנקען איבער גאָט און וועלט. און ביסלעכווייז האָט ער זיך דערווייטערט פון דער רעליגיעזער אויפפאַסונג, וואָס האָט געהערשט אין דער פאַנאַטישער ספרדישער קהלה אין אַמסטערדאַם. מען דאַרף דאָך נישט פערגעסען, אַז די דאָזיגע קהלה איז בעשטאַנען דאָס רוב פון אַמאָליגע אנוסים אָדער קינדער פון אנוסים, וואָס האָבען פאַר'ן גלויבען געליטען און זענען דעריבער געווען שטאַרקע מקפידים, כאָטש זיי האָבען דערלויבט צו לערנען פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, ווי די שענסטע ירושה פון דער גאָלדענער שפּאַנישער תקופה.

וועגען דעם סכסוך, וואָס שפינאָזא האָט געהאַט מיט די ראשי הקהל אין אַמסטערדאַם, וואָס האָט געבראַכט דערצו, מען זאָל אים אריינלעגען אין חרם, איז פון פערשידענע ביאָגראַפען, איבערהויפט פון די נישט-יודען, דערצעלט געוואָרען פערשידענע מעשיות. אָבער די נייסטע פאָרשונג האָט בעוויזען אַז דאָס זענען אַלץ בלויז בבא-מעשיות, אַז אין אמת'ן האָט שפינאָזא גאָרנישט איבערגעריסען זיינע בעציהונגען מיט יודען, אַז אַזוי לאַנג ווי זיין פאָטער האָט געלעבט, האָט ער זיך אויפגעפירט יודיש און אַז ער איז אפילו נאָך זיין פאָטערס טויט געקומען אין שוהל אריין, עולה לתורה געווען און דערביי מנדר-געווען זעקס זילבערנע גראָשען. דער סכסוך איז, אַלזאָ, נישט געווען אַזוי וויט רעליגיעז, ווי פּערזענליך, און בעלאַנגט האָט

ער די ראשי-הקהל, וואָס האָבען זיך אין יענער צייט גאַנץ אָפט בענוצט מיט'ן חרם, דורכצופירען זייער פּערזענליכע פּאָליטיק. גאָר ווי די מעשה זאָל נישט זיין, א פאַקט איז עס דאָך, אַז ווען די אמסטערדאַמער ראשי הקהל, וואָס האָבען זיך דערוואוסט, אַז שפינאָזא האָט עפּעס פרייע געדאַנקען בנוגע צו געוויסע עקרים פון דת, האָבען זיי אים גערופען צו קהל און אויפגעפאָדערט, ער זאָל תשובה טאָן.

שפינאָזא האָט געענטפערט מיט אַ׳אויספירליכער שריפט, וואו ער האָט בעלויכטען זיינע אַנזיכטען איבער אמונה און פּאָליטיק און בעוויזען, אַז זיי זענען נישט סותר דעם יודישען דת. אָבער די ראשי-הקהל האָבען עס נישט אָנגענומען און אים מנדה-געווען אויף דרייסיג טעג, ביז ער וועט נישט תשובה טאָן. ווען די צייט איז אַוועק און ער האָט קיין תשובה נישט געטאָן, האָט מען אים דעם 6-טען אָב אין יאָר 1656, ווען ער איז אַלט געווען 24 יאָר, אריינגעוואָרפען אין חֵרֶם. שפינאָזא האָט געגען חרם פּראָטעסטירט מיט אַ גרויסען בריף אין דער שפּאַנישער שפּראַך, געשיקט צו ראשי-הקהל. אָבער בלייבען אין אַמסטערדאַם האָט ער שוין נישט געקאָנט. קהל האָט דעמאָלט גע׳פּועל׳ט ביי דער רעגירונג, מען זאָל אים אַרויסשיקען פון שטאָט און ער האָט זיך בעזעצט אין ריינסבורג.

אין זיין געצוואונגענער איינזאַמקייט האָט שפינאָזא געפונען גוטע פריינד יודען און נישט-יודען, וואָס האָבען זיך אינטערעסירט מיט זיין פילאָזאָפיע. צו דער צייט האָט ער שוין גע-האַט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט געלערטע און פריינד אין פערשידענע לענדער, אָבער געווען איז ער בטבע אַ מענש אַ רוהיגער און האָט זיינע פילאָזאָפישע אַנזיכטען פערטרויט בלויז געלערטע מענשען. אפילו פאַר זיין תלמיד אַלבערט בורג האָט ער אָנגעטרויט בלויז רענע דעקאַרטס פילאָזאָפיע, וואָס ער האָט דערקלערט און אויסגעטייטשט און עס דערנאָך פער-עפענטליכט. פון זיינע אייגענע ווערק האָט שפינאָזא ביים לעבען פערעפענטליכט בלויז דעם איין ספר: „טעאָלאָגיש-פּאָליטי-

שער טראַקטאַט״, אין וועלכען עס ווערט בעהאַנדעלט די פראַגע וועגען דער בעציהונג פון דער מלוכה צום גלויבען. אין דעם ספר רעדט שפינאָזא אַרום אויספירליך דעם ענין פון אמונה און פּאָליטיק און בעווייזט, אַז די מלוכה האָט זיך נישט צו מישען אין רעליגיעזע ענינים. דאָס בוך, וואָס איז ערשינען אונטער אַ פערשטעלטען נאָמען, האָט אויפגעהויבען אַ געוואלטיגען שטורם אין האָלאַנד. אויפ'ן מחבר האָבען זיך געשאָטען קללות און זלזולים פון אַלע זייטען. דער צאָרן איז נאָך שטאַרקער געוואָרען, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, ווער איז דער מחבר.

אין דער צייט האָט דער קורפירשט קאַרל-לודוויג פאָן דער פּפאַלץ פאָרגעלעגט שפינאָזאַ'ן די שטעלע פון אַ פּראָפעסאָר אין דער היידעלבורגער אוניווערזיטעט. אָבער שפינאָזא האָט זיך דערפון אָבגעזאָגט, און אין זיין בריף, וואָס ער האָט געענטפערט אויף דעם פאָרשלאַג, האָט ער געשריבען, אַז ווען ער וואָלט גערעכענט צו ווערען פּראָפעסאָר, וואָלט ער אוודאי די בכבוד'ע שטעלע אָנגענומען. אָבער ער רעכענט גאָר נישט צו ווערען אַמאָל פּראָפעסאָר, ווייל דאָס וועט אים שטערען זיך אָבצוגעבען גאַנץ דער פילאָזאָפיע. דערצו געפינט ער נישט פאַר מעגליך צו פערשפרעכען, אַז אין זיין פילאָזאָפיע וועט נישט בעריהרט ווערען דער הערשענדיגער גלויבען, ווייל די פערשידענע מיינונגען און סתירות אין דער רעליגיע קומען נישט דערפון, וואָס מענשען ווילען טאַקי דערגעהן דעם אמת, נאָר בלויז פון זייערע שוואַכקייטען און פון דער טבע איבערצושפּאַרען איינער דעם צווייטען.

דער פאָרשלאַג פון קורפירשט קאַרל-לודוויג איז אָנגעקומען צו שפינאָזא, ווען ער איז שוין געווען אין האַאַג, וואו ער האָט זיך בעזעצט אין יאָר 1670. געלעבט האָט ער דאָרט גאַנץ איינזאַם ביי איינעם אַ מאָלער פאָן דער שפּייק. טיילמאָל פלעגט ער נישט ארויסגעהן פון שטוב אַ צוויי-דריי טעג, און מיט זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען פלעגט ער זיך אָבגעבען ביי נאַכט. בייטאָג פלעגט ער שלייפען גלעזלעך צו ברילען און צו שפּאַקטיוון און פון דערדאָזיגער מלאכה האָט ער זיך מפרנס-

געוועזן. ער האָט געלעבט זעהר שפּאָרזאַם, זיך געקליידט זעהר בעשיידען און פון פרעמדען נישט געוואָלט הנאה האָבען. דאָס שווערע לעבען און די ארבייט האָבען שטארק געווירקט אויף זיין שוואַכען געזונט און ער איז געוואָרען שווינדזיכטיג. זיינע פריינד האָבען אפילו געזעהן ווי וויים מעגליך אים צו היילען, אָבער זיין אַרט לעבען האָט נישט געקאָנט געענדערט ווערען און געשטאָרבען איז ער דעם 21-טען פעברואר אין יאָר 1677 אין עלטער פון 44 יאָר, איינזאַם און שטיל, ווי א פערבלאָנזשעטע טויב. אַפילו זיינע שכנים זענען דעמאָלט אין שטוב נישט געוועזן. זיין לעבען און זיין טויט וועלען בלייבען א מוסטער פון שענער ערליכקייט און פילאָזאָפישער רוהיגקייט.

פון די ספרים, וואָס ער האָט פערפאַסט איז, ווי געזאָגט, פאַר זיין לעבען געדרוקט געוואָרען נאָר דער „טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט". ערשט נאָך זיין טויט זענען ערשינען זיינע ווערק, פון וועלכע דאָס וויכטיגסטע איז די „עטיק", וואָס איז כולל זיין גאַנצע פילאָזאָפיע. עס זענען אויך ערשינען זיינע בריף, וואָס ער האָט געשריבען צו פערשידענע פריינד וועגען פילאָזאָפישע ענינים, א בוך „איבער דער פערפאָלקאָמונג פון מענשליכען פערשטאַנד", אַ בוך „איבער פּאָליטיק" און אַ העברעאישע גראַמאַטיק, וואָס איז געבליבען נישט פערענדיגט. אויסער די שריפטען, וואָס זענען ארויסגעגעבען געוואָרען באלד נאָך זיין טויט, האָט ער נאָך פערפאַסט ספרים „איבער גאָט, דעם מענשען און זיין גליק" און אַ ווערק „איבער'ן רעגענבויגען". אָבער דידאָזיגע ווערק זענען געפונען געוואָרען ערשט אין יאָר 1869 אין האָלאַנד און דעמאָלט פערעפענטליכט געוואָרען. אייניגע פון זיינע ביאָגראַפען פערזיכערן, אַז שפּינאָזא האָט נאָך פערפאַסט אַ האָלענדישע איבערזעצונג פון דער תורה, אָבער מען האָט עס נישט געפונען צווישען זיינע שריפטען. מעגליך, אז ער האָט עס פאַר'ן טויט פערברענט.

.IX

דער רעליגיעזער און פּאָליטישער מצב אין האָלאַנד.

די תקופה, אין וועלכער שפינאָזא האָט געלעבט, איז פאַר האָלאַנד געווען די גליקליכסטע אין איר געשיכטע. ווען שפינאָזא איז אַלט געווען 16 יאָר, איז געשלאָסען געוואָרען דער פרידען פון וועסטפאַלען, וואָס האָט געמאַכט א סוף פונ׳ם 30-יעריגען אייראָפּעאישען רעליגיאָנסקריג. דערמיט האָט אויך האָלאַנד, לסוף, בעקומען אירע פולע זעלבסטשטענדיגקייט נאָכדעם, ווי זי האָט אכציג יאָר געפירט א פערביטערטען קאַמף מיט דער דעמאָלטדיגער וועלטמאַכט—מיט שפּאַניען. דער מסחר האָט געבליהט, דער האָלענדישער פלאָט האָט געהערשט איבער די ימים און מיט ערפאָלג קאָנקורירט מיט׳ן ענגלישען. אָבער דער גליקליכער מצב פון דעם פרייען לאַנד איז אָפט געשטערט געוואָרען דורך די אינערע רעליגיעזע סכסוכים און דורך דער געפאַר, וואָס איז שטענדיג געהאַנגען אין לופטען מצד ענגלאַנד און נאָכמער מצד פראַנקרייך, וואָס האָט געוואָלט פערניכטען דאָס נעסט פון פרייהייט. כדאי נענטער צו בעקאָנען זיך מיט די אינערע און אויסערע קאַמפען, וואָס זענען דעמאָלט געפירט געוואָרען. דאָס וועט אונז מאַכען פערשטענדליכער שפינאָזאס פּאָליטיש-רעליגיעזע אַנזיכטען און זיין בעדייטונג אין קאַמף פאַר רעליגיעזער פרייהייט.

דער לאַנגער קאַמף מיט שפּאַניען, וואָס די האָלענדער האָבען געפירט פאַר אונאָבהענגיגקייט און רעליגיעזער פרייהייט, און דאָס רעכט צו פירען מסחר מיט אינדיען, האָט זיך געענדיגט אין יאָר 1609 מיט אַ וואָפענשטילשטאַנד, און דאָס פעראייניגטע נידערלאַנד, ווי האָלאַנד האָט דעמאָלט געהייסען, האָט בעקומען אַלץ, וואָס זי האָט געפאָדערט. די מלוכה איז דעמאָלט בעשטאַנען פון גענעראלשטאַטען, פערטרעטער פון זיבען פעראייניגטע פראָווינצען, און זיי האָבען בעדאַרפט בעווילינגען די שטייערן און בעשטעטיגען די געזעצען. אָבער די איספירענדיגע מאַכט איז געלעגען אין די הענט פון העכסטען

ראַט מיט'ן שטאַטהאַלטער אָן דער שפּיץ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרמעע און געהאַט דאָס רעכט צו ענטשיידען איבער קריג און פרידען.

יעדע פּראָווינץ האָט געהאַט איר אינערע אויטאָנאָמיע און די אינערע אַנגעלעגענהייטען זענען ענטשידען געוואָרען אין די פּראָווינצען גופא. די גרעסטע מאַכט האָט אין דער פעראייניגטער רעפּובליק געהאַט די פּראָווינץ האָלאַנד, וואָס איז געווען די גרעסטע און רייכסטע. אָבער קוים האָט זיך די רעפּובליק געזיכערט פון דרויסען דורך דעם וואָפענשטילשטאַנד, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרען דורכ'ן מיניסטער אָלדענבאַרנעוועלט, האָט זיך אָנגעהויבען אַן'אַנדערער רעליגיאָנס-קאַמף, וואָס האָט די רעפּובליק ווידער געשטעלט אין גרויס געפאַר.

די הערשענדיגע רעליגיע איז דאָרט געווען דער קאַלוויניזם, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכ'ן גענפער רעפאָרמאַטאָר קאַלווין. אָבער די רעפאָרמירטע קירך, וואָס האָט אַזוי געקעמפט געגען פּאַפּסט און דעם קלעריקאַליזם, איז אין די גרעניצען פון זיינע געמיינדען געווען גאַנץ אָפט נישט-וועניגער שטרענג און פאַנאַטיש, ווי דער קאַטווליציזם. דערזעלבער קאַלווין האָט געלאָזען אין גענף פערברענען אויף שייטערהויפען דעם פריידענקער מיכאל סערוועט, ווייל יענער האָט נישט מסכים-געווען מיט איינער פון די קריסטליכע דאָגמען. אין יאָר 1609 האָט איינער אַרמיניוס, אַ פּראָפעסאָר אין לײדען, ענטוויקעלט אַ טעאָריע געגען קאַלווינס אַנזיכטען בנוגע צו דער מענשליכער ווילענספרייהייט און האָט עס פערבונדען מיט דער פראַגע וועגען דער הערשאַפט פון אמונה איבער דער מלוכה, בילדונג און טאָלעראַנץ. די הערשאַפט פון דער מלוכה איבער דער אמונה — דאָס זענען געווען די פאָדערונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט און וואָס האָבען באַלד געטיילט דאָס פאָלק אויף צוויי פּאַרטייען. די רעפּובליקאַנער בראש מיט'ן פּאָליטיקער אָלדענבאַרנעוועלט און דער געלערטער הוגאָ גראָטיוס האָבען געהאַלטען מיט די אַרמיניסטען און די גייסטליכע מיט'ן שטאַטהאַלטער אָן דער שפּיץ האָבען פערטיידיגט דעם

קאַלוויניזם. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אינערער קריג און דער מיניסטער אָלדענבארנעוועלט האָט גע'פועל'ט ביי די האָלענדישע שטאַדעפּערטרעטער צו שיקען מיליטערוואַך, צו שיצען אין איינינע ערטער די אַרמיניסטען. דער שטאַטהאַלטער האָט אין דעם אַרויסגעפונען אַ חטא געגען זיין פּערזאָן — דעם איינציגען הערשער איבער'ן מיליטער, און דער סינאָד אין דארדרעכט האָט דערקלערט דעם אַרמיניזם פאַר אפיקורסת, צוטריבען די גייסטליכע און אָנגעגעבען דעם קאַלוויניזם פאַר די איינציגע שטאַטסרעליגיע. אָלדענבארנעוועלט איז געשטאָרבען אין יאָר 1619, ווי אַ מלוכה-פערברעכער, אויפ'ן עשאַפאָט. הוגאָ גראָטיוס האָט מען פערשפּארט אין טורמע. ערשט אין יאָר 1625, ווען דער שטאַטהאַלטער מאָריץ פון אָראַניען איז געשטאָרבען, האָבען די רעפּובליקאַנער ווידער בעקומען די מאַכט און די אַרמיניסטען האָבען בעקומען פּרייהייט צו לעבען לויט זייער איבערצייגונג. די רעליגיעזע סתירות זענען געווען פערבונדען מיט די פּאָליטישע שטרעבונגען; די רעליגיעזע אינטערעסען פון די קאַלוויניסטישע אָרטאָדאָקסען האָבען זיי פערבונדען מיט די אָראַניער, מיט זייערע צענטראַליסטישע בעשטרעבונגען; די רעליגיעזע אינטערעסען פון די אַרמיניסטען האָבען זיך געדעקט מיט די ליבעראַלע שטרעבונגען, מיט די פעדעראַליסטישע פערלאַנגען. און אַזוי האָט זיך דער קאַמף געפירט אויף ביידע געביטען — אויפ'ן רעליגיעזען און פּאָליטישען, און דאָס גליק האָט אַמאָל זיך געגוויגט דאָ אויף דער זייט פון די פעדעראַליסטען, דאָ אויפ'ן צד פון די צענטראַליסטען.

כל-זמן מען האָט געפירט דעם קאַמף מיט שפּאַניען, האָבען די אָראַניער געהאַט די אויבערמאַכט און יעדער, ווער עס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די ליבעראַלען, איז בעטראַכט געוואָרען פאַר אַ פעררעטער. נאָר אַז עס איז געשלאָסען געוואָרען דער שלום פון וועסטפאַלען און די אונאָבהענגיגקייט פון דעם אַמאָליגען האָלאַנד איז געווען געזיכערט, האָט זיך די לאַגע אויף אַ ווייַלע געענדערט. איצט האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר אַ פרייער אינערער ענטוויקלונג.

אַז מען קאָן שוין בעפרייען דאָס פאָלק פון מיליטערלאַסט און פערקלענערן די אַרמעע. און ווען דער שטאַטהאַלטער איז געווען געגען דעם, איז עס געקומען צו קאָנפליקטען צווישען אים און די גענעראַלשטאַטען. דער שטרייט האָט זיך געענדיגט מיט'ן נצחון פון די לעצטע, און אין יאָר 1667 איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דער „איוויגער עדיקט", אַז פון איצט אָן טאָר דער שטאַטהאַלטער נישט פעראייניגען אין זיין האַנט די אַדמיניסטראַטיווע און מיליטערישע מאַכט, אַז ער טאָר נישט זיין שטאַטהאַלטער און גלייכצייטיג אויך גרויסאַדמיראַל.

די רעפובליקאַנער, וואָס האָבען געהאַט די אויבערמאַכט אין האַנט, האָבען זיך אָבער לאַנג נישט געקאָנט פרעהען. אויב זיי האָבען דערגרייכט אַ געוויסע זיכערהייט געגען שפּאַניען און ענגלאַנד, איז אָבער איצט אויפגעשטאַנען געגען זיי אַ פיל גרעסערער, פערליכערער שונא — דער קעניג לודוויג דער פערצענטער פון פראַנקרייך. יענער הערשער, וואָס האָט בעקומען ביי זיינע הויף-לייט דעם נאָמען דער „זונקעניג", האָט געהאַט אַ שטאַרקען חשק צו ווערען דער הערשער איבער אייראָפּאַ און צוריק פערפלאַנצען אין איר דעם קאַטוילישען גלויבען. די נידערלענדישע גענעראַלשטאַטען, וואָס זענען געווען די פעסטונג פון פראָטעסטאַנטיזם און גלויבענספרייהייט, זענען אים און זיין הויף געווען ווי אַ דאָרן אין אויג. ער האָט דעריבער אין יאָר 1672 דערקלערט קריג די האָלענדישע פּראָווינצען. זיין אַרמעע איז אונטער דער פירונג פון גענעראַל קאָנדע אַריבער דעם ריין, דורך די דייטשע פּראָווינצען זיך אַריינגעריסען קיין האָלאַנד און פערנומען ליטיך, אוטרעכט און אַנדערע גרויסע שטעט. ער איז שוין געשטאַנען פאַר די טויערן פון אַמסטערדאַם. אין אָט דער שווערער צייט האָבען, נאַטירליך, די אָנהענגער פון דעם אָראַנישען פּרינץ אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע שולד אויף די רעפובליקאַנער. זיי בעשולדיגען דעם מיניסטער יאָהאַן דע-וויט, אַז ער האָט אָנגערייצט פראַנקרייך אויף די האָלענדישע פּראָווינצען, דאָס פאָלק מאַכט אַ אינערע רעוואָלוציע און יאָהאַן דע-וויט מיט זיין ברודער

קאָרנעליוס זענען אויפ'ן מיטען גאס בעפאַלען געוואָרען פון המון און דער'הרג'עט געוואָרען אויף אַ שרעקליכען אופן. די הערשאַפט איז ווידער איבערגעגאַנגען צו די אָראַניער. דער שרעקליכער טויט פון די ברידער דע-וויט האָט אויף שפינאָזא'ן, וואָס איז געווען אַ גרויסער מקורב מיט'ן מיניסטער דע-וויט, געמאַכט אַ שווערען איינדרוק. אויסערדעם, איז שפינאָזאַס נאָמען פערבונדען געוואָרען מיט'ן פירער פון דעם שונא'ס מיליטער. דער פראַנצויזישער גענעראַל קאָנדע האָט געהאַט איינגעלאַדען דעם פילאָזאָף צו זיך אין לאַגער אַריין, קיין אוטרעכט, און דעריבער האָט דער המון אויך אים בעשולדיגט, אַז ער האָט אַ שייכות צו די שונאים פון לאַנד.

דאָס איז געווען די אַלגעמיינע פאָליטישע און רעליגיעזע לאַגע אין האָלאַנד אין דער צייט פון שפינאָזא, און פון אָט דער לאַגע פערשטעהען מיר ערשט די בעדייטונג פון זיין ערשטען ווערק — „טעאָלאָגיש-פאָליטישער טראַקטאַט", אין וועלכען שפינאָזא טרעט אַרויס אַלס קעמפער פאַר פרייהייט פון גלויבען און געוויסען.

X.

די יסודות פון שפינאָזאס פילאָזאָפיע.

דאָס ערשטע און איינציגע ווערק, וואָס שפינאָזא האָט פערעפענטליכט פאַר זיין לעבען, איז דער אָנגערופענער „טעאָלאָגיש-פאָליטישער טראַקטאַט". אין דעמדאָזיגען ווערק דאַרף בעוויזען ווערען — ווי שפינאָזא שרייבט גלייך אויפ'ן שער — אַז די מלוכה דאַרף דערלויבען פריי צו פילאָזאָפירען, ווייל אין פרייען דענקען שטעקט נישט קיין שום סכנה פאַר דער אמונה און פאַר'ן שלום אין לאַנד. פערקערט, דאָס פערבאָטען צו פילאָזאָפירען שטעלט אין סכנה די אמונה און דעם שלום אין לאַנד. כדי צו בעווייזען עס, נעמט זיך שפינאָזא קריטיקירען די כתבי הקודש און פון זיי גופא בעווייזט ער, אַז די טעאָלאָגיע און דער מענשליכער שכל זענען צוויי זאכען, וואָס זענען איינער

פון צווייטען נישט אָבהענגיג און אז אין א פרייער מלוכה מעג יעדער דענקען, ווי ער וויל, און ריידען, ווי ער דענקט. דאָס אַלץ ווערט בעוויזען פון דער תורה און די נביאים, אָבער צו פערשטעהן שפינאָזאס געדאַנקען, שפינאָזאס בוך, וואָס איז גראָד פאַר אונז, יודען, זעהר וויכטיג, מוזען מיר זיך פריער בעקאַנען מיט די יסודות פון שפינאָזאס פילאָזאָפיע. ווייל בשעת שפינאָזא האָט פערעפענטליכט דאָס בוך, האָט ער שוין געהאַט פאַרטיג אינגאַנצען זיין פילאָזאָפיש סיסטעם און אין דעם דאָזיגען ווערק האָט ער זיך שוין געשטיצט אויף די פילאָזאָפישע יסודות פון זיין הויפטווערק—פון זיין „עטיק".

מיר האָבען שוין אויבען אָנגעוויזען, ווי אַזוי די פילאָזאָפיע האָט זיך בעפרייט פון דער הערשאַפט פון דער מיטעלאַלטערליכער סכאָלאַסטיק, זיך געעפענט אַ וועג צום פרייען דענקען, אויסמיידענדיג די רעליגיע. דער וועג צום פרייען דענקען האָט זיך באַלד לכתחילה פערצווייגט אין צוויי ריכטונגען: די ריכטונג פון גייסט און די ריכטונג פון נאַטור.

אונז אינטערעסירט דאָ די ערשטע ריכטונג, דער וועג פון גייסט, ווייל ברוך שפינאָזא איז איינער פון די ערשטע און גרעסטע פירער אויף דעם וועג. די פערטרעטער פון דער ריכטונג הייסען געוועהנליך ראַציאָנאַליסטען (ראַציאָ—פערנונפט, שכל) אָדער ווי זיי הייסען אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע—דאָגמאַטיקער. די שיטה, ווי געזאָגט, האַלט, אז דער מענשליכער שכל איז בכח אַלץ משיג צו זיין מיט דער הילף פון דער מאַטעמאַטיק, מיט דער הילף פון דער חכמת החשבון. און אַלץ, וואָס דער מענשליכער שכל קען בעווייזען לאָגיש, מאַטעמאַטיש, איז אויך אמת. אָדער נאָר דאָס אין אמת און דאָס איבעריגע, אין וואָס מענשען האָבען געגלויבט און געלערנט, איז אַ טעות אָדער אַ שווינדעל. דערפאַר אָבער גלויבען די אָנהענגער פון דערדאָזיגער שיטה אין דער אומבעשרענקטער קראַפט פון שכל און זיינע פעהיגקייטען,

וואָס זענען נישט בלויז בכח אַלץ משיג צו זיין און צו דער־קלערן, נאָר אויך אין דער אונבעשרענקטער הערשאַפט פון שכל איבער דער נאַטור. אַלץ, וואָס דער מענשליכער שכל האָט אָנגעוויזען פאַר ריכטיג, מוז אויך זיין ריכטיג אין דער נאַטור. די נאַטור, די גאַנצע וועלט, די בריאה איז בכלל גע־שאַפען לויט די לאָגישע מאַטעמאַטישע געזעצען פון מענשליכען שכל. שפּינאָזא בויט דעריבער זיין סיסטעם לויט די יסודות פון דער געאָמעטריע. און אַזוי ווי אין דער געאָמעטריע, ווי אין דער מאַטעמאַטיק בכלל, ווערט געשטיצט איין געזעץ אויפ'ן צווייטען און ווער עס ווייס, למשל, אַז צוויי מאָל צוויי — איז פיר, מוז ממילא שוין מודה זיין אין דער ריכטיגקייט פון די העכסטע מאַטעמאַטישע געזעצען, קאָן מען אויך, אַזוי מיינט שפּינאָזא, בויען די פילאָזאָפיע אויף פעסטע יסודות און אירע געזעצען זאָלען האָבען דיזעלבע איבּיגע גילטיגקייט, ווי די געזעצען פון דער מאַטעמאַטיק. און שפּינאָזאס סיסטעם איז טאַקי געבויט געוואָרען לויט דעם מוסטער פון דער מאַטעמאַטיק און אויך ביי זיין סיסטעם גילט דאָס געזעץ, אַז ווער עס אָנערקענט דעם ערשטען כלל פון זיין פילאָזאָפיע, מוז שוין ממילא אָנערקענען זיין גאַנץ סיסטעם.

די ראַציאָנאַליסטישע שיטה אין דער פילאָזאָפיע, פון וועלכער שפּינאָזא איז איינער פון די הויפּטפערטרעטער, איז אויך די אידעאַליסטישע, ווייל זי גלויבט אויך אין דעם כח פון דער אידעע, פון רעיון, פון מענשליכען שכל, צו בעגרייפען און פערשטעהן אַלץ. זי איז אָבער גלייכצייטיג אויך דאָגמאַטיש, ווייל זי גלויבט און איז זיכער אין דער אונ־בעשרענקטער קראַפט פון שכל און פּרובט זיך גאָרנישט קריטי־קירען די ראַציאָ, דעם שכל, די מענשליכע פערנונפט און זעהן ווי וויט איר כח דערגרייכט. די אַרבייט, צו קריטיקירען דעם מענשליכען שכל און אויפדעקען זיינע גרעניצען, האָט ערשט דורכגעמאַכט דער גרויסער פילאָזאָף עמנואל קאַנט און זיין סיסטעם הייסט דעריבער „דער קריטישער אידעאַליזם,

אָדער דער פילאָזאָפישער קריטיציזם״.

שפינאָזא איז אָבער געווען דער שאַרפסטער און טיפסטער ראַציאָנאַליסט, וואָס די פילאָזאָפיע האָט ווען געהאַט. ער האָט אַלץ געשטעלט אויפ׳ן שכל מיט זיינע לאָגיש-מאַטעמאַטישע גע- זעצען און אָט דעם ראַציאָנאַליסטישען מעטאָד האָט ער אויך אָנ- געווענדט ביי דער ביבעלקריטיק אין זיין בוך „דער טעאָלאָגיש- פאָליטישער טראַקטאַט״. שפינאָזא האַלט, אַז אפילו די אמונה צו- זאַמען מיט דער תורה שטעהען אונטער דער קאָנטראָל פון מענש- ליכען שכל און אַז עס קאָן אין עצם ניטש געבען קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין למעלה מן השכל. היינט ווייסען מיר גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ טעות. דער מענשליכער שכל איז גאָר- נישט אַזוי אונבעגרענצט אין זיין חשק אַלץ משיג צו זיין. אויך ער, דער שטאָלצער הערשער אין דער מלוכה פון גייסט, האָט זיינע גרעניצען, וואָס ער קאָן זיי נישט אַריבער. אָבער שפינאָזא האָט פון קיין שום גרעניצען נאָך נישט געוואוסט, ביי אים טאָר קיין זאַך נישט בלייבען אונדערקלערט. און אָט פון דעם שטאַנדפונקט בעהאַנדעלט ער אויך די פערגאַנגענהייט, די אמונה מיט אַלע אירע ערשיינונגען, ווי די נבואה, התגלות אלהים, בחירת עם ישראל א. אז. וו.

XI.

פילאָזאָפיע, פאָליטיק און רעליגיע.

די טרויעריגע געשעהענישען אין האָלאַנד, די רעליגיעזע סכסוכים און פאָליטישע שטרייטען, וואָס זענען פאָרגעקומען און אפשר אויך זיין פערזענליכער קאַמף מיט די ראשי הקהל פון אַמסטערדאַם, האָבען דעם רוהיגען שפינאָזא געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך נעמען פאָרשען די בעציהונג פון דער אמונה צו מלוכה און פילאָזאָפיע, און אָנווייזען יעדערער פון זיי אירע נאַטירליכע גרעניצען. דערביי מוז מען געדענקען, אַז שפינאָזא רעדט

שטענדיג נישט פון רעליגיע אין דעם ריינעם זין פון וואָרט, נאָר פון טעאָלאָגיע, נישט פון רעליגיעזער בענקשאַפט נאָך גאָט, נאָר פון דער טעאָלאָגישער פאָרמולירונג פון אמונה, ווי זי בעווייזט זיך אין די הערשענדיגע קירכען. ווי אַראַציאָנאַליסט, האַלט שפינאָזא, אַז דער מקור פון דער טעאָלאָגיע, פון וואַנען זי שעפּט אירע כחות, ליגט אין דער מענשליכער שוואַכקייט, אין דעם, וואָס ער ווייס נישט די אמת׳ע סבות, וואָס ווירקען אין דער נאַטור. אפילו די גרעסטע מענשען, ווי אַלעקסאַנדער מוקדון, למשל, האָבען אין אַנ׳עת-צרה פערלאָרען דעם מוט און האָבען זיך געווענדט צו דער הילף פון פערשידענע מכשפים, קמיעות-שרייבער און וואַרזאָגער. אַזוי ווי דער המון איז שטענדיג אומגליקליך, דעריבער איז ער שטענדיג אַבערגלויביש. ער האָפט שטענדיג אויף דער הילף און אויסלייזונג פון די איבערנאַטירליכע כחות. און אָט די שוואַכקייט פון המון האָט די טעאָלאָגיע אויסגענוצט און בעשאַפען אַ גאַנץ פערוויקעלט סיסטעם פון איבערנאַטירליכע פאָרשטעלונגען, פון געבאָטען און פערבאָטען און מיט זייער הילף געשמידט דעם מענשען אין קייטען. אַזוי איז זי געוואָרען די הערשערין איבער זיין לעבען. שפינאָזא נעמט זיך דעריבער צו בעווייזען, אַז די טעאָלאָגיע האָט איר בעשרענקט געביט, וואו זי מעג הערשען, אָבער זי האָט מיט דער פילאָזאָפיע קיין שום שייכות נישט און מוז אַבסאָלוט זיין אונטערטעניג דער מלוכה. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז די רעליגיע איז אַזוי גוט, ווי די פילאָזאָפיע, דאָס הייסט אַז זי איז אויך אַ סיסטעם פון וויסען און דערקאָנען נאַטור און לעבען, מוז עס אונבעדינגט פירען צו קאַמף און קריג. ביי אַזאַ בעציהונג קאָן צווישען רעליגיע און פילאָזאָפיע קיין שלום נישט זיין, ווייל די רעליגיע האַלט, אַז זי האָט איר סיסטעם בעקומען דורכ׳ן געטליכען ליכט און די פילאָזאָפיע שטיצט זיך אויפ׳ן נאַטירליכען ליכט פון מענשליכען שכל. עס קאָן דעריבער ביי אַזאַ נישט-גלייכען יחוס גאָר קיין רייד נישט זיין וועגען פרייהייט פון געדאַנק. די רעליגיע איז דעמאָלט דער איינציגער מקור פון אמת, און יעדער געדאַנק, וואָס איז סותר דעמדאָזיגען אמת, מוז ווערען אונטערגע-

דריקט, ווי אַ שטאַרקער חטא. עס קאָן ממילא אויך נישט זיין קיין רייד וועגען געוויסענספרייהייט, וועגען פרייהייט פון מיינונגען און איבערצייגונגען, ווייל די קירך האלט זיך דעמאָלט פאַר בערעכטיגט צו בעשטראָפען און פערפאָלגען יעדען, וואָס דערלויבט זיך צו האָבען אַנ׳אייגענע מיינונג. עס מוז אויך דעריבער קומען צו אַ קאָנפליקט צווישען דער קירך מיט דער מלוכה, ווייל די אויפגאַבע פון דער מלוכה איז צו זאָרגען פאַר די בירגערליכער רוה און אָרדנונג אין לאַנד. די רוה און אָרדנונג מוזען אָבער געשטערט ווערען דורך דער קירך, וואָס דריקט-אונטער די פערזענליכע פרייהייט פון מיינונגען און איבערצייגונגען. די מלוכה, ווידער, קאָן נישט דערלאָזען דער קירך, זי זאָל הערשען אין לאַנד, ווייל דערמיט שטעלט זי אין סכנה די זיכערקייט און דעם סדר פון דער מלוכה. דעריבער מוז הערשען אַנ׳אייביגע שנאה, אַ ביטערער קאַמף צווישען רעליגיע און פילאָזאָפיע פון איין זייט און צווישען דער רעליגיע און מלוכה פון דער צווייטער זייט.

די מלחמה צווישען די גייסטליכע און וועלטליכע כחות איז אונפערמיידליך, אויב מען נעמט-אָן, אַז די רעליגיע איז אַ סיסטעם פון ידיעות איבער נאַטור און לעבען, וואָס דער בורא האָט געגעבען דעם מענשען. דאָס איז אָבער אַ טעות! — זאָגט שפינאָזא. די רעליגיע איז נישט קיין פילאָזאָפיש סיסטעם, וואָס גיט אַ תשובה אויף די פראַגען, וואָס זענען שייך צו נאַטור און לעבען און זי וויל עס גאָרנישט זיין. רעליגיע און פילאָזאָפיע זענען צוויי בעזונדערע געביטען, צוויי פערשידענע מדינות אין דער גרויסער מלוכה פון גייסט, וואָס דאַרפען גאָרנישט קאָנקורירען צווישען זיך. דער אינהאַלט פון אמונה איז נישט קיין פילאָזאָפישער אמת און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קיין פילאָזאָפישע אידעען. איר אויפגאַבע איז נאָר די מאָראַלישע דערציהונג פון מענשען, זי לערנט אים בלויז דאָס, וואָס איז גוט און האַרציג, זי ווייזט אים נאָר זיין ציל אין לעבען, אַלס מענש, און פאָדערט פון אים צו זיין פרום און גאָטספאָרכטיג, געהן אין

ווענ פון יושר און דערפילען אַלע געבאָטען. אָבער זי לערנט ניששט קיין אייביגע אמת'ן וועגען פילאָזאָפישע פראַגען. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז רעליגיע איז נישט קיין סיסטעם פון ידיעות איבער נאַטור און לעבען בכלל, אַז זי האָט נישט צו טאָן מיט'ן מענשליכען שכל, נאָר מיט זיין הארץ; אַז זי לערנט נישט דעם מענשען קיין פילאָזאָפישע וואָרהייטען, נאָר ריין עטישרע-ליגיעזע ענינים -- דעמאָלט הערען ממילא אויף אַלע סכסוכים צווישען איר מיט דער פילאָזאָפיע, ווי אויך מיט דער מלוכה. דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך נאָר וועגען מוסר, וועגען דברים שבלב, קאָן מען קיין געוואַלט נישט אָנווענדען און קיין גע-וואַלט קען דאָרט נישט העלפען. אויב די רעליגיע וויל געברויכען געוואַלט, אויב זי וויל צווינגען די מענשען, זיי זאָלען אָנערקענען איר אמת, געהט זי דערמיט אַראָב פון איר ריכטיגען וועג און איז זיך אַליין סותר; זי גראָבט דערמיט אַליין אונטער איר יסוד און זי ווערט געפעדליך פאַר דער פרייער וויסענשאַפט, ווי פאַר דער מלוכה. אַזוי זענען פילאָזאָפיע און מלוכה פער-אינטערעסירט אין דער בעגרענצונג פון דער רעליגיעזער מאַכט, פון איר גבול, אַז זי זאָל וויסען, ווי וויט זי מעג און קאָן געהן. די רעליגיע, לויט איר אמת'ן מהות, איז נישט אָבהענגיג פון דער מלוכה, ווייל זי קאָנקורירט נישט מיט איר און די מלוכה איז נישט אָבהענגיג פון דער קירך. אָבער די פרייהייט פון דער רעליגיע איז נאָר נוגע, בעציהט זיך נאָר אויף איר אינערן מהות, אויף איר עצם, כל-זמן זי פערנעמט זיך מיט דער מענשליכער מאָראַל, מיט אמונה. ווערט זי אַ קירך און האָט אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע, איז זי אונטערגעוואָרפען אונטער דער קאָנטראָל פון דער מלוכה, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע מענשליכע אָרגאַניזאַציעס.

אַזוי פערבינדט שפינאָזא די אינטערעסען פון דער מלוכה מיט די אינטערעסען פון דער פילאָזאָפיע. אויב דער נאַטיר-ליכער מענשליכער שכל איז אונטערגעוואָרפען דער הערשאַפט פון דער רעליגיע, מוז איר די מלוכה אויך זיין אונטערגעוואָרפען און מקבל-זיין אויף זיך איר הערשאַפט. אויב דער מענשליכער שכל

איז פריי אין זיין וועג, אויב פילאָזאָפיע און רעליגיע זענען נישט קיין קאָנקורענטען ווייל זיי זענען גאָר שתּי רשויות, צוויי בעזונדערע געביטען, וואָס בערירען נישט איינער דעם צווייטען, איז אויך די מלוכה, וואָס שטיצט זיך אויף נאַטירליכען רעכט, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון נאַטירליכען שכל, נישט אָבהענגיג פון דער רעליגיע.

אָבער די רעליגיע שטיצט זיך דאָך אין אירע פאָדערונגען אויף די כּתבי הקודש, זי טענה'ט דאָך, אַז זי האָט דאָקומענטען, וואָס זענען פון גאָט געגעבען און מען קאָן דעריבער אין זייער ריכטיגקייט גאָר נישט מטיל ספק זיין!

עס בלייבט דעריבער די אויפגאַבע נאָכצופאָרשען אין די כּתבי הקודש און זעהן, ווי ווייט זיי זענען טאַקי ווערטליך פון גאָט געגעבען. וואָרום אויב דאָס איז אַזוי, האָט די טעאָלאָגיע אַ זיכער באָדען און דער מענשליכער שכל מוז זיך פערבויגען און זיך אונטערוואַרפען דער געטליכער אויטאָריטעט. שפינאָזא נעמט זיך דעריבער פאָרשען אין דער ביבעל און ער געפינט, אַז די כּתבי הקודש מוזען גענומען ווערען היסטאָריש און אַז מען קאָן זיי פערשטעהן נאָר דעמאָלט, ווען מען באַטראַכט זיי אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צייט, ווען זיי זענען געשאַפען געוואָרען. ער געפינט דעריבער, אַז אַלע פריערדיגע מפרשים פון די כּתבי הקודש, וואָס האָבען זיך אָדער געמאַטערט אַריינצולעגען אין די ווערטער פון דער ביבעל פערשידענע כּוונות, כּדי זיי זאָלען קומען אין הסכּם מיט זייערע פילאָזאָפישע איבערצייגונגען אָדער זיי האָבען אַלץ, וואָס דאָרט ווערט דערצעלט, דערקלערט פאַר איבערנאַטירליכע ענינים, פאַר התגלות אלהים, אין וועלכע מען מוז גלויבען, כאָטש זיי זענען סותר דעם מענשליכען שכל—אַז די דאָזיגע מפרשים האָבען געלעבט אין טעות.

שפינאָזא האַלט, אַז דיביידע מעטאָדעס זענען פאַלש. אָנשטאָט דעם, פירט שפינאָזא איין דעם היסטאָריש-קריטישען מעטאָד און ער איז דער ערשטער, וואָס בענוצט זיך מיט דעם מעטאָד פון ביבעלקריטיק צו פערשטעהן די

כּתבי-הקודש. דערבײ האַלט שפּינאָזא, אַז די כּתבי-הקודש מוזען פערשטאַנען ווערען נישט דורך פּשט׳לעך און טעאָריעס, וואָס שפּיצער וועט אויסטראַכטען, נאָר פון אינעווענינ, פון זײערע אײגענע ווערטער און דערצעלונגען. אַזוי גוט ווי די נאַטור קאָן דערקלערט ווערען נאָר דורך אירע אײגענע געזעצען, אַזוי מוזען אויך די כּתבי-הקודש דערקלערט ווערען דורך זײערע אינערע געזעצען. דער חילוק איז נאָר, וואָס די נאַטור ווערט דערקלערט לויט די געזעצען פון פיזיק און די כּתבי-הקודש, ווי היסטאָרישע שריפטען, מוזען דער-קלערט ווערען היסטאָריש. אויב מען וויל וויסען, וואָס די כּתבי-הקודש זענען און ווי מען דאַרף זיך צו זײ בּעציהען, דאַרף מען פרעגען בּײ זײ גופא, זעהן, וואָס זײ האָבען אַלײן געמײנט מיט זיך און פאַרוואָס זײ האָבען געוואָלט גילטען. די כּתבי-הקודש, מײנט שפּינאָזא, זענען געשריבען געוואָרען אין פערשי-דענע צײטען און פערשידענע נוסחאות און זײ קאָנען שוין דע-ריבער נישט שטאַמען ווערטליך פון גאָט; אַז די נביאים זענען נאָר געווען גרויסע מכיחים, מאָראַליסטען, אָבער נישט קײן פילאָזאָפען און זײ האָבען דעריבער געקאָנט האָבען נישט קײן ריכטיגע פאָרשטעלונגען וועגען דער נאַטור און אירע געזעצען. דער ערשטער קאַפּיטעל פונ׳ם „טעאָלאָגיש-פּאָליטישען טראַקטאַט“ מאַכט דעריבער קלאָר דעם ענין פון נבואה, כּדי דערנאָך איבּערצוגעהן צו דער פראַגע וועגען בּחירת עם ישראל, איבּער דעם געטליכען געזעץ, איבּער דינים, איבּער ניסים א. או. וו.

XII.

נביאים און נבואה.

מיר האָבען שוין אויבּען אָנגעוויזען, אַז שפּינאָזא איז אַ שטרענגער ראַציאָנאַליסט, אַז ער גלויבּט אין כּח פון שכל און זײן פעהיגקײט אַלץ משיג צו זײן. מיט דעמפּראָזיגען גלויבּען געהט ער אויך צו דער נבואה און וויל אונז דערקלערן איר מהות, און וואָס מיר האָבען אין

איר צו גלויבען. דערביי איז שפינאָזא א טיף-רעליגיעזע נאַטור און ער איז איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס ער דער־קלערט, שטעהט אין הסכם מיט דער אמת'ער אמונה און אַז ער איז געקומען ערשט קלאָר צו מאַכען אין דער אמונה, וואָס אַנדערע האָבען פערקריפּעלט און פערקרימט. „אין הסכם, זאָגט ער, מיט דער צייט, מיט דער פילאָזאָפיע, ווי אויך מיט'ן ענין גופא וויל איך עס אויספירליך אַרומריידען, זיך נישט קימערען, וואָס דער אַבערגלויביגער וועט זיך ערגערן, ווייל ער איז אַמיינסטען אויפ־געבראַכט אויף די־יעניגע, וואָס זוכען אין וויסענשאַפט און לעבען דעם ריינעם אמת. מיר זענען שוין, לײדער, אַזוי ווייט געקומען, אַז מענשען, וואָס זענען אַליין מודה, אַז זיי האָבען פון גאָט קיין שום בעגריף נישט און זיי דערקאָנען אים נאָר דורך די בעשאַפענע זאַכען, וואָס די סבה פון זיי פער־שטעהען זיי נישט, שעמען זיך נישט צו בעשולדיגען די פילאָ־זאָפיע אין אַטעאיזם" (זייט 57). מיר זעהען, אַז שפינאָזא איז איבערצייגט, אַז ער האָט משיג־געווען דעם אמת נישט בלויז אין וועלטליכע זאַכען און מיט פעסטען גלויבען טרעט ער אויך צו צו דעם ענין פון נבואה.

נבואה אָדער התגלות אלהים הייסט די זיכערע הכרה, די ריכטיגע דערקאָנונג, וואָס גאָט האָט דעם מענשען מגלה־געווען. אָבער א נביא איז נישט מער ווי דאָס וואָרט בעדייט אין העברעאיש, דאָס הייסט דאָלמעטשער, וואָס גיט־איבער דאָס, וואָס גאָט האָט אים מגלה־געווען. אַנדערע מענשען זענען אַליין נישט מסוגל דערצו און מוזען גלויבען דערין, וואָס דער נביא זאָגט. די נבואה איז אָבער א זאַך, וואָס איז אַמאָל געווען און עקזיסטירט שוין נישט מער. מיט אונזער שכל אויפ'ן גרונד פון אונזערע היינטיגע ידיעות קאָנען מיר נישט פערשטעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר מיר מוזען עס בעגרייפען ווי ווייט עס איז איבערהויפּט מעגליך, פון דעם, וואָס די נביאים גופא דערצעלען אונז פון זיך און פון דער נבואה. מיר מוזען זוכען צו פערשטעהן די נבואה פון אירע אייגענע ווערטער און נישט פון דעם, וואָס פערשידענע מפרשים האָבען

ך געפּרובט אַריינקוועטשען און אַרויסדרינגען פון זייערע רייד.
די כּתבי־הקודש ריידען שטענדיג אין גאָטס נאָמען, אָבער ערפון איז נאָך נישט געדרונגען, אַז אַלץ, וואָס זיי דערצעלען ונז, איז נבואה. אין אמת'ן איז עס נאָר די פאָרם פון יודישען דענקען: די פאָרם פון ריידען ביים פרומען יודען, וואָס שרייבט־צו אַלץ, וואָס ער טוט, דער העכערער מאַכט, דער השגחה העליונה. אַזוי זאָגט דער יוד, וואָס מאַכט אַ גוט געשעפט, אַז גאָט האָט עס אים צוגעשיקט. מיר מוזען אונטער־שיידען צווישען דעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען אין די כּתבי־הקודש, אַלס נבואה, און דעם, וואָס איז ריין־מענשליך, לויט דעם אינהאַלט און צוזאַמענהאַנג פון ענין.

אַז מיר פערטיפען זיך אין די כּתבי־הקודש, געפינען מיר, אַז אַלץ, וואָס דער בּורא האָט מודיע־געווען די נביאים, איז געשעהן אָדער מיט ווערטער אָדער נאָר אין בּילדער (בּמראה), אָדער אין ווערטער און בּילדער צוזאַמען. די בּיידע זענען צום טייל געווען ווירקליכע און צום טייל איינגערעדטע, איינגע־בּילדעטע, וואָס דער נביא האָט געמיינט אַ דאַנק זיין שטאַרקען כּח המדמה, אַז ער זעהט עס און הערט עס טאַקי בּאמת. משה רבּינו האָט, ווירקליך, געהערט אַ קול אלהים. אַזוי דערצעלט אונז די תורה. אויך דאָס פאָלק ישראל האָט ביים בּאַרג סיני גע־הערט אַ קול אלהים, נישט־געקוקט דערויף, וואָס די אַלטע מפרשים האָבען זיך געפּרובט דערקלערן, אַז דאָס פאָלק האָט נאָר געהערט אַ רעש אָהן ווערטער און די עשׂרת הדבּרות האָבען זיי פערנומען אין האַרצען. אָבער מיר קאָנען נישט אָנטאָן קיין געוואַלט דעם פּסוק און מיר מוזען אָננעמען, אַז דער בּורא האָט טאַקי גערעדט מיט זיי פּנים בּפּנים, ווי עס שטעהט בּפירוש אין דער תורה: „פּנים אל פּנים דבּר ה' עמכם בּהר מתּוך האש" (דברים ה, ד). די מפרשים האָבען עס אַזוי אויס־געטייטשט, ווייל זיי האָבען נישט געקענט דערלאָזען די פער־קערפּערונג, דעם אַנטראָפּאָמאָרפיזם, וואָס ליגט אין די ווערטער. אין אמת'ן אָבער זענען די כּתבי־הקודש פול מיט אַזעלכע פאָרשטעלונגען, ווייל דער צוועק פון דער תורה, ווי פון

די נביאים, איז נישט צו געבען א פילאָזאָפישע וועלט-אַנשויאונג. ניין, דער צוועק איז שטענדיג א פראקטי-שער: זיי ווילען נאָר לערנען דעם מענשען, וואָס ער האָט צו טאָן אויף דער וועלט; די אויפגאַבע איז נאָר א מאָראַלישע, אָבער נישט קיין פילאָזאָפישע.

דער עיקר פון דער נבואה איז, אַלזאָ, די איינבילדונגס-קראַפט פון נביא, זיין פאַנטאַזיע, וואָס ווירקט אויף אים אַזוי שטאַרק, אַז ער מיינט ווירקליך, אַז ער זעהט און הערט דאָס, וואָס ער זאָגט. אפילו ביי משה רבינו האָט אויך דער כח המדמה, די פאַנטאַזיע געהאַט א ווירקונג, ווייל ביי אים ווערט אויך גע-זאָגט „ותמונת ה׳ יביט"—ער קוקט און זעהט. און אויב ער זעהט, הייסט עס, אַז ער מיינט — ער זעהט, ווייל געזעהן האָט ער דאָך נישט, ווי עס שטעהט בפירוש: „וראית את אחורי ופני לא יראו"; דעם בורא קאָן מען נישט זעהן. און דעריבער, ווען עס הייסט ביי די נביאים, אַז אויף זיי האָט גערוהט גאָטס גייסט, „רוח ה׳", בעדייט עס נאָר, אַז די נביאים האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע מעשים טובים און האָבען דער-פילט גאָטס געבאָט מיט אונגעוועהנליכער ענערגיע און מוט, און אַז זיי האָבען פערנומען און פערשטאַנען גאָטס געדאַנק און זיין משפט. דאָס וואָרט „רוח" הייסט, נעמליך, אין העברעאיש גייסט אָדער אויך געדאַנק פון גייסט און דעריבער הייסען די חוקים ומשפטים פון גאָט אויך רוח ה׳, ווייל זיי זענען דער אויסדרוק פון זיין געדאַנק. מיט דעמזעלבען רעכט הייסט אויך די איינבילדונגסקראַפט, דער כח המדמה— רוח ה׳, ווען דורך איר ווערט בעקאַנט די מענשען דער בע-שלוס און דער משפט פון גאָט. און נביאים הייסען דעריבער די-יעניגע, וואָס אויף זיי רוהט אָט דער רוח ה׳. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז די נבואה איז נישט מער ווי געוועהנליכע איינבילדונגסקראַפט, וואָס קומט פאָר אויך ביי געוועהנליכע מענשען. דער כח המדמה פון נביא איז א גאַנץ אַנדערער, ווי ביי געוועהנליכע מענשען. ער, דער נביא, זעהט, ווירקליך, די צוקונפט און ער קאָן קיין טעות נישט האָ-

בען, גאָט לאָזט נישט, אז זיינע אויסגעוועלטע זאָלען האָבען א טעות.
דער ערשטער תּנאַי פון נבואה איז — די ענטוויקעלטע איינבילדונגסקראפט.

די נבואה איז, אלזא, א פּראָדוקט פון דער פּערזענליכער איינבילדונגסקראפט און דעריבער טראָגט זי אויף זיך שטענדיג דעם שטעמפּעל פון דער פּערזענליכקייט. יעדער נביא רעדט מיט זיין סגנון און דריקט זיך אויס לויט זיין ענטוויקלונג און בילדונג, לויט זיין טעמפּעראמענט און געפיהל. ווען דער נביא איז געווען אַנ׳ערדאַרבייטער, האָט ער געזעהן אין זיין נבואה פערשידענע פרוכטען, תאנים, שקדים און רמונים; איז ער געווען אַנ׳איש מלחמה, האָט ער געזעהן מחנות סאָלדאַטען און שטרייטוועגען; איז ער געווען א דיפּלאָמאַט, האָט ער געזעהן שרים און מלכים. דער אינהאַלט פון דער נבואה העננט אויך אָב פון כאַראַקטער און שטימונג: אז דער נביא איז געווען א פערטרויםטער מרה־שחורה׳דיגער מענש, האָט ער געזעהן נאָר צער און אומגליקען, מלחמות, מגפות און דעסגלייבען; איז ער געווען א מענש מיט פיינעם געשמאַק, האָט ער זיין נביאות געזאָגט אין אַנ׳עלעגאַנטער שענער פאָרם; איז ער געווען א מענש אָהן געשמאַק, איז זיין נבואה געזאָגט געוואָרען אין א האַרטער שווערער שפּראַך.

ווען משה איז געוואָרען אין כעס אויף פרעה׳ן, האָט ער אים נביאות געזאָגט, אז די בכורים וועלען אויסשטאַרבען. דער בעטריבטער יחזקאל הנביא זעהט אין אלץ דאָס שלעכטע, כמעט אַזוי זעהט אויך ירמיהו. דער געפּלאָגטער און געיאָגטער זעהט נאָר צרות און יסורים. ווען יאשיהו המלך וויל זיך ווענדען צו א נביא, שיקט ער נישט צו ירמיהו דעם בעטריבטען, וואָס זעהט נאָר דאָס שלעכטע און אומגליק, נאָר ער שיקט צו חולדה הנביאה, ווייל ער האָפט, אז זי, אלס פרוי, איז ווייך און האַרציג און וועט קיין שלעכטס נישט פאָרזאָגען. אויך מכיהו האָט קיין גוטס נישט געקאָנט זעהן און אחאב המלך זאָגט אויף אים: „כי ידעתי, כי לא ידבר עלי טובות“ — איך האָב געוואוסט, אז קיין גוטס וועט ער אויף מיר נישט ריידען. אפילו די בעלי־

התלמוד האָבען שוין געוואוסט, אַז נבואה, לויט דעם פאָרם און אינהאַלט, איז אָבהענגיג פון דער פערזענליכקייט, פון דער ביל־דונג און דערציהונג פון נביא. ישעיה האָט געזעהן דעם בורא זיצען אויפ'ן כּסאַן און יחזקאל האָט אים אויך געזעהן. אָבער ישעיה דער אַריסטאָקראַט האָט אים געזעהן — זאָגט דער תלמוד — ווי אַ בן־כּרך, ווי אַ גרויסשטאָטישער, וואָס זעהט דעם מלך, און יחזקאל האָט אים געזעהן, ווי אַ ישוב'ניק, ווי אַ בן־כּפר. ישעיה ווערט ווייניג נתפּעל און דערצעלט עס אין קורצע ווערטער און יחזקאל ווערט געוואַלדיג נתפּעל און געפינט גאָר נישט קיין ווערטער צו שילדערן דאָס געזעהענע.

מיר זעהען, אַז די נבואה איז בכלל אַ פּראָדוקט פון דער פערזענליכער פאַנטאַזיע, פון כּח הדמיון. אָבער דערמיט ווערט די בעדייטונג פון דער נבואה נישט געמינדערט אויף אַ האָר. ווען די נבואה וואָלט וועלען לערנען די מענשען ווי־סענשאַפט, ענטדעקען זיי די סודות פון נאַטור און די געזעצען פון לעבען, וואָלט, נאַטירליך, די פאַנטאַזיע געקאָנט זיין שעדליך. אָבער די נבואה, ווי די נביאים, לערנט נאָר וואָס גוט און וואָס שלעכט, זייער צוועק איז נאָר אַ מאָראַלישער און אין מאָראַל און מוסר שפּילט דאָס געפיהל די ערשטע ראָלע; צו בעגייסטערן מענשען, מוז מען האָבען פאַנטאַזיע, איינבילדונגסקראַפט און וואָס דער כּח הדמיון איז שטאַרקער, אַלץ בעסער און שענער איז די נבואה.

שפּינאָזאַ געהט נאָך ווייטער און וויל דערווייזען, אַז די נבואה איז גאָרנישט אָבהענגיג פון וויסען, אַז די נביאים זענען נישט געווען די טיפע דענקער און אַז דער בורא האָט זיי נישט ענטדעקט די סודות פון נאַטור און פון דער בריאה. ער געפינט, אַז די נבואה איז ביי יעדען נביא אָבהענגיג פון זיינע מיינונגען, וואָס ער האָט בכלל וועגען לעבען און וועלט, און אַז מיר געפינען אויך גענוג פאָראורטיילען, פאַלשע אָנזיכטען ביי זיי.

שפּינאָזאַ שטעלט זיך אָב אויספירליך אויף דעם פּונקט, וויי ער האַלט אים פאַר זעהר וויכטיג בשעת'ן בעווייזען,

אַז דער רוח הנבואה האָט דעם נביא נישט געמאַכט געבילדעטער, אַז ער איז דורך אים נישט געוואָרען מער ידען, מער חכם אין נאַטור.

אדם הראשון, דער ערשטער מענש, צו וועלכען גאָט האָט זיך בעוויזען, האָט נישט געוואוסט, אַז גאָט איז אומעטום פאַראַן און אַז ער וויים אַלץ. האָט זיך אָדם געפּרובט בעהאַלטען פאַר גאָט; דעריבער האָט זיך גאָט טאַקי בעוויזען צו אים לויט זיין בעגריף און איז אים געגאַנגען כּביכול זוכען. נח האָט נישט געוואוסט, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ וועלט, אויסער פּאַלעסטינאַ, און מען האָט אים דעריבער געזאָגט, אַז מיט׳ן מבול געהט מען פערטיליגען די גאַנצע וועלט. אַפילו אַברהם אָבינו האָט נישט געוואוסט, אַז דער בורא וויים אַלץ און זיין מאַכט איז פול די גאַנצע וועלט. ער האָט זיך דעריבער געפּרובט דינגען מיט׳ן בורא און אים בעטען, ער זאָל נישט מקיים־זיין זיין רצון ביז ער וועט זיך נישט איבערצייגען, אַז אין סדום זענען נישטאָ אַפילו קיין צען צדיקים.

דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, צו וועלכען גאָט האָט זיך בעוויזען, האָבען געהאַט אַזאַ שוואַכע השגה פון בורא, אַז זיי זענען געגאַנגען און געמאַכט אַן׳עגל הזהב, אַ גאָלדענע קאַלב, און האָבען געזאָגט, אַז „דאָס איז דער גאָט, וואָס האָט זיי אַרויסגעפירט פון מצרים”. בכלל מיינט שפינאָזאַ, אַז די יודען, אַפילו די אָבות, האָבען נאָך נישט געוואוסט, אַז גאָט איז דער אחד יחיד ומיוחד, דער איין־און־איינציגער גאָט און האָבען געמיינט, אַז ער איז נאָר דער גאָט פון זיין פאָלק און פון זיין לאַנד. שפינאָזאַ שטיצט זיך דערביי אויפ׳ן אבן עזרא, וואָס דערקלערט דעם פסוק: „הסירו את אלהי הנכר אשר בתוככם” (בראשית לה, ד), וואָס יעקב האָט געזאָגט צו זיינע קינדער, וויל ער האָט געהאַלטען, אַז איצט, ווען זיי קומען אין אַ ניי לאַנד, מוזען זיי די אַלטע געטער, וואָס האָבען דאָרט שוין מער קיין אָרט נישט, אַוועקוואַרפען און נעמען דינען דעם גאָט פון לאַנד. דיזאָזיגע מיינונג האָט געהאַט דוד, ווען ער האָט געזאָגט צו שאול׳ן, אַז ער האַלט אים אָב פון זיין גאָט און „צווינגט

איז געהן דינען פרעמדע געטער". אפילו יונה הנביא האָט זיך געפּרובט אַנטלויפען פאַר גאָט קיין תרשיש, ווייל ער האָט גע-מיינט, אַז אין אַ פרעמדען לאַנד האָט שוין גאָט איבער אים קיין שליטה נישט. פון דעם איז צו זעהן, אַז די אָבות, אַזוי ווי די נביאים, האָבען נישט געהאַט קיין ריינע, קלאָרע פאָרשטעלונג וועגען גאָט, און דעריבער האָט זיך גאָט צו זיי בעוויזען טאַקי לויט די פּרימיטיווע פאָרשטעלונגען, וואָס זיי האָבען פון אים געהאַט.

אַזוי גוט ווי זיי האָבען נישט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטע-לונג בנוגע צים מהות פון גאָט, אַזוי האָבען זיי אויך ניט גע-האַט קיין ריכטיגע ידיעות וועגען דער נאַטור און אירע ערשיי-נונגען. אַזוי האָט יהושע געמיינט, אַז די ערד שטעהט און די זון דרעהט זיך און האָט געזאָגט: „שמש בגבעון דום"—די זון זאָל זיך אָבשטעלען אין גבעון. דערצו האָט ער געמיינט, אַז די זון האָט זיך טאַקי אָבגעשטעלט, אין דער צייט ווען מיר ווייסען, אַז נישט די זון, נאָר די ערד דרעהט זיך אַרום דער זון. מיר ווייסען ממילא אויך, אַז די זון האָט זיך נישט געקאָנט אָב-שטעלען און אַז די סבה, פאַרוואָס דער טאָג האָט זיך אויסגעוויזען לענגער, איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע, אַ נאַטירליכע. אויך ישעיה הנביא האָט געגעבען אַ צייכען דעם מלך חזקיהו, אַז ער וועט געזונד ווערען דורכדעם, וואָס די זון וועט זיך אומקערן צוריק צען טרעפּ—„הנני משיב את צל המעלות... אחורנית עשר מעלות", ווייל אויך ישעיה האָט געהאַלטען, אַז די זון בעוועגט זיך און די ערד שטעהט אויף איין אָרט.

אַפילו שלמה המלך, וואָס איז געווען דער גרויסער חכם און האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין דערקאָנען דעם בורא, ווי עס בעווייזט זיין תפלה ביים חנוכת הבית פון בית-המקדש (מלכים א, ח), האָט אויך נישט געהאַט קיין ריכטיגע ידיעות אין חכמת החשבון, אין געאָמעטריע און האָט דעריבער ביים אויס-מעסטען דעם בנין פון בית-המקדש אָנגעגעבען אַ מאָס, וואָס איז נישט מסכים מיט אונזערע ידיעות וועגען דער פערהעלטניש פון קרייז צום דורכמעסטער.

די אַלטע מפרשים, וואָס האָבען איינגעזעהן די סתירות, האָבען זיך געמאַטערט זיי צו פערענטפערן און האָבען זיך גע־פּרובט אַריינלעגען אַנ׳אַנדער כּונה אין די ווערטער. שפינאָזאָ געפינט, אַז די מעטאָדע איז אַ פאַלשע און אַ געפערליכע, ווייל אויב מען וועט נעמען דרעהען די פּסוקים און אַריינלעגען אין זיי אַנדערע כּונות, האָט דאָך עס גאָר קיין שיעור נישט, ווייל דעמאָלט וועלען דאָך קומען פערשידענע מענשען מיט בייזע כּונות און אַרויסדרינגען פון די פּסוקים, וואָס זיי געפעלט! בכלל פערשטעהט נישט שפינאָזאָ, צו וואָס דאָס איז נויטיג. זענען מיר דען מחויב צוצוגעבען, אַז דער שר־צבא יהושע האָט גע־קאָנט אַסטראָנאָמיע? אָדער אַז שלמה המלך איז געווען אַ מאַ־טעמאַטיקער? מיר קאָנען גאַנץ גוט וויסען, אַז יהושע, ישעיה און שלמה המלך זענען געווען נביאים, אָבער דאָך זענען זיי גע־ווען מענשען און האָבען געוואוסט נאָר דאָס, וואָס זייער צייט האָט געוואוסט אין חכמות און אין ידיעת הטבע.

דער פּועל־יוצא פון דעם איז, אַז די נביאים זענען נאָר געווען גרויסע הייליגע נשמות און האָבען געלערנט די מענשען, וואָס זיי האָבען צו טאָן, ווי זיי בעדאַרפען זיך פירען אין לע־בען. זיי זענען געווען גרויסע מאָראַליסטען, לערער פון גוטס און רעכט, אמת און צדק, אָבער נישט קיין פילאָזאָפען. די טע־אָלאָגיע האָט דעריבער קיין שייכות נישט צו דער פילאָזאָפיע און זי האָט נישט קיין רעכט צו הערשען איבער איר. די תּורה און די נביאים זענען נישט קיין ספרים, פון וועלכע מיר האָבען צו לערנען פילאָזאָפיע אָדער גאָר נאַטורוויסענשאַפט. נישט דאָס איז זייער ציל און נישט דאָס האָבען זיי אונז געוואָלט לערנען. די נבואה בעציהט זיך נאָר אויף דער אויפפירונג פון מענשען, אַלס מענש. אין מוסר און מדות טובות זענען זיי געטליך און אייביג, אָבער נישט אין פילאָזאָפיע, צו וועלכער זיי האָבען גאָר קיין שייכות נישט.

XIII.

יודען—דאָס אויסדערוועלטע פאָלק.

נאָכדעם, ווי שפינאָזאַ האָט דערקלערט דעם מהות פון נבואה און בעוויזען, אַז אמונה און טעאָלאָגיע האָבען נישט קיין שייכות צו פילאָזאָפיע, נעמט ער זיך צו בעטראַכטען דעם ענין פון בחירת עם ישראל, ווי וויוט יודען זענען דאָס אויסדערוועלטע פאָלק און וואָס מען דאַרף פערשטעהן אונטער דעם בעגריף פון אתה בחרתנו. אַרויסגעהענדיג פון זיין כלל, וועגען וועלכען מיר האָבען פריער גערעדט, אַז משה רבינו, ווי אַלע אַנדערע נביאים, האָבען גערעדט מיט זייער פאָלק לויט די בעגריפען, וואָס זיי האָבען אַליין געהאַט, גיט שפינאָזאַ פונדעסטוועגען צו, אַז דער בורא האָט טאַקי געגעבען די תורה נאָר דעם פאָלק ישראל, אַז ער האָט נאָר מיט די בני ישראל אַליין גערעדט און האָט זיי געוויזען נסים מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער. אָבער דער איינציגער צוועק דערפון איז געווען, זיי צו דערציהען און ברענגען דערצו, זיי זאָלען דינען גאָט און פאָלגען זיינע געזעצען.

דער בעגער פון מענשען, זיין פערלאַנגען, צו וואָס ער שטרעבט און וואָס ער וויל דערגרייכען, דריקט זיך אויס אין דריי זאַכען: ערשטענס, וויל ער משיג-זיין די סבות פון דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט; צווייטענס, וויל ער בעהערשען זיינע תאוות און זיין גוט און פרום; דריטענס, וויל ער לעבען צופרידען און געזונד. די ערשטע צוויי פערלאַנגען זענען אָבהענגיג, ווי שפינאָזאַ מיינט, פון מענשען אַליין און פון זיין נאַטור. זיי קאָנען נישט זיין קיין מתנה, וואָס דער בורא האָט געגעבען נאָר איין פאָלק, ווייל מען וואָלט דאָך געמוזט דעמאָלט אָננעמען, אַז עס זענען פאַראַן פערשידענע מינים מענשען אויף דער וועלט, און נישט איין מין האָנושי (די מאָדערנע וויסענשאַפט זאָגט טאַקי, אַז עס זענען פאַראַן פערשידענע מינים ראַסען אויף דער וועלט. דערפון האָט מען אָבער אין שפינאָזאַס צייטען נישט געוואוסט). דאָס דריטע, די

זיכערהייט פון לעבען און פון געזונד איז דערפאַר נישט אָבּ-הענגיג פון מענשען, נאָר פון אויסערע סבּות. און דאָ העלפט שוין נישט קיין חכמה. דער נאַר קאָן אָפט זיין געזינטער און גליקליכער פאַר דעם קליגסטען. אַלס מיטעל צו שיצען דאָס לעבען און די זיכערהייט געגען שלעכטע מענשען און חיות-רעות, איז די געשלאָסענע מענשליכע געזעלשאַפט, וואָס פעראייניגט אַלע כּחות פאַר אַגעמיינזאַמען ציל. אַזאַ געשלאָסענער געזעלשאַפטליכער פערבּאַנד איז די מלוכה, וואָס ווערט געפירט דורך קלוגע און גערעכטע געזעצען.

די פעלקער—מיינט שפינאָזאַ—אונטערשיידען זיך פון איינ-אַנדער נאָר דורך זייער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און דורך די געזעצען, וואָס הערשען אין לאַנד. די יודען האָבּען זיך אָבּגעזונדערט און אויסגעצייכענט פון אַלע פעלקער, נישט דורכ-דעם, וואָס זיי זענען געווען בּעסער און פרימער ווי אַלע, נאָר דורך זייער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע און דורך די גליק-ליכע בּעדינגונגען בּיים גרינדען זייער מלוכה. נאָר אין דעם זענען זיי געווען דאָס אויסדערוועלטע פאָלק. זיי האָט זיך איינגעגעבּען, דורך גאָטס הילף, צו קומען אין זייער לאַנד און אָרגאַניזירען זייער לעבּען אויף געזונטע און ריכטיגע יסודות. נאָר אַזוי קאָן מען פערשטעהן דעם ענין פון בּחירת עם ישראל. מען קען בּאין-אופן נישט דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז דער בּורא האָט ליבּ געהאַט דאָס פאָלק ישראל מער פאַר אַלע אַנדערע אומות. מען קאָן נישט דערלאָזען גאָר די פאָרשטעלונג, אַז דער בּורא זאָל ווען, אַז נאָר איין פאָלק זאָל זוכה זיין צום אמת. צו וואָס זאָל עס דער בּורא טאָן? און וואָס וואָלט אים געאַרט, אַז אַלע אַנדערע פעל-קער זאָלען אויך געניסען דעם אמת? דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען מאַטעריעלען גליק, וועגען פערמעגען און פערגעני-גען, קאָן זיין, עס זאָל שטעהן אין געגענזאַץ צום צווייטענס גליק. אָבּער דאָרט, וואו עס רעדט זיך וועגען אמת'ן גליק, וועגען ריכטיגע ידיעות און השגות פון גאָט,—דאָרט קאָן דאָך קיין קאָנקורענץ צווישען מענשען נישט זיין.

אדרבה, דער גליקליכער, וואָס האָט משיג־געווען דעם אמת, וויל און שטרעבט, אַז דער צווייטער זאָל עס אויך משיג־זיין. אַזוי ווי דאָס עכטע גליק בעשטעהט אין ליבע און דערקאָנונג פון בורא, מוז איך דאָך ווערען, אַז אַלע מענשען, זאָלען אים דערקאָנען און אַלע זאָלען זוכה־זיין צו דער ליבע!

ניין, מיר קאָנען באין אופן נישט דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז דער גאָט פון אמת זאָל ענטדעקען זיין אמת נאָר איין פאָלק און די גאַנצע וועלט זאָל בלייבען אין פינסטערניש. אויב אַפילו מען זאָל ווערען אָננעמען, אַז צוליב עפּים אונבעקאַנטע סבות האָט דער בורא נאָר דאָס פאָלק ישראל געוואָלט מזכה־זיין מיט'ן אמת, וועט דאָך עס זיין נישט לאָגיש, ווייל דעמאָלט וואָלטען דאָך די יודען גופא געמוזט זיך פיהלען העכסט אומגליקליך, זעהענדיג פאַר זיך אַ וועלט פון אומגליקליכע און אונוויסענדיגע!

דער ענין פון בחירת עם ישראל קאָן דעריבער פערשטאַנען ווערען נאָר אין דעם זין: יעדעס פאָלק מוז האבען פאַר זיין עקזיסטענץ געוויסע געזעצען און די געזעצען מוזען זיין צוגעפאַסט צום כאַראַקטער פון פאָלק און זיינע עקזיסטענץ־בעדינגונגען. די געזעצען, וואָס טויגען און פאַסטען פאַר איין פאָלק, קאָנען זיין שעדליך און שלעכט פאַר אַ צווייטען פאָלק. די געזעצען, וואָס דער בורא האָט געגעבען יודען, זענען געווען צוגעפאַסט נאָר פאַר זיי און נאָר פאַר זייער לאַנד און דאָס איז דער פשט פון דער אויסדערוועלטקייט, פון בחירת עם ישראל. דער צוועק פון די געזעצען איז נאָר דער קיום פון פאָלק אין זיין לאַנד, זיי זענען ריין וועלטליך און האָבען קיין שייכות נישט צום אמת'ן גליק, צום גייסטיגען גליק: דאָ זענען אַלע פעלקער און אַלע מענשען גלייך.

שפינאָזא בערופט זיך דערביי אויף פערשידענע פסוקים פון תהלים, אַז דער בורא איז גוט פאַר אַלעמען—„ורחמיו על כל מעשיו". דער בורא האָט זיך בעוויזען צו איוב'ן, כאָטש

ער איז נישט געווען קיין יוד. ער האָט געשיקט זיין נביא קיין נגוה, ער זאָל די דאָרטיגע איינוואוינער מחזיר למוטב זיין. ישעיה הנביא האָט נביאות געזאָגט אויך פאַר אַנדערע אומות, עובדיה האָט נביאות געזאָגט אויף אדום. די אומות העולם, ווידער, האָבען אויך געהאַט נביאים, צום ביישפּיל, בלעם און אַנדערע.

עס זענען אָבער פאַראַן אַ סך מענשען—זאָגט שפּינאָזאַ,— וואָס זענען מיט דעם נישט מסכים און האַלטען, אַז די בחירת ישראל האָט זיך בעצויגען נישט בלויז אויף זייער מלוכה; מען בערופט זיך דערביי אויף ירמיה הנביא, וואָס זאָגט „אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי, גם זרע יעקב ודוד עבדי אמאס". (אַזוי גוט ווי עס וועלען נישט געשטערט ווערען די אייביגע געזעצען פון דער נאַטור, די געזעצען פון טאָג און נאַכט, הימעל און ערד, אַזוי וועט נישט געשטערט ווערען דער בונד פון גאָט מיט זיין פאָלק). דאָס אייגענע זאָגט אויך יחזקאל, אַז דער בורא וועט ווידער זאַמלען דאָס פאָלק ישראל און וועט עס פירען אין מדבר פון די פעלקער, וואו ער וועט עס משפט'ן, אָבשיידען פון אים די מורדים און די פושעים און וועט עס ברענגען צו זיין באַרג, וואו בית ישראל וועט אים דינען אויף אייביג (יחזקאל כ, ל"ג, מ"א). געגען די פסוקים פון די נביאים בערופט זיך שפּינאָזאַ אויף דער תורה, וואו משה רבינו זאָגט אָן די יודען, זיי זאָלען זיך נישט מטמא-זיין, ווי עס האָבען זיך מטמא געווען די פעלקער, וואָס האָבען געוואוינט אין לאַנד פאַר זיי און דאָס לאַנד האָט זיי אויסגעשפּיגען (ויקרא יח, כד, כט). אין אַ צווייטען אָרט איז ער זיי מתרה, „אַז זיי וועלען אינגאַנצען אונטערגעהן, ווי די פעלקער, וואָס גאָט האָט פון זייערטוועגען געלאָזען אונטערגעהן" (דברים ח, יט, כ). אויב די נביאים האָבען שפּעטער צוגעזאָגט די יודען אַן אייביגען בונד, בעציהט זיך עס נאָר אויף די פרומע און גאָטספאָרכטיגע, ווי צפניה הנביא זאָגט: „והותרתי בך עם עני ודל וחסו בשם ה'" (עס וועלען בלייבען די אָרימע און פרומע, וואָס שטיצען זיך אין גאָט). אָבער גוטע און פרומע

מוזען נישט זיין דוקא יודען, עס קאָנען אויך זיין צדיקים פון אַנדערע אומות.

מען בערופט זיך געוועהנליך אויף דעם פאַקט, וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט זיך דערהאַלטען אין דער וועלט, אין דער צייט, ווען אַלע אַנדערע אומות זענען אונטערגעגאַנגען. אָבער די דערהאַלטונג איז געשעהן גאַנץ נאַטירליך אַ דאַנק דער אָבזונדערונג פון יודען און אויך צוליב דער שנאָה, וואָס אַלע פעלקער האָבען אַרויסגעוויזען צו זיי טאַקי צוליב דערזעלבער אָבגעזונדערטקייט. שפינאָזאַ ברענגט דערביי אַ ביישפּיל פון שפּאַניען, וואו מען האָט יודען געצוואונגען צו שמד אָדער זיי זאָלען אויסוואַנדערן. די, וואָס האָבען זיך גע'שמד'ט, האָבען בעקומען אַלע רעכט און געקאָנט פערנעמען הויכע שטעלעס. די גע'שמד'טע האָבען זיך זעהר שנעל פערמישט מיט דער שפּאַנישער בעפעלקערונג און פון זיי איז קיין שום זכר נישט געבליבען. אַנדערש איז עס געוועזען אין פּאָרטוגאַל, וואו מען האָט די משומדים געהאַלטען אָבגעזונדערט פון דער איבעריגער בעפעלקערונג, מען האָט זיי נישט צוגעלאָזען צו קיין שטעלעס אין דער רעגירונג און דעריבער זענען זיי געבליבען גע'שמד'טע יודען.

אָבער די גרעסטע בעדייטונג פאַר דערדערהאַלטונג פונם יודישען פאָלק האָט, — לויט שפּינאָזאַס מיינונג, — די מצות מילה, וואָס איז אַליין בכח צו דערהאַלטען דאָס יודישע פאָלק אויף אייביג. „יאָ, איך האַלט עס פאַר גאַנץ מעגליך — זאָגט שפּינאָזאַ, אַז יודען וועלען נאָך איין מאָל, אויב עס זאָל זיך נאָר מאַכען אַ גינסטיגע געלעגענהייט — די פערהעלטנישען קאָנען זיך גאַנץ לייכט ענדערן, — ווידער אויפבויען זייער מלוכה און גאָט זאָל זיי ווידער אויסדערוועלען".

איך קען אויך מסכים־זיין מיט די, וואָס ווילען דוקא דרינגען, אַז יודען זענען אויף אייביג אויסדערוועלט פון גאָט, ווען זיי גיבען־צו, אַז די אויסדערוועלטקייט האָט נאָר

אַ שייכות צו זייער מלוכה און די ריין מענשליכע ענינים, אָבער בשום אופן נישט בנוגע צו די אמת'ע מעשים טובים, ווייל אין אַזויגע זאַכען קאָן קיין פאָלק נישט זיין אויסדערוועלט פאַר גאָט.

XIV.

די חוקים און דינים פון דער תורה.

דאָס וואָרט חוק — זאָגט שפינאָזאַ — הייסט געוועהנ־ליך אַזאַ טעטיגקייט, וואָס דער יחיד אָדער דער כלל טוען עס אַלע און שטענדיג אויף איין אופן. דאָס קומט פאַר אָדער צוליב דעם, ווייל אַנדערש קאָן עס נישט געשעהן, אָדער ווייל די מענשען ווילען עס. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערען די געזעצען פון דער נאַטור אָדער די לאָגיש־מאַטעמאַטישע געזעצען; צו דער צווייטער געהערען די משפטים און דינים, וואָס מענשען־גיבען ארויס פאַר זיך, כדי זיי זאָלען קאָנען הוהיג און זיכער לעבען. עס איז נאָך דאָ אַ דריטער מין געזעץ, וואָס ווערט אַרויסגע־געבען מיט אַ געוויסער כונה צו דערגרייכען אַ בעשטימטען צוועק.

נאָר אַזוי ווי נישט אַלע מענשען זענען פעהיג משיג צו זיין די נויטווענדיגקייט און נוצליכקייט פון די חוקים, פלעגט מען דעריבער נישט שטענדיג אָנגעבען דעם צוועק, צוליב וועלכען עס ווערט אַרויסגעגעבען אַ געזעץ. אָנשטאָט דעם פלעגט מען דוקא אויף זייטיגע סבות, וואָס זענען אָבער דעם המון בעסער פאַר־שטענדליך און פירען אים דערצו, ער זאָל היטען די געזעצען. פאַר'ן היטען און פאָלגען די געזעצען, די חוקים, האָט מען דעם המון צוגעזאָגט אַ שכר אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט, מען פלעגט אים צוזאָגען, אַז ער וועט דערפאַר בע־קומען יענע זאַכען, וואָס ער האָט ליב און בעגערט.

געזעץ הייסט, אַלזאָ, פאָראָרדנונג, וואָס מענשען

גיבען-ארוים צו רעגולירען דאָס לעבען. דאָס געזעץ האָט שטענ-דיג אַ בעשטימטען צוועק, דעריבער טיילען זיך די געזעצען אין מענשליכע און געטליכע. מענשליכע חוקים און משפטים הייסען יענע געזעצען, וואָס זייער צוועק איז צו רעגולירען די בעציהונגען צווישען מענשען און שיצען דאָס לעבען; געטליכע הייסען די חוקים, וואָס בעציהען זיך אויף דאָס העכסטע און הייליגסטע, אויף דער אמת'ער הכרה און ליבע צו גאָט. פאַרוואָס דערדאָזיגער טייל פון די חוקים הייסט געטליך, דערקלערט שפינאָזאַ אויף פאָלגענדען אופן.

אזוי ווי דער בעסערער טייל פון מענשליכען מהות איז די הכרה, די קלאָרע און ריינע אָנזיכט, מוזען מיר זעהן מיט אַלע כחות צו פערפאָלקאָמען דידאָזיגע הכרה, ווייל נאָר אין איר בעשטעהט אונזער גליק.

אזוי ווי אָהן גאָט קאָן קיין זאַך נישט זיין, מוז יעדע זאַך, וואָס עקזיסטירט אין דער נאַטור, אויסדריקען אין זיך אַ חלק פון דער געטליכקייט. וואָס מער מיר דרינגען-אריין אין דער נאַטור פון זאַכען און פאָרשען זייער מהות, אַלץ גרעסער ווערט אונזער ידיעה אין דער גאָטהייט, וואָס מער מיר דערגעהען די סודות פון דער נאַטור, אַלץ בע-סער דערקאָנען מיר דעם געטליכען מהות אַלס די סיבה ראשונה פון דער נאַטור.

דאָס העכסטע גליק און די העכסטע מעלה פון מענשען איז, אַלזאָ, די הכרה און די ליבע צו גאָט. און דעריבער קאָ-נען די מיטלען, דורך וועלכע מיר שטרעבען צו דערגרייכען דאָס ציל, אָנגערופען ווערען געטליכע געזעצען, און דער וועג, וואָס פירט צו אָט דעם צוועק, קאָן אָנגערופען ווערען דרך השם. אויב מיר זענען געקומען צום בעשלוס, אז דאָס אמת'ע מענשליכע גליק איז נאָר ליבע צו גאָט, איז קלאָר, אז נאָר דעריעניגער, וואָס איז מקיים די מצוות אוים ריינער אהבת השם און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט מורא פאַר שטראָף, אָדער ער וואַרט אויף אַ שכר, — איז דער אמת'ר עובד השם.

אז מיר ווענלען זיך נענטער צוקוקען צו די נאַטירליכע געטליכע געזעצען — זאָגט שפינאָזא — וועלען מיר זעהן, אז זיי זענען אַלגעמיין-גילטיג פאַר אַלע מענשען, ווייל זיי זענען געבויט אויף די יסודות פון דער מענשליכער נאַטור און אַז מען האָט נישט נויטיג צו גלויבען אין געוויסע ספורים צו היטען די געזעצען, ווייל די הכרת השם מוז געשטעלט ווערען אויף דער ריכטיגער דערקאָנונג פון דער מענשליכער נאַטור; די ריכטיגקייט פון די געזעצען דאַרף נישט בעקו-מען קיין הילף אין געוויסע ספורים און מעשיות, ווייל זיי טראָגען דעם אמת אין זיך, אין זייער אינערן מהות. דער בורא ווערט געשילדערט אַלס געזעצגעבער אָדער מושל, וואָס גיט-אַרוים חוקים נאָר כדי לשבר את האוזן— נאָר צוגעפּאַסט צו די בעגריפען און אויפפאַסונג פון המון. אין דער'אמת'ן אָבער געשעהען אַלע מעשים ווי אַרעזולטאַט פון זיין נאַטור און זיין פאָלקאָמענהייט; אַלע זיינע בעפעלען און זיין ווילען זענען אייביגע וואָרהייטען, אונפערענדערטע אמת'ן. שפינאָזא שטיצט זיך אויף שלמה המלך, וועלכען ער אָנער-קענט פאַר דעם גרעסטען חכם, וואָס האָט טיפער ווי אַלע אַנדערע אַריינגעדרונגען אין דער דערקאָנונג פון גאָט. אין משלי בעצייכענט שלמה המלך פאַר'ן מקור פון מענשליכער דערקאָ-נונג — די חכמה, און דאָס אומגליק קומט נאָר פון נאַרישקייט. אין קאַפּיטעל ט"ז זאָגט ער: „מקור חיים שכל בעליו ומוסר אוילים אולת" — דער שכר פון דער ריכטיגער דערקאָנונג בע-שטעהט, אַלזאָ, אין דער ריכטיגער אויפפאַסונג פון לעבען און די שטראָף איז טאַקי דאָס גופא, וואָס מען לעבט אין טעות. דעסגלייכען זאָגט שלמה המלך אין קאַפּיטעל י"ג: „אשרי אָדם מצא חכמה" ווייל נאָר זי, די חכמה, מאַכט דעם מענשען גליקליך. נאָר דער חכם ווערט גליקליך און צופרידען, אָבער נישט דער רשע, וואָס ווערט שטענדיג געפּייניגט פון זיינע ליידענשאַפטען און האָט קיינמאָל קיין רוה און קיין פרידען נישט.

מיר האָבען, אַלזאָ, געזעהן, אז דאָס געטליכע געזעץ, וואָס

גיט דעם מענשען גליק און פיהרט אים אויפ'ן ריכטיגען וועג—
איז משותף פאר אלע מענשען. אנדערש איז אבער מיט די
דינים פון דער תורה, וואס זענען על־פי־רוב בעשטימט נאר
פאר דאס יודישע פאלק און קאנען דערפילט ווערען נישט
פון יחיד, נאר פון כלל. די דינים האבען נישט קיין שייכות
צו דער הכרה אדער צום מענשליכען גליק בכלל, זיי בעצי-
הען זיך בלויז אויף דאס יודישע פאלק און האבען א בעשטימ-
טען צוועק צו זארגען פאר'ן קיום פון דער יודישער אומה,
צו דערהאלטען און שטארקען די עקזיסטענץ פון זייער מלוכה.
גאנץ דייטליך האט ישעיה הנביא געזאגט באלד אין ערשטען
קאפיטעל, דארט, וואו ער דערקלערט „למה לי רוב זבחכם״—
צו וואס דארף איך אייערע קרבנות? אנשטאט קרבנות פאדערט
ער פון זיי: „רחצו הזכו הסירו רע מעלליכם מנגד עיני, למדו
היטב, דרשו משפט״—זיי זאלען זיך אבוואשען, רייניגען, אויפ-
הערען צו טאן שלעכטס. דעסגלייכען האט דוד המלך אין
תהלים געזאגט: „זבח ומנחה לא חפצת אזנים כרית לי״—קיין
אפפער און מתנות פערלאנגסט דו נישט, די אויערן האסטו מיר
געעפענט... דיין ווילען צו טאן איז מיין בעגער און דיין
תורה איז אין מיר. עס הייסט, אלזא, אז דאס געטליכע געזעץ
איז נאר יענס געזעץ, וואס עס איז איינגעשריבען אין
גייסט, אבער נישט אין די מצוות, וואס דער מענש טוט זיי
מעכאניש. די מצוות זענען נאר צייטווייליגע, זיי זענען געגע-
בען געווארען צו א געוויסען צוועק און זענען דעריבער אין
גייסט נישט איינגעשריבען.

אבער אזוי ווי די דינים האבען נאר געהאט דעם צוועק
צו זיכערן די ארדנונג אין לעבען און שטארקען די מלוכה,
האט מען דעריבער צוגעזאגט פאר זיי א שכר אויף דער וועלט.
אין תורת משה ווערט דעריבער קיין אנדער שכר נישט דער-
מאנט, ווי נאר אן ערדישער, אן עולם־הזה'דיגער, צום ביי-
שפיל: אריכת ימים, כבוד, נצחונות, עשירות און געזונט. אויב
עס געפינען זיך אין דער תורה דינים און מצות, וואס האבען
אן אלגעמיינע מאראלישע בעדייטונג, זענען זיי אבער געגעבען

געוואָרען נאָר פאַר יודען און זענען געוואָרען צוגעפּאַסט צו דעם דעמאָלטדיגען גייסטיגען און מאָראַלישען צושטאַנד פונ'ם פאָלק ישראל. די דינים און די מצוות זענען געגעבען געוואָרען דורך משה רבינו נישט אַלס נביא נאָר אַלס פּאָליטישער פירער און געזעצגעבער. ער האָט פאַר די מצוות בעשטימט אַ שכר און פאַר די עבירות אַ שטראָף; שכר און עונש זענען אָבער נישט ביי אַלע פעלקער גלייך—זיי מוזען זיין פערשידען לויט דעם גייסט פון די פעלקער. און שפינאָזאַ ציטירט זעהר פיל פּסוקים פון דער תורה און די נביאים, וואָס בעווייזען, ווי ער מיינט, אַז פאַר די אַלע מצוות און דינים ווערט צוגעזאָגט נאָר לייבליכע הנאות, נאָר שכר אויף דער וועלט. אָבער פאַר'ן פאָלגען די געטליכע חוקים דערגרייכט מען דאָס אמת'ע גליק און די צופרידענהייט.

דייטליכער האָט עס ישעיה הנביא אַרויסגעזאָגט אין קאַפּיטעל נ"ח, וואו ער שילדערט די מעשים, וואָס דער בורא פאָדערט פון מענשען: „פתח חרצבות רשע, התר אגדות מוטה... הלוא פרס לרעב לחמך ועניים מרודים תביא בית"—פרייער מאַכען די פערברעכערישע קייטען, אויפהערן אונטערדריקען דעם שוואַכען, דעם הונגעריגען געבען אַ שטיקעל ברויט, דעם היימלאָזען אריינגעמען אין הויז, דעם נאַקעטען—בעקליידען און זיך לאָזען דערקענען דעם אייגענעם. דערפאַר ווערען צוגעזאָגט נישט קיין תענוגים פון דער וועלט, נישט קיין הנאות פון עולם הזה, נאָר ריין גייסטיגער שכר: „אָז יבקע כשחר אורך... והלך לפניך צדקך" — דעמאָלט וועט דיין ליכט שיינען, ווי דער מאָרגענשטערן און דיין גערעכטיגקייט וועט פאַר דיר געהן. דאַגעגען, אָבער, פאַר'ן היטען שבת, וואָס איז שוין נישט קיין אַלגעמיין-מענשליך, נאָר אַ ריין-יודיש געבאָט, זאָגט דערזעלבער נביא פאָלגענדעס: „והרכבתיך על במתי ארץ והאכלתיך נחלת יעקב אביך"—איך וויל דיך מאַכען רייטען אויף די הויכקייטען פון דער ערד און דו וועסט געניסען די ירושה פון דיין פאָטער יעקב.

די חוקים און די דינים פון דער תורה זענען אין עצם, לויט שפינאָזאַס אנזיכט, מענשליכע געזעצען, וואָס בעדאַרפען

נאָר היטען די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג און זיכערן דעם קיום פון דער מלוכה. דערביי ענטוויקעלט שפינאָזאַ זיינע אידעען איבער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון מלוכות און איבער גייסט און צוועק פון געזעצען, וועגען וועלכע מיר וועלען נאָך שפעטער ריידען. ער האַלט, אַז משה רבינו האָט אויפ׳ן געטליכען בעפעל איינגעפירט די רעליגיע, אַלס יסוד פון דער מלוכה, אַז דאָס פאָלק, וואָס איז געווען אַנ׳עם קשה עורף זאָל דערפילען זיינע בירגערליכע פליכטען נישט אַזוי אויס מוראָ, ווי אויס אהבה און טרייהייט. ער האָט געזעהן צו ווירקען אויף זיי ווי וויט מעגליך דורך הבטחות און חסדים, און די געזעצען זענען בכלל, לויט די דעמאָלטיגע פערהעלטענישען, מילדע און גערעכטע. אַ פאָלק, וואָס איז געווען געוועהנט צו קנעכטשאַפט, איז נישט געווען פעהיג צו רעגירען איבער זיך און מען האָט געמוזט אַלץ ביי אים רעגולירען. לויט בעשטימטע געזעצען, האָט מען בעדאַרפט אַקערן, זייען, שניידען און זאַמלען די תבואה; אַזוי האָט עס בעדאַרפט זיין, ווייל דאָס שקלאַפענפאָלק האָט נישט געקענט לויט׳ן אייגענעם געשמאַק און פערשטאַנד עסען, טרינקען, שלאָפען און לעבען. אויף אַלץ האָט געמוזט קומען אַ בעפעל. מען האָט געמוזט האָבען צייכענס ביי די טירען, אויף די הענט און אויפ׳ן קאָפּ, וואָס זאָלען דערמאָנען אָן די פליכטען און זאָלען איינפלאַנצען די טבע צו אָרדנונג. דער זין פון די אַלע דינים איז געווען דער, אַז די מענשען זאָלען קיין זאַך נישט טאָן פון אייגענעם ווילען, נאָר זיי זאָלען פאָלגען די געזעצען און פיהלען, אַז זיי האָבען איבער זיך אַנ׳אויבערהאַר. און שפינאָזאַ קומט צום בעשלוס, אַז די אַלע דינים האָבען געהאַט אַ זכות הקיום, מען איז געווען מחויב זיי צו פאָלגען נאָר אַזוי לאַנג, ווי די יודישע מלוכה האָט עקזיסטירט; מיט׳ן אונטערגאַנג פון דער יודישער מלוכה זענען יודען ממילא בעפרייט געוואָרען פון חוב מקיים צו זיין די מצוות. ער בערופט זיך דערביי אויף ירמיה הנביא, וואָס זאָגט: „כי אם בזאת יתהלל המתהלל השכל וידע אותי, כי אני ה׳ עושה חסד משפט וצדקה בארץ“—דער בורא

האָט ליב נאָר די־יעניגע, וואָס ווייסען און אָנערקענען, אַז ער ברענגט אויף דער וועלט גערעכטיגקייט, באַרמהערציגקייט און משפט און אַז נאָר דידאָזיגע וועלען אין דער צוקונפט זיך קענען רימען. עס ווערען, אַלזאָ, גערימט נאָר די־דאָזיגע, וואָס טוען די אַלגעמיינע מעשים טובים און האָבען די ריכטיגע הכרה פון בורא, אָבער נישט די־יעניגע, וואָס זענען מקיים די מצוות המעשיות, די געבאָטען און דינים פון דער תורה.

שפינאָזאַ מיינט, אַז די ספורים און מעשיות פון דער תורה האָבען אַ דערציהערישען ווערט פאַר׳ן פאָלק; דאָס פאָלק ווייס דורך זיי, ווי אַזוי צו געהן אין ריכטיגען וועג און טאָן גוטס. אָבער דער גלויבען אין דידאָזיגע ספורים און מעשיות געהערט נישט צום געטליכען געזעץ. זיי האָבען נאָר אַ ווערט אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי שטיצען די מאָראַל און דעם מוסר־השכל, וואָס מען קאָן פון זיי אַרויסלערנען. דערביי פאָלעמיזירט שפינאָזאַ מיט׳ן רמב״ם, וואָס זאָגט אין הלכות מלכים, אַז דער, „וואָס איז מקיים די שבע מצוות בני נח, געהערט צו די חסידי אומות העולם און איז אַבן עולם הבאָ, אָבער נאָר ווען ער איז זיי מקיים דער־פאַר, וואָס גאָט האָט אַזוי געהייסען דורך משה רבינו. אָבער ווער עס איז זיי מקיים בלויז דערפאַר, ווייל דער שכל איז עס מחייב, הייסט נישט קיין גר תושב און רעכענט זיך נישט צו די חסידי אומות העולם״. צו די ווערטער גיט נאָך צו יוסף בן שם־טוב אין זיין ספר „כבוד אלהים״: „הגם אַריסטאָ האָט מקיים־געווען אַלץ, וואָס עס פאָדערט דער אמת׳ער מוסר, דאָך איז ער נישט קיין בן עולם הבאָ, ווייל ער האָט עס מקיים־געווען נישט ווי אַ תורה מן השמים, נאָר ווי אַ געבאָט פון שכל״. שפינאָזאַ האַלט נאָר אַפילו פאַר איבעריג צו ריידען אַ כך און בעוויזען, אַז די מיינונג איז נישט קיין ריכטיגע.

XV.

נסים און נפלאות.

דער געוועגליכער מענש — זאָגט שפינאָזא — מיינט, אז די מאַכט און די הנהגה פון בורא בעווייזט זיך בעזונדערם דייטליך, ווען עס קומט-פאָר אין דער וועלט עפּים אונגעוועגליכעס, וואָס שטימט נישט מיט דער נאַטור, ווי ער שטעלט זיך זי פאָר. דער המון רעכענט, אז דער דייטליכסטער בעוויין פאַר מציאות השם איז, ווען די נאַטור איז משנה איר געוועגליכען גאַנג, ווען עס געשעהען נסים. און דעריבער זעהען-אוים ביים המון ווי כופרים די־יעניגע, וואָס פּרובען דערקלערן די נסים אויף אַ נאַטירליכען אופן. עס קומט, אַלזאָ, אוים, אז אזוי לאַנג ווי אַלץ געהט כשורה, ווירקט די נאַטור אַליין, נאָר אין אַנ ערשיינונג, וואָס טרעט־אָב פון דרך הטבע, מישט זיך דער בורא אַליין אריין און איז משנה די סדרי בראשית. אויף דעם אופן קאָן מען זאָגען, אז עס זענען פאַראַן צוויי בעזונדערע כחות, איינע אַ געטליכע און די צווייטע אַ נאַטירליכע, וועלכע ווערט נאָר אַמאָל בעאיינפלוסט פון דער געטליכער מאַכט. זיי שטעלען זיך, אַלזאָ, פאַר דעם בורא פאַר אַ מין הערשער און די נאַטור — פאַר אַ שטענדיגען כח, וואָס ווירקט גאַנץ פאַר זיך. דער המון רופט דעריבער אָן די אויסערגעוועגליכע ערשיינונגען פון דער נאַטור מיט'ן נאָמען וואונדער, נס. אָבער אין דער' אמת'ן איז עס אַ טעות; געגען דער נאַטור קומט קיין זאַך נישט פאָר. די נאַטור האָט אירע אייביגע געזעצען, פון וועלכע זי קאָן נישט אָבטרעטען. ווי מיר האָבען שוין אויבען אָנגעוויזען, איז דער געטליכער ווילען און זיינע געזעצען — אַנ'אייביגע נויטווענדיגקייט און אַנ'אייביגער אמת. אויך די נאַטורגעזעצען זענען דער רצון פון בורא, וואָס פליסען־ארוים מיט נויטוועגדיגקייט און אונפערענדערליכקייט, אלס רעזולטאַט פון זיין נאַטור. אויב אין דער נאַטור זאָל עפּים געשעהן, וואָס איז סותר אירע אַלגעמיינע כללים, וואָלט עס אויך נישט געקאָנט שטימען מיט'ן דענקען און דעם

מהות פון בורא; ווען עמיצער זאָגט, אַז דער בורא טוט עפּים געגען די געזעצען פון דער נאַטור, הייסט עס, אַז ער טוט עפּים כביכול געגען זיין אייגענער נאַטור. און דאָס איז דאָך אונמעגליך!

אין דער נאַטור קאָן, אַלזאָ, קיין זאַך נישט פאָרקומען, וואָס זאָל קאָנען סותר־זיין איר אַלגעמיינע געזעצען. אַלץ, וואָס עס קומט־פאָר אין דער בריאָה, געשיהט לויט'ן געטליכען ווילען און זיין בעשלוס, דאָס הייסט, אַז עס קומט פאָר לויט געזעצען און כללים, וואָס זענען אייביג און אַבסאָלוטער אמת. די נאַטור היט־אָב די געזעצען און כללים כאָטש נישט אַלע זענען אונז בעקאַנט. ממילא איז קלאָר, אַז אין דער נאַטור, וואו אַלץ איז געאָרדענט און גערעגעלט, קאָן קיין וואונדער, וואָס זאָל אַרויסגעהן פון גדר הטבע, נישט געשעהן. אויב די מענשען ריידען פון נסים, איז עס מחמת זייער שוואַכער אויפפאַסונג און זייערע שוואַכע ידיעות, וואָס זיי האָבען וועגען דער נאַטור. די אַמאָליגע דורות, וואָס האָבען בכלל געהאַט זעהר שוואַכע ידיעות אין נאַטורוויסענשאַפט, האָבען דערקלערט דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט בנוגע צו נאַטורערשיינונגען, פאַר וואונדער, אויב זיי האָבען נאָר פריער נישט איבערגעלעבט עטוואָס ענליכעס. דער המון רעדט זיך איין, אַז ער פערשטעהט אַזאַך און זי קומט אים פאָר נאַטירליך, אויב ער פערוואונדערט זיך נישט דערביי. פערקערט, ווידער, איז אַלץ ביי אים אַ וואונדער, אויב ער זעהט עס צום ערשטען מאָל. אויב ער האָט עס נאָך פריער נישט געזעהן.

די וואונדער, די נסים, מיינט שפּינאָזא, זענען אייגענטליך נאַטירליך און קומען אין עצם פון אַ פאַלשער אויפפאַסונג פון דער נאַטור; אויסערדעם, בעווייזען גאָרנישט די נסים, אַז עס איז דאָ אַ בורא און מען קאָן פון זיי נישט דרינגען אויף אַ השגחה און אַ געטליכע הנהגה איבער דער וועלט. די אחדות השם קאָן נאָר בעוויזען ווערען דורך בע־

גריפען, וואָס זענען ביי אונז אַזוי פעסט און זי־
כער, אַז מיר קאָנען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען
אַמאָל, וואָס זאָל זיי קאָנען אַמאָל ענדערן. פאַר
אונז מוזען דיזאָזיגע בעגריפען האָבען אָט די אונצווייפעלהאַפטע,
אייביגע גילטיגקייט, ווען נישט קאָנען מיר זיך דאָך אויף זיי,
ביי אונזערע בעווייזען, נישט שטיצען. אויב מיר זאָלען זיך,
אַלזאָ, קאָנען פאָרשטעלען און פּועל'ן ביי זיך, אַז אין דער נאַ־
טור קאָן עפּיס אַמאָל פּאַרקומען, וואָס עס איז געגען אירע
אייגענע געזעצען, קאָן דאָך דאָסזעלבע אויך געשעהן מיט
יענע בעגריפען, פון וועלכע מיר דרינגען און בעווייזען די
מציאות הבּורא? זיי קאָנען אויך אַמאָל דורך עפּיס אַ קראַפט
געענדערט ווערען, און דעמאָלט פערלירען מיר דאָך דעם יסוד,
אויף וועלכען עס ווערט געבויט נישט בלויז אונזער ידיעה פון
בּורא און דער בּריאָה, נאָר אויך אונזער ידיעה בּכלל. מיר
וואָלטען דעמאָלט בּכלל מוזען צווייפלען אין אַלץ, וואָס מיר
מיינען, אַז מיר ווייסען און פערשטעהען. אונזער דענקען און
פאָרשען, אונזער פילאָזאָפירען און חקירות וואָלטען דעמאָלט
קיין ווערט נישט געהאַט, ווייל מיט איין מאָל קאָן זיך דאָס
רעדעל איבערדרעהען און אַלץ זאָל זיך איבערקערן. און ווער
ווייס? אפשר האָט זיך דאָס רעדעל שוין איבערגעדרעהט און
מיר דענקען אַלץ קאַפּויר, ווי דער אמת איז!

אויב מען מיינט, אַז נסים בעווייזען עפּיס, קאָן מען פון
זיי יעדענפאַלס נישט בעווייזען די מציאות השם, אַז עס איז
דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט; דער נס איז שטענדיג אַנ'
איינצעלנער, אַ בּעשרענקטער פאַקט. מען קאָן פון
דעם איינצעלנעם פאַקט נאָר שליסען, אַז עס איז דאָ אַ געוויסע
סבה, וואָס איז אפשר גרעסער ווי די ווירקונג, אָבער דאָס
קאָן זיך נישט בעציהען אויף די מציאות פון אַ בּורא, וואָס איז
דער מסבב כל הסבות, וואָס איז אַנ'אין־סוף. פער־
קערט, ווידער, די געזעצען פון דער נאַטור, וואָס זענען אונ־
ענדליך און אין אַ געוויסען זין אויך אויביג, בעווייזען שוין
אויף אַ סבה ראשונה, אויף אַנ'ערשטע אורזאַך, וואָס איז אונ־

ענדליך, אויביג און אונפערענדערליך. מיר קומען, אלזאָ, צו דער דעה, אַז די וואונדער בעציהען זיך נישט אויף די מציאות השם און נישט אויף זיין השגחה און אַז מיר דער־קאָנען די אַלמאַכט און השגחה העליונה אסך דייטליכער און זיכערער דוקאָ דורך די אונ־פערענדערליכע געזעצען פון דער נאַטור, איידער דורך די פערענדערליכע.

אַז דער נס אָדער דער מופת בעווייזט נישט די מציאות השם, און אַז מען האָט זיך אויף אים נישט צו פערלאָזען, האָט די תורה אַליין געזאָגט, ווען זי רעדט פון פאַלשען נביא, און וואָרענט, אַז ווען אַזאַ איינער וועט ווייזען אַ מופת און דער מופת וועט טאַקי געשעהן, זאָל מען אים נישט צוגעבען קיין בעדייטונג, ווייל דאָס האָט דער בורא נאָר געוואָלט אויספרו־בען דעם מענשען און דער פאַלשער נביא דאַרף בעשטראָפט ווערען. דאָס בעווייזט, אַז אויך דער פאַלשער נביא קאָן בע־ווייזען נסים און אַז ווען מען זאָל זיך פערלאָזען אויף נסים, קאָן מען זעהר לייכט פערפירט ווערען. האָבען דאָך די יודען גופאָ נאָך די אַלע נסים, וואָס מיט זיי איז געשעהן, זיך דאָך גע־מאַכט דעם עגל. נאָר אויב אין דער תורה ווערט דערצעלט, אַז דער בורא האָט געוויזען מופתים די יודען אין מצרים, כדי זיי זאָלען ווימען, אַז דער בורא איז זייער גאָט, הייסט עס בלויז, אַז די יודען האָבען דעמאָלט געהאַט אַזאַ פאָרשטעלונג וועגען גאָט, אָבער נישט, אַז די מציאות השם און זיין השגחה ווערען בעוויזען דורך וואונדער.

מיר קאָנען גאַנץ זיכער—זאָגט שפינאָזאַ—בעהויפטען, אַז די אַלע געשעהענישען, וואָס ווערען דערצעלט אין דער תורה, זענען פאָרגעקומען לויט די געזעצען פון דער נאַטור, און אומעטום, וואו עס ווערט געוויזען אין דער תורה, אַז עפּיס איז געשעהן דורך גאָט אָדער דורך גאָטס ווילען, דאַרף עס פערשטאַנען ווערען, אַז דאָס איז געשעהן לויט די געזעצען און דער אָרדנונג פון דער נאַטור. אַזוי ווערט, למשל, דער־צעלט אין שמואל, ווי דער בורא זאָגט צום נביא, אַז ער

וועט צו אים שיקען שאול'ן, ער זאָל אים זאַלבען פאַר אַמלך. אָבער דאָס צוזאַמענטרעפען זיך פון שאול'ן מיט שמואל'ן איז געשעהן אויף אַגאַנץ נאַטורליכען אופן. און דסאָזעלבע איז אויך, ווען דער בורא זאָגט צו נח'ן: „את קשתי נתתי בענן"—דער רעגענבויגען זאָל זיין כביכול דער צייכען, וואָס זאָל דערמאָנען דעם בורא זיין שבועה, ווייסען מיר, אַז דער רעגענבויגען איז אַגאַנץ נאַטירלי-כע ערשייַנונג. איבערהויפּט דאַרף מען שטענדיג געדענקען די פאָרמען פון דער העברעאישער שפּראַך און די אויסדרוקסאַר-טען פון די מזרח-פעלקער, וואָס ריידען שטענדיג אין מליצות. אַזוי ווערט אָנגערופען אין תהלים די וואַרמקייט, וואָס שמעלצט דעם שניי, מיט'ן נאָמען דבר השם (ישלח דברו וימסם); ווינט און קעלט הייסען מלאָכים און משרתים זיינע. דאָס אַלץ בעווייזט גאַנץ דייטליך, אַז אונטער די ווערטער גאָטס בעפעל, גאָטס וואָרט אָדער פעראָרדנונג האָט מען צו פערשטעהן די אָרדנונג און די טעטיגקייט פון דער נאַטור. מען דאַרף קיינמאָל נישט פערגעסען, אַז די תורה האָט נישט געהאַט דעם צוועק צו דערקלערן ווי אַזוי די אַלע זאַכען זענען געשעהן נאַטירליך, נאָר זי דער-צעלט אַלץ זאַכען, וואָס האָבען אַטיפע ווירקונג אויפ'ן פאָלק און דערצו נאָך אין אַפאָרם און סטיל, וואָס האָבען די אייגענ-שאַפט צו ווירקען אויף די איינבילדונגסקראַפט און האַרץ פון מענשען.

אויסערדעם, איז ביי די אַלע נסים, וואָס ווערען דער-צעלט, געשעהן שטענדיג אַזוינס, וואָס האָט אַגרויסע שייכות צו די וואונדער. בשעת משה רבינו האָט געבראַכט דעם שחין אויף די מצרים, האָט ער געשאָטען אַש צום הימעל. די הוי-שעריקען זענען געקומען מיט אַרוח-קדים-עזה, מיט אַשטאַרקען מזרח-ווינט, וואָס האָט געבלאָזען אַגאַנצע נאַכט און אַגאַנצען טאָג. דאָסזעלבע איז אויך געשעהן ביים אויסטריקענען דעם ים-סוף. ווען אלישע האָט לעבעדיג געמאַכט דאָס קינד פון דער שונמית, האָט ער זיך אויף אים אַנידערגעלעגט, ביז ער האָט אים דערוואַרימט א. אז. וו., א. אז. וו.

שפינאָזא קומט, אַלזאָ, צום בעשלוס, אַז אַלץ, וואָס עס ווערט דערצעלט אין דער תּורה, איז געשעהן לויט די נאַטיר-ליכע געזעצען. אויב עס זאָלען זיך אָבער דאָך געפינען אין איר זאַכען, וואָס זענען סותר דעם שכל און לאָזען זיך באין אופן נישט דערקלערן אויף אַנאַטירליכען אופן, מוזען מיר אָננעמען, אַז דאָס האָט מען שפּעטער אַריינגעשטעלט. ווייל אַלץ, וואָס עס איז געגען דער נאַטור, איז אויך געגען דעם שכל און וואָס עס איז סותר דעם שכל, קאָן נישט זיין היילינ. די נאַטור האָט איר פעסטען און אונפערענדערליכען סדר. און אין אַלע דורות—סיי די, וואָס מיר ווייסען, און סיי די, וואָס זענען אונז אונבע-קאַנט,—איז געבליבען דערזעלבער גאָט. און די נאַטורגעזעצען זענען אַזוי פאָלקאָמען און זיכער, אַז מען קאָן צו זיי גאָר-נישט מוסיף-זיין און נישט אַראָבנעמען און נאָרדעם, וואָס האָט קיין שום ידיעות נישט אין נאַטור, קאָן אַוואונדער פאָרקומען, ווי עפּיס נייעס. דעריבער איז קיינער, וואָס גלויבט אין דער תּורה און שטעהט פעסט אויפ׳ן באָדען פון דער רעליגיע, נישט מחויב צו גלויבען אין נסים און ער מעג זיך האָבען איבער זיי זיין מיינונג, ווי אים געפעלט.

XVI.

דער היסטאָריש-קריטישער מעטאָד.

ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, האַלט שפינאָזא, אַז צו פערשטעהן די תּורה ריכטיג, מוז מען זיך בעציהען צו איר קריטיש און אויפפאַסען זי היסטאָריש. מען מוז צוגעהן צו דער ביבעל, אַזוי ווי מען געהט-צו צו דער נאַטור. אַזוי ווי די נאַטורוויסענשאַפט פערנעמט זיך מיט׳ן אויספאָרשען די געזעצען פון דער נאַטור און דערביי ווערט נישט אָנגעווענדט

קיין אנדער מיטעל, ווי נאָר די נאַטור גופא, אזוי מוז מען אויך ביים פאָרשען די תורה זיך בענוצען נאָר מיט די־יעניגע מיטלען, וואָס די תורה ליפערט אונז; און אזוי ווי אין דער נאַטורוויסענשאַפט איז די ערשטע ארבייט געווען—צוזאַמענצו־שטעלען אַגעשיכטע פון דער נאַטור, אזוי מוז מען אויך קודם־כל צוזאַמענשטעלען אַגעשיכטע פון דער תורה. און שפינאָזאַ שטעלט־אַרויס פאָלגענדע דריי פאָדערונגען: ערשטענס, מוז מען בעלייכטען און גרינדליך אויספאָרשען די שפראַך, אין וועלכער די תורה איז געגעבען געוואָרען; אזוי ווי די כתבי הקודש זענען געשריבען אין העברעאיש, מוז מען פריער אויס־ארבייטען און וויסען די געשיכטע פון דער העברעאישער שפראַך, און ריכטיג פערשטעהן די בעדייטונג פון די ווערטער; צוויי־טענס, מוז מען זאַמלען די אַלע אויסדריקען און פאָרמען פון תנ"ך, זיי פערגלייכען און קלאַסיפיצירען, ווייל נאָר אויף דעם אופן קאָן מען דערגעהן דעם אמת'ן זין פון די ווערטער, וואָס זענען אויף איין אָרט נעבעלהאַפט און אין אַ צווייטער קלערער. נאָר דורך פערגלייכונגען קאָן מען דערגעהן זייער בעדייטונג. דריטענס, ווידער, דאַרף אין דער געשיכטע פון תנ"ך אויכגע־פאָרשט און פעסטגעשטעלט ווערען, ווער עס זענען געווען די אמת'ע מחברים פון די כתבי הקודש, ווען האָבען זיי געלעבט, מיט וואָס האָבען זיי זיך בעשעפטיגט, וואָס פאַר אַ מענשען זענען זיי געווען, אין וועלכען לשון האָבען זיי לכתחילה געשריבען די ספרים און דעסגלייכען. ווען מען וועט האָבען אזא געשיכטע פון תנ"ך, וואָס וועט זיין בעאַרבייט מע־טאָדיש און מיט אַ בעשטימטען סיסטעם, ערשט דעמאָלט וועט מען בעקומען דעם ריכטיגען בעגריף פון דער תורה און מען וועט קאָנען אונטערשיידען, וואָס אין איר געהערט צום אייבי־גען געטליכען געזעץ און וואָס עס דאַרף פעררעכענט ווערען צו די דינים און משפטים, וואָס זענען נאָר צייטווייליג געגע־בען געוואָרען. דערביי האַלט שפינאָזאַ, אז מען מוז דאָ אויך אַנווענדען דעם מעטאָד פון נאַטורוויסענשאַפט, מען דאַרף זיך בענוצען מיט דעם דעדוקטיווען מעטאָד,

־אָס הייסט אָבלערנען פון כלל אויפ׳ן פרט. קודם־כל, ווי געז׳ ז, מוז ווערען אויסגעפאָרשט דער יסוד פון דער ביבעל, וואָס איז אַלגעמיין און געמיינזאַם פאַר אַלע נביאים, וואָס אַלע האָבען אָנערקענט פאַר דאָס וויכטיגסטע און הייליגסטע. אזא יסוד פון דער גאַנצער תורה, איז, למשל, די לערע, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין־איינציגער גאָט, אַ יחיד ומיוחד, וואָס איז ־ער בורא ומנהיג און נאָר צו אים אַליין דארף מען מתפלל־זיין און ער הערט דאָס געבעט פון די, וואָס זענען עובדים ־אהבה, וואָס ליבען זייער בורא און זענען מקיים די מצוה „ואָהבת לרעך כמוך”. דאָס געבאָט איז אין דער תורה אַזוי קלאָר און דייטליך, אַז קיין מענש קאָן נישט מטיל ספק זיין אין אים. פערקערט, בנוגע צום מהות פון בורא און ווי אַזוי ער איז דער מנהיג פון דער וועלט,—דאָס לערנט שוין ־ישט די תורה אַזוי קלאָר און דייטליך. אַפילו די נביאים גופא האָבען אין די ענינים געהאַט, ווי עס איז שוין אויבען געוויזען געוואָרען, פערשידענע מיינונגען. דעריבער קאָן מען אין אַזעלכע זאַכען נישט בעשטימען קיין געזעץ און זאָגען, אַז נאָר דאָס איז דער אמת און דאָס אַנדערע איז פאַלש, און דער נאַטירליכער מענשליכער שכל קאָן זיך האָבען זיין מיינונג דעריבער.

שפינאָזא ווייזט אונז אָן, ווי אַזוי מען האָט זיך צו בע־־ינען מיט׳ן מעטאָד, וואָס ער לעגט־פאָר און ער ברענגט בייִשפּילען פון אַלטען און פון נייעם טעסטאַמענט (ברית החדשה). ער, שפינאָזא, איז מודה, אַז די, וואָס האָבען אַ קבלה פון די נביאים גופא, ווייסען, נאַטירליך, אַ סך מער און ריכטיגער, וואָס עס טוט זיך אין דער תורה. אָבער ער גלויבט נישט אין דער קבלה פון די רבנים און אויך נישט אין דער קבלה פונ׳ם קאַטוליציזם. ווייל ביי אַזא לאַנגע צייט פון משה רבינו ביז צו די תנאים און נאָך שפעטער, איז נישט מעגליך, אַז אַזא קבלה זאָל זיך דערהאַלטען ריין און נישט געפעלשט. דערביי זעהט ־ך אָבער איין, אַז אָהן דער יודישער קבלה קאָן מען דאָך

ניש׳ט אויסקומען; ווייסען מיר דאָך, צום ביישפּיל, גאָרנישט קיין פּירוש המלות, קיין טייטש אין דער תורה, וואָרום פון וואַנען ווייסען מיר, למשל, אַז „אָנכי״, איז דער טייטש איך, ווען מיר וואָלטען עס נישט האָבען בקבלה פון אונזערע אָבות גאַנצע דורות־ווייז, און פון יודען, ווידער, האָט עס די גאַנצע וועלט איבערגענומען. דעריבער זוכט שפּינאָזאַ אַרויסצוגעפינען אַ חילוק צווישען דער קבלה בנוגע צו דער שפּראַכליכער בעדייטונג פון די לשון־קודש׳דיגע ווערטער און דער קבלה למשה מסיני, וואָס דער תלמוד און די שפּעטערע מפרשים האָבען געהאַט בנוגע צום פּשט פון די פּסוקים. דעם לשון גופא, האַלט ער, האָט קיינער קיינמאָל נישט געהאַט קיין אינטערעס צו פעלשען און דערצו איז עס זעהר שווער, ווייל דער, וואָס וואָלט געפּרובט ענדערן מיט אַ געוויסער כונה די בעדייטונג פון אַ וואָרט, וואָלט דאָך געמוזט זעהן, אַז אומעטום, וואו דאָס וואָרט קומט־פאָר, זאָל עס האָבען דיזעלבע געענדערטע בעדייטונג. דערצו ווערט די שפּראַך בענוצט נישט בלויז פון געלערטע, נאָר אויך פון פאָלק.

אָבער איינע פון די שוועריגקייטען ביים בענוצען זיך מיט׳ן קריטישען מעטאָד, איז, ווי שפּינאָזאַ ווייזט־אָן, דאָס, וואָס מיר האָבען נאָר אַ קליינעם טייל פון דער העברעאישער שפּראַך וואָס אין העברעאיש ווערען אָפט פערביטען די אותיות, וואָס האָבען איין אויסשפּראַך (צום ביישפּיל: די אותיות א׳ ח׳, ע׳, ה׳) און וואָס עס פעלען אין העברעאיש אַ סך פאָרמען פון דער צייט. אָבער די הויפּטשוועריגקייט ליגט דערין, וואָס אין העברעאיש זענען נישטאָ קיין וואָקאַלען און אויף זייער אָרט האָט מען שפּעטער איינגעפירט דעם נקוד, אויף וועלכען מען קאָן זיך נישט פערלאָזען און דערצו האָט נאָך די שפּראַך לכתחילה נישט בענוצט קיין פונקטען — אָבצושיידען איין פּסוק פון צווייטען. צוליב די אַלע טעמים קאָן מען אין תנ״ך געפינען זעהר פיל ערטער, וואָס האָבען אַ צווייענדיגען זין און מען מוז דעריבער זיין פאָרזיכטיג ביים דערקלערן דעם פּשט פון די פּסוקים.

די אַלע שוועריגקייטען און נאָך ענליכע זאַכען זענען

אַזוי גרוים, אַז אין אַסך ערטער זענען מיר בכלל נישט בכח צו דערגעהן, וואָס די תורה האָט דאָ געוואָלט זאָגען. אָבער דאָס איז נאָר נוגע די ערטער, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען ענינים, וואָס זענען פאַר אונז נישט בעגרייפליך. די איינפאַכע און קלאָרע ערטער, וואָס אונזער שכל איז זיי אָהן שוועריגקייט משיג, קאָנען אָבער קיינמאָל נישט פערטונקעלט ווערען דורך אַ פערדרעהטער אָדער פערגרייזטער שפּראַך. אין אַזעלכע ענינים איז דער מעטאָד, וואָס איז פריער פאָרגעלעגט געוואָרען, גאָר נישט נויטיג. מיר דאַרפען נישט וויסען ווער דער מחבר איז געווען, ווען ער האָט געלעבט און מיט וואָס ער האָט זיך בעשעפטיגט, אַזוי גוט ווי מיר דאַרפען ביי אויקלידס מאַטעמאַטישע כּללים נישט וויסען, ווער און וואָס ער איז געווען, ווייל די כּללים זענען אַזוי קלאָר און פערשטענדליך אין אַלע שפּראַכען, אַז זיי דערוועקען ביי קיינעם קיין צוויי־פעל נישט. דעריבער דאַרפען מיר צו דעם חלק פון דער תורה און נביאים, וואו עס רעדט זיך וועגען מוסר און מידות טובות, קיין שום חקירות און קריטיק נישט אָנווענדען, ווייל די ענינים זענען פאַר אונז קלאָר און פערשטענדליך. מיר קענען דעריבער האָבען אַ גאַנץ ריינע און קלאָרע ידיעה אין די ענינים, וואָס האָבען אַ שייכות צום גליק און רוה פון מענשען, און דאָס איבריגע קאָן אונז אין עצם שוין ווייניג אינטערעסירען.

פאַראַן אָבער אַזוינע, וואָס זאָגען, אַז דער מענשליכער שכל איז איבערהויפּט נישט בכח משיג צו זיין די תורה און אַז מען מוז דערצו האָבען אַ בעזונדערע סיעתּא דשמיא, אַנ׳־איבערנאַטירליכע הילף. וואָס די מענשען פערשטעהען אונטער דעם אויסדרוק: איבערנאַטירליכער הילף, ווייסען מיר נישט. עס ווייזט אָבער אויס, אַז זיי ווילען אויך אין נעבעלהאַפטע ווערטער אַרויסזאָגען די מיינונג, אַז די כּונה פון פּסוקים איז אין אַסך ערטער טונקעל און מען וויים נישט זייער אמת׳ן פשט. אויב זיי ווילען אָבער זאָגען, אַז דער מענשליכער שכל איז בכלל נישט בכח צו פערשטעהן די ווערטער פון די נביאים, איז עס דורכאויס פאַלש, ווייל די נביאים האָבען דאָך

גערעדט נישט נאָר צו צדיקים און חסידים, נאָר דוקא צו איינפאַכע מענשען אָדער זאָגאַר צו רשעים. אויך משה רבינו וואָלט דאָך מיט זיינע געזעצען, אויב זיי זאָלען זיין בע־שטימט נאָר פאַר צדיקים, געהאַט אַ טעות, ווייל די צדיקים דאַרפען דאָך גאָרנישט, מען זאָל זיי בעפעלען צו טאָן גוטס: זיי טהוען עס סיי־ווי פון אייגענעם גוטען ווילען. עס שיינט, אַלזאָ, אַז די, וואָס זאָגען, אַז מקיים צו זיין די מצוות און פערשטעהן די כתבי הקודש דאַרף מען האָבען אַ בעזונדערן רוח־הקודש, ווייל דער נאַטירליכער שכל איז דערצו נישט פע־היג, — אַז דידאָזיגע מענשען פעלט טאַקי דער נאַטירליכער שכל.

גאָר אַנ׳אַנדערע מיינונג האָט, ווידער, דער רמב״ם. ער האַלט, אַז יעדער פסוק קאָן אויסגעטייטשט ווערען פער־שידען, אַז מען קאָן אין אים אַריינלעגען די פערשידענסטע כונות און דעריבער קאָנען מיר נאָר דעמאָלט זאָגען, אַז מיר האָבען פערשטאַנען דעם אמת׳ן זין פון די פסוקים, ווען מיר זענען איבערצייגט, אַז זיי זענען מסכים מיט אונזער שכל. אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז אַ פסוק איז נישט מסכים מיט אונזער שכל אָדער מיט אונזערע ידיעות איבער דער נאַטור, מוזען מיר זעהן דעם פסוק אַנדערש צו פערשטעהן, כאָטש ער זעהט־אויס, אין פלוג, גאַנץ קלאָר און דייטליך. דאָס זאָגט דער רמב״ם („מורה נבוכים״ פרק כ״ו), וואו ער רעדט וועגען דער דעה, אַז די וועלט איז אַ קדמון. ער זאָגט, אַז ווען די דעה זאָל זיין אַ ריכטיגע, וואָלטען מיר די פסוקים, וואָס בעציהען זיך צו דער בריאת העולם געמוזט אַזוי טייטשען, אַז זיי זאָ־לען דער דעה נישט סותר־זיין, אַזוי ווי מיר האָבען געטאָן מיט די פסוקים, וואָס ריידען פון בורא און זענען אים מייחס קערפערליכקייט. עס קומט, אַלזאָ, אויס, אַז ווען ער זאָל זיין איבערצייגט, אַז די וועלט איז אַ קדמון, וואָלט ער די פסוקים אַזוי לאַנג געדרעהט און געטייטשט, ביז זיי זאָלען זיך שטימען מיט זיינע כונות.

אויב מען זאָל מיט דערדאָזיגער מיינונג מסכים־זיין, וואָלט מען מוזען צוגעבען, אַז צו פערשטעהן די תורה, מוזע

מיר האָבען אַ בעזונדערע סיעתא דשמיא, אַז מיט'ן נאַטירליכען שכל קאָן מען גאָרנישט משיג-זיין. ווייל די גאַנצע תורה קאָן במעט נישט פערשטאַנען ווערען לויט די געזעצען פון נאַטור און פילאָזאָפיע. עס וואָלט אויסגעקומען, אַז דער עולם, וואָס האָט נישט קיין צייט זיך צו פערנעמען מיט פאָרשען און פילאָזאָפירען, ווייס גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אין דער תורה און מוז זיך פערלאָזען אויף די פילאָזאָפען און חוקרים. אויף אַזאַ אופן וואָלט, אַלזאָ, געמוזט געשאַפען ווערען אַ מין פּאַפּסטום. דערצו מוז מען, לויט'ן רמב"ם, האַלטען, אַז די נביאים זענען שטענדיג געווען צווישען זיך איינשטימיג און אַז זיי זענען געווען גרויסע פילאָזאָפען; אָבער דאָס האָבען מיר שוין געזעהן, אַז עס איז נישט ריכטיג. אָבער, אויסערדעם, קומט-אויס, אַז עס איז דערלויבט צו דרעהען און צו פּשט'לען זיך אין די כונות פון פסוק, אַז מען מעג אַריינלעגען אין אים אונזערע אייגענע מיינונגען, וואָס קאָנען דאָך גאַנץ אָפט זיין פאַלש. עס קומט, אַלזאָ, אויס, אַז מיר וויסען פון דער תורה איבערהויפּט גאָרנישט, אַז אין איר איז נישטאָ קיין פעסט און קלאָר געבאָט און אַז מיר קאָנען מאַכען פון איר אַלץ, וואָס אונז געפעלט. צוליב דידאָזיגע אַלע טעמים מוזען מיר דעם רמב"ם'ס מעטאָד אינגאַנצען אָבוואַרפען און זיך האַלטען נאָר ביי דעם היסטאָריש-קריטישען מעטאָד, וואָס שטיצט זיך אויף דעם נאַטירליכען שכל, וואָס איז ביי אַלע מענשען גלייך און וואָס האָט נישט נויטיג—נישט קיין איבערנאַטירליכע כחות און נישט קיין בעזונדערע אויטאָריטעט.

XVII.

ביבעל-קריטיק.

שוין אין פריערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר געזעהן, אַז דער ערשטער תנאי צו פערשטעהן די כתבי הקודש, לויט

שפינאָזאַ, איז אַז מיר וועלען זיך בענוצען מיט דעם היסטאָ־ריש־קריטישען מעטאָד און וועלען היסטאָריש אויפפאַסען די תורה, אויב די ראשונים האָבען די געשיכטע נישט געשריבען און אונז נישט נעלאָזען קיין ווערק איבער דעם ענין, איז עס פון זיי געווען אַ גרויסער פעלער, וואָס מיר מוזען זעהן אויסצובעסערן. אָבער אַזוי ווי אונז איז פערבליבען בלויז אַ קלײנער טײל פון די כתבי הקודש, זענען מיר דעריבער נישט בכח צו שרייבען אַ פאָלשטענדיגע געשיכטע פון די הייליגע ספרים. אָבער שפינאָזאַ נעמט זיך אונטער צו מאַכען אַ סוף מיט די פאָראורטײלען פון די טעאָלאָגען און ווייזט־אָן, ווי אַזוי מען דאַרף די ארבייט מאַכען. קודם־כל נעמט ער זיך צו דער תורה און סטאַרעט זיך צו בעווייזען, אַז די תורה, ווי מיר האָבען זי היינט, איז נישט אינגאַנצען געשריבען פון משה רבינו. וואָס איז שייך צו די מצוות און מעשים טובים, זענען זיי געווים געטליך און זענען געגעבען געוואָרען משה׳ן מפי הגבורה, אָבער בנוגע צו דער צייט, ווען די תורה איז געשריבען געוואָרען, זענען פאַראַן געוויסע ספקות. שפי־נאָזאַ האַלט, אַז די תורה איז געשריבען געוואָרען אַ סך שפעטער און ער בערופט זיך דערביי אויף׳ן אבן־עזרא, וואָס איז, לויט שפינאָזאַס מיינונג, אַ מענש מיט אַ פרייען גייסט און גרויסע קענטנישען.

אבן־עזרא, וואָס האָט עס דער ערשטער בעמערקט, האָט זיך פונדעסטוועגען נישט דערלויבט עס אָפען ארויסצוזאָגען. ער שרייבט דעריבער אין דברים אויפ׳ן פסוק „בעבר הירדן“: „ואם תבין סוד השתים עשרה, גם ויכתב משה, והכנעני אָז בארץ, בהר ה׳ יראה, גם הנה ערשו ערש ברזל הלה הוא ברבת בני עמון, אָז תבין את האמת“. מיט דיזאָזיגע קורצע ווערטער האָט דער אבן־עזרא געוואָלט, מרמז־זיין, אַז משה רבינו האָט די תורה אַליין נישט געשריבען, נאָר גאָר אַנ׳אַנדער־דער, וואָס האָט אַ סך שפעטער געלעבט. שוין דער בעבר הירדן, דאָס הייסט אויף יענער זייט ירדן, בעווייזט עס, ווייל משה רבינו איז, ווי בעוואוסט, דעם ירדן נישט אריבער. אָבער

אויסער דעם בעוויזען עס די צוועלף שורות, וואָס דערצעלען פון משה'ס טויט, און פון זיי האָט שוין דער תלמוד פערשטאַנען, אַז משה האָט זיי נישט געקאָנט שרייבען; די ווערטער: „ויכתוב משה“—און משה האָט געשריבען, האָט אויך געקאָנט נאָר אַ צווייטער שרייבען, אָבער נישט משה גופא, ווייל ער וועט דאָך אין אַזאַ פאָרם וועגען זיך נישט שרייבען. ווען עס ווערט דערצעלט ביי אַברהם אָבינו אין פרשה לך־לך: „והכנעני אָז באָרץ“—און דער כנעני איז נאָך דעמאָלט געוועזען אין לאַנד, האָט עס נאָר געקאָנט געשריבען ווערען אין אַ צייט, ווען דער כנעני איז שוין אין לאַנד מער נישט געוועזען, און דאָס האָט נישט געקאָנט געשעהן אין משה רבינו'ס צייט, ווען מען האָט נאָך דאָס לאַנד נישט געהאַט איינגענומען און דער כנעני איז נאָך דאָרט געזעסען א. אַז. וו.

אָבער שפינאָזאַ בענוגענט זיך נישט מיט דעם, וואָס דער אבן־עזרא האָט אָנגעוויזען; ער געהט אַ סך ווייטער און ווייזטאָן, אַז דער גאַנצער כאַראַקטער פון שרייבען די תורה, איר לשון, ווי אַזוי זי רעדט פון משה רבינו, דערווייזען, אַז משה רבינו האָט עס אַליין נישט געשריבען. שוין די פאָרם, ווי עס ווערט גערעדט וועגען משה'ן, ווי וועגען אַ דריטער פּערזאָן, צום ביישפיל: „וידבר ה׳ אל משה“, „ויאמר ה׳ אל משה“,—דער בורא האָט גערעדט צו משה'ן א. אז. וו. בעווייזען גענוג דייטליך, אַז דאָס דערצעלט אַ צווייטער, אַן'אַנדערער פון משה'ן. דאָס בעווייזען אויך די שבחים, וואָס ווערען דערצעלט וועגען משה'ן: „פנים אל פנים דבר ה׳ אל משה“, „והאיש משה עניו מאד“, „משה איש האלהים“ א. אז. וו. משה אַליין האָט דאָך עס אויף זיך נישט געקאָנט שרייבען. ווייטער ווערט נישט נאָך דערצעלט, ווי משה איז געשטאָרבען און יודען האָבען אים דרייסיג טאָג בעווינט,—עס ווערט אויך געמאַכט אַ פערגלייך צווישען אים און די נביאים, וואָס זענען געוועזען נאָך אים. עס ווערט געזאָגט: „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה, אשר ידעו ה׳ פנים אל פנים“. דאָס האָט משה אויף זיך אַליין נישט געקאָנט שרייבען, נאָר, ווי געזאָגט, אַזאַ איינער, וואָס

האָט געלעבט שוין נאָך אַלע נביאים און האָט דעריבער גע־קאָנט מאַכען אַזאַ פערגלייך. דעסגלייכען האָט ער נישט געקאָנט זאָגען, אַז קיינער ווייס נישט, וואו זיין קבר געפינט זיך, ביז צום היינטיגען טאָג. עס ווערען אויך אין דער תורה דערמאָנט ער־טער מיט נעמען, וואָס זיי האָבען ערשט בעקומען שפּע־טער, ווען יודען האָבען זיך שוין געהאַט בעזעצט אין לאַנד. אַזוי ווערט דערצעלט אין פרשה לך־לך, אַז אברהם האָט נאָכ־געיאָגט די פיינד ביז דן: „וירדף עד דן" (בראשית יד, יד). אָבער דער נאָמען דן איז ערשט אויפגעקומען אין דער צייט פון די שופטים, ווען די בני־דן האָבען פערנומען דאָס דערמאָנטע אָרט. ויקראו שם העיר דן בשם דן אביהם אשר יולד לישראל ואולם ליש שם העיר לראשונה (שופטים, יח, כט). אויסערדעם, ווערען דערצעלט זאַ־כען, וואָס זענען פאָרגעקומען אַ סך שפּעטער, ווי, למשל, אַז די יודען האָבען געגעסען דעם מָן פערציג יאָר צייט ביז זיי זענען געקומען אין זייער לאַנד. דאָס איז שוין געווען אין יהושע'ס צייטען. אָדער עס ווערען אויסגערעכענט די מלכים, וואָס האָבען געקיניגט אין אֱדום, איידער ביי יודען איז נאָך געווען אַ מלך, דאָס הייסט, עס ווערען אויסגערעכענט די מלכי אדום, וואָס האָבען געקיניגט ביז דוד'ן, וואָס האָט זיי איינגענו־מען און אריינגעזעצט דאָרט זיינעם אַ פערטרעטער (שמואל ב', ח, יד).

דאָסזעלבע קריטיקירט שפּינאָזאַ אויך די איבעריגע כתבי־הקודש און ווייזט־אָן, אַז יהושע האָט זיין ספר נישט געשריבען, ווייל ער אַליין וועט דאָך אויף זיך נישט שרייבען: „ויהי שמעו בכל הארץ", אַז זיין נאָמען איז געווען בערימט אין דער גאַנ־צער וועלט, אָדער אַז ער האָט אַלץ מקיים־געווען, וואָס משה האָט בעפּעלען. און דאָ ווערען אויך דערצעלט זאַכען, וואָס זענען געשעהן אַ סך שפּעטער נאָך זיין טויט. די שופטים, ווידער, האָבען אויך אַליין נישט געשריבען א. ד. גל.

ווען מען זאָל זיך גענוי צוקוקען, מיינט שפּינאָזאַ, צו די אַלע ספרים, קאָן מען זעהן, אַז זיי שטאַמען אַלע פון איין מחבר, וואָס הויבט־אָן מיט דער דערצעלונג, ווי אַזוי דאָס

יודישע פאָלק האָט זיך ענטוויקעלט, ווען און ביי וואָס פאַר אַ געלעגענהייט מען האָט געגעבען די תורה און פאָרגעשריבען די מצוות, ווי אַזוי די יודען האָבען פערנומען זייער לאַנד און ווי אַזוי זיי האָבען שפּעטער געזינדיגט קעגען גאָט, נישט געהיט די געזעצען פון דער תורה און עס איז אויף זיי געקומען דאָס אומגליק. שפּעטער ווערט דערצעלט דאָס אייגענע ווי אַזוי די בני ישראל האָבען דוקא געוואָלט האָבען אַ מלך און אַז די מלכים זענען געווען אַ גליק אָדער אַן אומגליק פאַר׳ן פאָלק אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, צי זיי זענען געווען גאָטספאָרכטיג אָדער זינדיג. צולעצט, ווערט דערצעלט, ווי אַזוי די מלוכה איז אונטערגעגאַנגען און אַלץ טאַקי דערפאַר, וואָס מען האָט נישט געהיט די געזעצען פון משה רבינו. דער מחבר האָט אין אַלע ספרים נאָר איין צוועק פאַר זיך: ער וויל בעווייזען ווי נויטיג עס איז צו פאָלגען דער תורה און היטען די געזעצען, וואָס משה האָט געגעבען. ער שטעלט זיך אָב נאָר אויף יענע געשעהענישען און פאַקטען, וואָס קענען שטיצען זיין צוועק. די זייטיגע געשעהענישען דערמאָנט ער גאָרנישט, אָדער ער שיקט אָב דעם לייענער צו אַנדערע ספרים: צום ספר „דברי הימים למלכי יהודה" און צו אַנדערע ענליכע שריפטען, וואָס זענען פערלאָרען געגאַנגען. שפּינאָזאַ רעכענט, אַז דער מחבר פון די אַלע ספרים, וואָס האָט אויסגענוצט די ליטעראַטור פון פריער און האָט איבערהויפּט אין ספר דברים איבערגעגעבען וועלטליך משה רבינו׳ס תורה, איז עזרא הסופר. שפּינאָזאַ ברענגט פערשידענע בעווייזען, וואָס קאָנען אונז דאָ, איבעריגענס, נישט אינטערעסירען.

שפּינאָזאַ געהט נאָך ווייטער אין זיין ביבעלקריטיק און וויל בעווייזען, אַז די אַלע ספרים, וואָס עזרא האָט צוזאַמענגעשטעלט פון עלטערע מחברים, זענען פון אים נישט גענוג גרינדליך רעדאַגירט און דורכגעזעהן געוואָרען. ער האָט אין אַ סך ערטער אַראָבגעשריבען פון די אַלטע ספרים און זיך נישט געקימערט, וואָס דיזעלבע זאַך קומט פאָר אין אַ צווייטען אָרט נאָר אי-

אַנ'אַנדער נוסח, למשל, די מעשה פון יחזקיהו המלכ'ס קראַנקהייט, וואָס ווערט דערצעלט אין מלכים ב, קאַפּיטעל יח, איז אָבגעשריבען פון ישעיה לה און ביידע האָבען עס גענומען פון ספר דברי הימים למלכי יהודה, ווי עס שטעהט אין דברי הימים ב, קאַפּיטעל לב, לב: „ויתר דברי יחזקיהו וחסדיו הנם כתובים בחזון ישעיהו בן אָמוץ הנביא על ספר מלכי יהודה וישראל". פונדעסטוועגען איז דער נוסח אין ביידע ערטער גאַנץ פערשידען. דאָסזעלבע איז אויך געשעהן אין מלכים ב, קאַפּ. כח, וואו עס ווערט דערצעלט דאָס אייגענע, ווי אין ירמיה קאַפּ. לט, מ; אַזוי אויך קאַפּ. ז, אין שמואל ב, וואו עס ווערט דערצעלט דאָסזעלבע, וואָס אין דברי הימים א, קאַפּ. יז. פון וואַנען נעמען זיך אָבער די פערשידענע נוסחאות אין די אַלע ערטער? שפינאָזאַ דערקלערט עס דערמיט, וואָס די מחברים פון די ספרים האָבען געהאַט פאַר זיך פערשידענע עקזעמפּלאַרען פון די אַלטע „דברי הימים'ס", פון וואַנען זיי האָבען איבערגעשריבען און דערביי נישט מדקדק-געווען, עס זאָל שטימען דוקאָ ווערטליך מיט דעם נוסח פון צווייטען אָרט. סמנים פון אַזא איבערשרייבונג געפינט שפינאָזאַ אין זעהר פיל ערטער און ער דרינגט דערפון אַרויס, אַז די מחברים פון די ספרים האָבען נישט בלויז נישט מדקדק-געווען און אויסגעגלייכט אַלע נוסחאות, נאָר זיי האָבען גאָרנישט געוואָלט, מען זאָל מיינען, אַז דאָס, וואָס זיי שרייבען, איז קודש קדשים און עס געפינט זיך אין דעם נישט קיין גרייז. אַדרבה, זיי האָבען געמאַכט זייער זאַך היין מענשליך און ערשט שפּעטער האָט מען צוליב פאַלשע טעמים צוגעשריבען די ספרים אַ בעזונדערע קדושה און געזאָגט, אַז זיי שטאַמען אַלע, ווי זיי שטעהען פאַר אונז, מפּי הגבורה.

אויסערדעם, געפינט שפינאָזאַ, אַז אין די כתבי הקודש האָבען זיך אין משך פון דער צייט אַריינגע'גנב'עט פערשידענע גרייזען; איינצעלנע ווערטער זענען אַרויסגעפאַלען און מען האָט שפּעטער נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ וואָרט עס פעלט. אַזוי, למשל, פעלט אין פסוק: שמואל א, יג „בן שנה שאול במלכו ושתי שנים מלך על ישראל", די צאָל פון די יאָרען,

וויפיל שאול איז אַלט געווען, ווען ער איז געוואָרען מלך, ווייל איין יאָר איז ער דאָך געווים נישט אַלט געווען. איבערהויפּט אָבער שטעלט זיך שפינאָזא אָב גאַנץ אויספירליך אויפ'ן קרי וכתיב, אויף די פערשידענע נוסחאות, וואָס געפינען זיך אין די כתבי הקודש, וואו עס שטעהט געשריבען איין נוסח און מען לייענט אין דער תורה לויט אַ צווייטען נוסח. שפינאָזא פּאָלעמי־זירט דאָ מיט די בעלי־המסורה און דעם תלמוד, ווי אויך מיט די מקובלים, וואָס האָבען אין דעם קרי וכתיב אין די פערשי־דענע נוסחאות אַריינגעלעגט פערשידענע כונות און האָבען נישט געוואָלט צוגעבען, אַז דאָס נעמט זיך גאַנץ איינפאַך דערפון, וואָס אין די געשריבענע ספרים—קיין דרוק איז נאָך נישט געווען—זענען ביים איבערשרייבען אַריינגעפאַלען גרייזען. אי־בערהויפּט האָט עס פּאַסירט מיט אותיות וואָס זענען זעהר ענליך צו איינאַנדער, למשל, אַ „כ" מיט אַ „ב", אַ „ו" מיט אַ „י" א. ד. גל. אַמאָל האָט אויך געטראָפען, אַז די סופרים, וואָס האָבען איבערגע־שריבען די כתבי־יד, האָבען געפילט, אַז עס דערפעלט עפּיס און דעריבער געלאָזען אַ בלויז, אַ חלל, אין בראשית ביים פּסוק: „ויאמר קין אל הבל אחיו"—און קין האָט געזאָגט זיין ברודער הבל, שטעהט, צום ביישפּיל, דערנאָך אַ בלויז, ווייל עס פעלט גראָד דאָס, וואָס קין האָט דאָ געזאָגט זיין ברודער.

אויף דעמזעלבען אופן און מיט דעם אייגענע מעטאָד געהט שפּינאָזא דורך דעם גאַנצען תנ"ך און קומט צום בעשלוס, אַז די כתבי־הקודש זענען צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט גע־וואָרען אין דער פאָרם, ווי מיר האָבען זיי איצט, אַ סך שפּעטער, אין דער צייט פון בית שני, דורך די פרושים. ער שטיצט זיך דערביי אויפ'ן תלמוד (שבת ל, ע"ב), וואו עס ווערט געזאָגט: „אמר ר' יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמו דרב בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת מפני שדבריו סותרים זה את זה ומפני מה לא גנזוהו? מפני שתחילתו דברי תורה וסופו דברי תורה". די חכמים האָבען געוואָלט בעהאַלטען דעם ספר קהלת, ווייל ער איז זיך אָפּט סותר, נאָר זיי האָבען געפונען אויף אים אַ זכות, אַז ער הויבט זיך אָן מיט דברי תורה און ענדיגט זיך

מיט דברי תורה. דאָסזעלבע איז אויך געשעהן מיט משלי. אַפילו יחזקאל הנביא האָט מען געוואָלט גונז־זיין, ווען עס וואָלט זיך נישט געפונען איינער אַ חנניה בן חזקיה, וואָס האָט אויף אים געפונען אַ זכות (שבת יג, ע"ב). דערפון זעהט מען, אַז די פּרושים האָבען זיך בעראַטען, וועלכע ספרים עס דאַרפען געהערען צו די כּתבי־הקודש און וועלכע נישט. שפינאָזאַ לעגט דאָ ווידער פאָר דאָס איינענע: אויב מען וויל וויסען וועלכע ספרים עס זענען עכט און וועלכע זענען פערגרייזט,—זאָל מען זיך נעמען גרינדליך פאָרשען און אונטערזוכען זיי, אַזוי ווי עס האָבען אַמאָל געטאָן די פּרושים. און ערשט נאָכדעם, ווי מען וועט יעדען ספר בעזונדער אויספאָרשען, וועט מען קאָנען האָבען אַ ריכטיגע מיינונג איבער די כּתבי הקודש.

מיט דערזעלבער שיטה בענוצט זיך אויך שפינאָזאַ בנוגע צום „ברית החדשה". ער פאָרשט נאָך די בריף פון די שלוחים (אַפּאָסטאָלען) און ווייזט־אָן ווען און וואו זיי זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען. אָבער דער ענין געהט שוין אַריבער די גרעניצען פון אונזער אויפגאַבע.

VIII.

די עיקרים פון אמונה.

שפינאָזאַ האָט געפיהלט, אַז זיין שטאַנדפּונקט איז סותר די מיינונגען, וואָס מען האָט ביז איצט געהאַט איבער דת און איבער די כתבי הקודש; ער האָט געפיהלט, אַז זיין קריטיק איבער די היילינע שריפטען וועט אַרויסרופען גרויס פערביטערונג און ער פּרובט זיך דעריבער בעצייטענס צו פערענטפערן און בעווייזען אַז זיין קריטיק איז נישט נאָר נישט סותר דעם דת,—אדרבה, זי איז נאָך מחזק די אמת'ע אמונה. ער ווייזט אָן, אַז אַלע נביאים און מחוקקים האָבען ליב געהאַט דאָס פאָלק, אַז דער אמת איז איינגעשריבען ביים מענשען אַ

האַרצען און איז בשום אופן נישט אָבהענגיג פון כתב. ער פערזיכערט זאָגאַר, אז ווען ער וואָלט נאָר איין אויגענבליק געצווייפעלט, טאָמער וועט זיין קריטיק שאַדען דעם אמת'ן גלויבען, וואָלט ער געשוויגען און זיינע געדאַנקען נישט אַרויסגעזאָגט. פערקערט, ער וואָלט נאָך גענאַנגען ווייטער און מודה געווען, אַז אין דער תורה ליגען בעהאַלטען די גרעסטע סודות. ער איז אָבער אַנדערש איבערצייגט און בלייבט ביי דער איבערצייגונג, אַז ער האָט נישט געזאָגט עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל סותר-זיין דעם גלויבען און זאָל האָבען אַ שייכות צו אַפּיקורסות. אויב עס וועלען זיך דאָך געפינען שלעכטע מענשען, וואָס וועלען פון זיינע ווערטער אַרויסדרינגען שלעכטע כונות און מקיל-זיין אין דת, קאָן ער, לײדער, דערצו גאָר נישט העלפען, ווייל אַזעלכע שלעכטע מענשען זענען שטענדיג געווען, אפילו אין די צייטען, ווען מען האָט די תורה געהאַט אין אָריגינאַל, און עס זענען געווען נביאים, און אפילו דער אָרון הקודש איז נאָך געווען ביים פאָלק. און כדי דעם ענין נאָכמער מסביר צו זיין און בעזייטיגען אַלע ספקות, נעמט זיך שפּינאָזאַ צו דערקלערן, וואָס דאָס איז אַזוינס הייליגקייט און געטליכקייט.

שפּינאָזאַ האַלט, אַז הייליג און געטליך הייסט נאָר דאָס, וואָס פירט צו שלמות, צו געטליכקייט און חסידות. עס בלייבט אָבער נאָר אַזוי לאַנג הייליג, ווי לאַנג עס דינט דעם צוועק. ווען מענשען הערען-אויף צו זיין פרום און גאָטספאָרכטיג, הערט ממילא אויך די זאַך אויף צו זיין הייליג. אַזוי, למשל, האָט יעקב אַ נאָמען געגעבען אַן אָרט בית-אל, ווייל ער האָט דאָרט געדינט און מתפלל געווען צו גאָט. שפּעטער, ווען ירבעם האָט דאָרט אויפגעשטעלט זיינע געצען, האָט עס דער נביא אָנגערופען בית-און. מיר זעהען, אַלזאָ, אַז דאָס אָרט אָדער די זאַך גופא פאַר זיך זענען נישט הייליג און נישט אונהייליג: זיי בעקומען ערשט קדושה אָדער טומאה נאָר דורך אונזערע מעשים. אַפילו דער

בית המקדש האָט פערלאָרען זיין קדושה, ווען יודען האָבען אים בענוצט צו זינד, ווי ירמיה הנביא זאָגט: „המערת פרצים היה הבית הזה״ — צי איז דאָס הויז געוואָרען א רויבערהייל? און ער פערזיכערט, אז פון בית־המקדש וועט ווע־רען דאָסזעלבע, וואָס עס איז געוואָרען פון משכן שילו (ירמיה, ז). אַזוי איז אויך די תורה אַזוי לאַנג הייליג, ווי לאַנג זי ווערט געברויכט צו לערנען גאָטס געבאָט, אָבער ווען זי ווערט פער־נאַכלעסיגט און פערגרייזט, בלייבט פון איר נאָר פאַפּיר און טינט, וואָס קאָן, נאַטירליך, קיין בעזונדערע קדושה נישט האָבען.

נאָכדעם, ווי שפינאָזא פערענטפערט זיין קריטיק און זאָגט, אַז זיין כונה איז צו שטאַרקען די אמונה, נעמט ער זיך דערקלערען, וואָס הייסט אַזוינס „דבר ה׳״ און וואָס האָט מען אונטער דעמדאָזיגען אויסדרוק צו פערשטעהן. ער מיינט, אַז דאָרט, וואו עס ווערט בענוצט דער אויסדרוק ביי אַ געוויסען ענין, פערשטעהט מען דערונטער אָדער דאָס געטליכע געזעץ, וואָס איז משותף פאַר׳ן גאַנצען מין האַנושי אָדער די אָרדנונג אין דער נאַטור, וואָס די נביאים האָבען אויפגעפאַסט נישט אַלס נאַטורערשיינונג, נאָר אַלס בעפעל פון גאָט, אָדער, צולעצט, די פאָרשטעלונג פון בורא אַלס געזעצגעבער. צוליב די אַלע טעמים הייסען די כתבי הקודש אויך דבר ה׳, ווייל זיי לערנען אונז דעם גלויבען, וואָס זיין מיסד איז דער בורא, ווייל אין זיי געפינט זיך די נבואה, וואָס איז געזאָגט געוואָרען פאַר די קינפטיגע דורות, און ווייל די מחברים פון די כתבי הקודש האָבען אויפגעפאַסט נישט אַלס נאַטירליכע זאַך, נאָר אַלס אַ בעזונדערע שליחות, וואָס זיי האָבען בעקומען פון בורא. מיר קאָנען, אַלזאָ, זעהן, אַז די ספרים זענען נאָר אויף אַזוויפיל געטליך, אויף וויפיל אין זיי איז פאַראַן דאָס אַלגעמיינע געטליכע געזעץ און אָט דער הויפּטפּונקט פון אמונה און געטליכען געזעץ איז אונז ווירקליך געבליבען ריין און גאַנץ דערהאַלטען, נישט־געקוקי־

אויף די שנויים און פעלערן, וואָס זענען אריינגעפאַלען אין טעקסט. דער הויפטגעדאַנק, וואָס געהט אַדורך אַלע ספרים פון די כתבי הקודש, איז דער, אַז עס איז אַ מצוה צו ליבען דעם בורא, זיך בעהעפטען צו זיינע מדות און ליב האָבען דעם צווייטען ווי זיך אַליין. אָט דער געדאַנק ווערט אַזויפיל מאָל איבערגע׳חזר׳ט, און אין תהלים, וואָס פלעגט געזונגען ווערען פון פאָלק, איז ער אַזוי־פיל מאָל איינגעפלאָכטען, אַז אין זיין עכטקייט און געט־ליכקייט קאָן גאָר קיין ספק נישט זיין. אויב דער יסוד איז אונז געזיכערט, מוזען מיר ממילא צוגעבען, אַז אויך אַלע אַנדערע מצוות און עקרים, וואָס שטעהען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעָמדראָזיגען יסוד, ווי, למשל, דער עיקר, אַז עס איז נאָר פאַראַן איין גאָט אַיחיד ומיוחד, וואָס איז אַל־מעכטיג און וויים אַלץ פאָראויס און אַז דער צדיק בעקומט זיין שכר און אויפ׳ן רשע וואַרט זיין שטראָף פאַר זיינע זינד, — זענען אויך געטליך און זענען אונז איבערגעליפערט גע־וואָרען גאַנץ און ריין, אין זייער ערשטער געשטאַלט. דעם־גלייכען קאָנען מיר זיין איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון היסטאָרישען טייל אין די כתבי הקודש, וואָס ווערען אי־בערגע׳חזר׳ט אין אַסך ערטער און זענען איינגעפלאָכטען געוואָ־רען דערנאָך אין די תפילות, פיוטים און מזמורים.

נאָר שפינאָזאַ בעשטעטיגט דאָ ווידער זיין ערשטען כלל, נעמליך, אַז די כתבי הקודש האָבען נישט גע־האַט די כונה צו גילטען אַלס וויסענשאַפט. דער צוועק זייערער איז געווען צו לערנען דעם מענשען, ער זאָל געהאָרכען און פאָלגען די גע־באָטען און מצוות, אַז די תורה פערלאַנגט נישט פון מענשען—ער זאָל וויסען, נאָר ער זאָל גלוי־בען; ער דאַרף נישט פילאָזאָפירען, ער דאַרף נאָר געהאָרכען. און דאָס האָט אַזוי געמוזט זיין, ווייל וויסען און וויסענשאַפט איז אַ מתנה, וואָס נישט יעדער מענש האָט עס בעקומען פון דער נאַטור, נאָר געהאָרכען און פאָלגען

קאָן יעדער מענש, און אזוי, ווי די תּורה איז דאָך נישט געגעבען געוואָרען נאָר פאַר יחידי סגולה, דעריבער איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס זי פאָדערט נישט פון מענשען קיין טיפע הכּרה, נאָר אַ פרומען גלויבען און געהאָרכען.

שפינאָזאַ בעפעסטיגט זיינע אַרגומענטען מיט'ן פּסוק: „וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באל שדי ושמי ה' לא נודעתי להם" (שמות ו, ד). אַזוי ווי דער שם ה' איז דער נאָמען פון בּורא און אַלע אַנדערע זענען בלויז כּנויים, וואָס בעצייכנען די מעשים פון בּורא, הייסט עס, אַז דער פּסוק לויבט די אָבות, וואָרום כאָטש זיי האָבען דעם בּורא געקאָנט נאָר פון זיינע מעשים און זיין ריכטיגען נאָמען, וואָס בעצייכענט זיין אַלמאַכט און גרויסקייט, האָבען זיי נישט געקאָנט, דאָך, נישט-געקוקט דערויף, האָבען זיי מקיים-געוועזען זיין געבאָט. דערפון איז אַ ראיה, אַז כּדי צו דערפילען די מצוות און דינען דעם בּורא, איז נישט נויטיג צו האָבען אַ קלאָרען און טיפען בעגריף פון אים. און דאָס איז פערשטענדליך. וואָרום עס קאָן דאָך נישט זיין אַזאַ געבאָט, וואָס זאָל מחייב-זיין די מענשען, זיי זאָלען אַלע זיין חכמים און פילאָזאָפען! אין מעשים אָבער קאָנען מענשען זיין גלייך.

און דער בּורא, מיינט שפינאָזאַ, האָט גאָר נישט פערלאַנגט פון מענשען, ער זאָל האָבען אַ הכּרה פון אים. דער בּורא וויל נאָר, אַז דער מענש זאָל שטרעבען נאָכצוטאָן זיינע מעשים און זיך מדבק-זיין אָן זיינע מדות, איבערהויפט די מדות פון גערעכטיגקייט און ליבע, וואָס יעדער מענש איז זיי בכח נאָכצוטאָן. דאָס זעהט מען גאַנץ דייטליך פון ירמיה, ווען ער זאָגט צום מלך יאשיהו: דיין פאָטער האָט געגעסען, געטרונקען און געטאָן משפט און צדקה, איז אים געווען גוט; ער האָט געטאָן דאָס רעכט דעם אָרימען און געדריקטען, איז אים געווען גוט, ווייל דאָס הייסט מיר דערקענען. („הלא היא הדעת אותי נאם ה'" (ירמיה כב, טז). אויך משה רבּינו, האָט געקאָנט דעם בּורא דורך זיינע שלש עשרה

מדות, — די דרייצען מדות, וואָס דריקען זיך בכלל אוים אין גערעכטיגקייט און ליבע.

צום גלויבען איז, אַלזאָ, דורכאויס נישט נויטיג, מען זאָל האָבען אַ טיפע פילאָזאָפישע הכרה וועגען בורא און אריינדרינגען אין זיין מהות, ווייל די אמונה פאָדערט נאָר פון מענשען אַזעלכע זאַכען, וואָס קאָנען דינען דעם מענשען אַלס מוסטער, ער זאָל עס נאָכטאָן, אָבער נישט קיין חכמות און חקירות. גאַנץ נאַטירליך דעריבער, וואָס דער בורא האָט זיך בעוויזען צו אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען אין עצם געהאַט זעהר אַ שוואַכע פאָרשטעלונג פון אים. די מאמינים האָבען דערפאַר אין אַלע צייטען געהאַט פערשידענע, גאַנץ אָפט נעבעלהאַפטע בעגריפען פון אים. מיינונגען האָבען אין דער אמונה אַ קליינע בעדייטונג. וויכטיג זענען נאָר די מעשים טובים, דער מוסר און מדות, צו וועלכע מען בעדאַרף נישט האָבען קיין חכמות.

שפינאָזאַ קומט, אַלזאָ, צום בעשלוס, אַז דאָס קריטעריום פון גלויבען און אונגלויבען קאָנען נאָר זיין די מעשים פון מענשען, אָבער נישט זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען; דערנאָך געהט ער איבער צו די עקרים פון דת און פאָרמולירט נאָר איין עיקר, וואָס איז דער שטאַם פון אַלע אַנדערע, נעמליך, עס איז דאָ אַ בורא אויף דער וועלט, אַ העכסטע וועזען, וואָס אים איז נאָר טייער גערעכטיגקייט און ליבע. אַלע מענשען מוזען דעם בורא געהאָרכען און פערערן און דאָס קאָן געשעהן נאָר דורך מעשים טובים און מענשענליבע. די איבריגע עקרים, לויט שפינאָזאַ'ן, גאַנצע זיבען, שטאַמען־ארויס פונ'ם ערשטען עיקר און קאָנען אונז שוין נישט אינטערעסירען.

ביי אַזאַ אויפפאַסונג פון דער אמונה מוזען, נאַטירליך, פערשוואונדען ווערען אַלע ספקות, אַלע אמונה־שטרייטען, וואָס קומען דערפאַר, ווייל מענשען מיינען, אַז זיי זענען מחויב צו האָבען אַ מיינונג איבער גאָט. און מיינונגען זענען אַלעמאָל פערשידען; שטרייט מען, פירט מען

קריג און מען פערגיסט אַפילו בלוט. וואָס פאַר אַ מייגונג עמיצער האָט איבער געוויסע פראַגען, בעדאַרף אונז נישט אינטערעסירען און אַ כופר בעדאַרף הייסען נאָר יענער, וואָס לערנט די מענשען אַזעלכע זאַכען, וואָס פירען צו קנאה, שנאה, מחלוקת און שקרים.

אויפ'ן גרונד פון דעם געזאָגטען איז קלאָר, אַז די פי־לאָזאָפיע האָט מיט דער אמונה קיין שייכות נישט. די מיינונג פון די טעאָלאָגען, וואָס שטרייטען צווישען זיך, צי די אמונה, די תורה דאַרף אונטערגעוואָרפען ווערען דער קריטיק פון שכל אָדער פערקערט, אַז דער שכל דאַרף זיין אונטערגעוואָרפען דער אויטאָריטעט פון דער תורה,—דידאָזיגע מיינונג בעציהט זיך אויף אַ פאַלשער פאָראויסזעצונג. די פילאָזאָפיע איז נישט די שפחה פון דער טעאָלאָגיע און פערקערט, ווידער, איז אויך די תורה נישט מחויב מסכים צו זיין אין אַלץ מיט דער פי־לאָזאָפיע. צווישען די יודישע פילאָזאָפען איז דער רמב"ם גע־וועזען דער ערשטער, וואָס האָט בעהויפטעט, אַז די תורה מוז זיך אונטערוואַרפען דעם שכל און שטענדיג שטימען מיט אים. זיין מיינונג האָבען מיר שוין אויבען ציטירט און בעוויזען, אַז ער איז נישט גערעכט. אָבער שוין די ראשונים זענען מיט דער מיינונג פון רמב"ם נישט מסכים געוועזען און האָבען גע־האַלטען מיט ר' יהודה אַלפכאַר, וואָס איז געווען דער מיינונג, אַז מען טאָר נישט דערקלערען אַ פסוק אַנדערש ווי זיין אייגענער פשט איז בלויז דערפאַר, ווייל דערדאָזיגער פסוק איז נישט מסכים מיט אונזער שכל. אדרבה, דער שכל מוז זיין שטענדיג אונטערגעוואָרפען דער אויטאָריטעט פון דער תורה. נאָר דאָרט, וואו דער איינפאַכער פשט פון פסוק איז סותר די עקרים פון דת,—נאָר דאָרט איז דערלויבט אריינצולעגען אין פסוק אַנ'אַנדער כונה.

שפינאָזא איז מיט ביידע צדדים נישט מסכים. זיין מיי־נונג געגען רמב"ם האָבען מיר שוין אויבען געבראַכט, אָבער

אויך פון ר׳ יהודה אַלפּכּאַר איז ער נישט שטאַרק צופרידען. אָבער ער לויבט זיין כּלל, אַז די תּורה מוז קודם־כּל פערשטאַנען און דערקלערט ווערען דורך דער תּורה גופא, ווייל נאָר דעמאָלט קאָנען מיר דערגעהן דעם אמת׳ן זין פון די נביאים און קאָנען וויסען, וואָס זיי האָבען געוואָלט. דאָך קאָן ער נישט מסכּים זיין מיט דער מיינונג, אַז דאָרט, וואו דער פּשט פון פּסוק איז גאַנץ קלאָר, נאָר ער איז סותר אונזער שכל, מוז זיך דער שכל פערבויגען און מקבּל־זיין אויף זיך די אויטאָריטעט פון פּסוק. ווי אַזוי זאָלען מיר עס טאָן? — פרעגט שפּינאָזאַ — צי מיט׳ן שכל, צי אָהן שכל. אויב אָהן שכל, הייסט עס דאָך, אַז מיר זענען איינפאַך שטים? אויב, ווידער, מיט׳ן שכל, זאָגט דאָך אונז דער שכל, אַז דאָס בּעגרייפט ער נישט! מען קאָן בּאין־אופן נישט אָנערקענען עפּיס אַזוינס פון גייסט־ענינים, וואָס זענען געגען שכל, ווייל דער גייסט זעהט און בּעגרייפט אַלץ נאָר דורכ׳ן ליכט פון שכל און אויב מען לעשט אים דאָס ליכט אויס, זעהט ער נישט מער.

נישט די אמונה, מיינט שפּינאָזאַ, איז אונטערגעוואָרפען דעם שכל און נישט דער שכל איז אונטערטעניג דער אמונה. יעדע פון די בּיידע האָט זיין מלוכה, וואו ער הערשט אונבּעשרענקט. דאָס איז אַ כּלל. דער שכל הערשט איבּער די־יעניגע ענינים, וואָס זענען נוגע דעם אמת און דער וויסענשאַפט און די אמונה איז די הערשערין איבּער די אַלע זאַכען, וואָס זענען נוגע פרומקייט און גוטסקייט. דער שכל איז נישט בּכּח די מענשען מחזיר למוטב צו זיין און זיי לערנען, זיי זאָלען געהאָרכען עפּיס אַזוינס, וואָס זיי האָבען עס גאָרנישט בּעגריפען און דערקאָנט. דאָס קאָן נאָר טאָן די אמונה, וואָס האָט אין עצם גאָרנישט געגען שכל. זי פאָדערט נאָר געהאָרכזאַמקייט און זי שטעלט אויף אירע עיקרים נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס איז נויטיג צו בּרענגען די מענשען, זיי זאָלען געהאָרכען. בּעשטימען און אויסטייטשען די

עיקרים—דאָס לאָזט זי איבער פאַר'ן שכל, וואָס איז דאָס איינ־ציגע ליכט פון מענשען.

אונטער אמונה פערשטעהט שפינאָזא, ווי געזאָגט, נאָר די התגלות אלהים אָדער דבר ה', אויף וויפיל זיי ווייזען־אָן דאָס ציל, צו וועלכען די תורה שטרעבט. אין דידאָזיגע איינ־גערוימען שטעהט זי שטענדיג אין הסכם מיט'ן שכל און איז דעריבער גילטיג פאַר אַלע מענשען.

שפינאָזא האַלט, אַז ער האָט דערגרייכט דעם צוועק, וואָס ער האָט זיך געשטעלט: צו בעווייזען פאַרוואָס די פי־לאָזאָפיע מוז אָבגעטיילט ווערען פון דער טעאָלאָגיע און אַז זי איז גאָרנישט מחויב זיך אונטערצוואַרפען איהר אויטאָריטעט. גלייכצייטיג האָט ער אויך בעוויזען, אַז פון דער פאַלשער אויפפאַסונג פון דער אמונה זענען געקומען גרויסע צרות, מחלוקת און בלוטפערגיסונג. נאָר ווען די ביידע צווייגען פון מענשליכען גייסט וועלען שטרענג פונאַנדערגעטיילט ווערען, וועט קומען שלום און רוה אויף דער וועלט.

צום סוף פון דער אָבהאַנדלונג איבער דעם עיקר פון אמונה, איידער ער געהט־איבער צו דער בעציהונג פון רעליגיע צו מלוכה, געפינט ער פאַר נויטיג נאָכאַמאָל אונטערצושטרייכען, אַז ער שאַצט זעהר הויך די בעדייטונג פון די כתבי־הקודש. מיט אונזער געוועהנליכען שכל וואָלטען מיר עס קיינמאָל נישט משיג־געווען, אַז געהאָרכזאַמקייט איז דער וועג צו גליק, נאָר די כתבי הקודש האָבען עס אונז געלערנט, און דערמיט האָבען זיי דעם מענשען געבראַכט הילף און טרייסט. אַזוי ווי געהאָרכען קאָנען אַלע מענשען און צו דענ־קען, דאָס הייסט זיך לאָזען פירען דורכ'ן שכל, איז נאָר מסוגל אַ קליינער טייל פון דער מענשהייט, איז דעריבער די תורה אַ קוואַל פון לעבען און טרייסט פאַר דעם גרעסטען טייל מענשען און מיר מוזען זי שעצען און האַלטען הייליג.

XIX.

די יסודות פון דער מלוכה.

שפינאָזאַס „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט”, ווי עס שיינט אונז פון נאָמען אַליין, האָט צו בּעצייכנען די גרעניצען פון דער טעאָלאָגיע און בּעקעמפען איר הערשאַפט איבּער דער וויסענשאַפט און דער מלוכה. ער קעמפט, אַלזאָ, אויף צוויי פראָנטען געגען איין געגנער. בּיז איצט האָבּען מיר געזעהן, ווי שפינאָזאַ האָט דורכגעפירט די גרעניץ צווישען טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, צווישען אמונה און חקירה, צווישען גלויבּען און וויסען. איצט געהען מיר צום צווייטען טייל פון זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישען טראַקטאַט”, וואו ער בּעווייזט, אַז אין אַ מאָדערנער מלוכה מוז יעדער מענש האָבּען די פרייהייט צו גלויבּען און דענקען, ווי ער וויל און אין וואָס ער וויל, אַז די אמונה האָט מיט פּאָליטיק קיין שום שייכות נישט. דער שטאַט, מיינט שפינאָזאַ, די מלוכה איז אַ וועלטליכע אַנשטאַלט און האָט מיט'ן גלויבּען גאָרנישט צו טאָן. צו בּעווייזען דאָס בּעסער, דער־קלערט שפּינאָזאַ אין וואָס בּעשטעהט דער שטאַט און אויף וואָס שטיצט זיך זיין רעכט און בּכלל דאָס רעכט פון יעדען איינצעלנעם מענשען.

שפּינאָזאַס אָנזיכטען איבּער נאַטירליכען רעכט, זענען שוין נישט אַזוי אָריגינעל, ווי זיינע אָנזיכטען איבּער אמונה און די כּתבי־הקודש. אין דעם לעצטען טייל פון זיינע פאָר־שונגען געהט ער אַרוים פון דיזעלבּע הנחות, וואָס דער ענג־לישער געלערטער טאָמאַס האָבּס האָט אָנגעגעבּען אין זיין בּעקאַנטע ווערק „לויתן”. דער דערמאָנטער טאָמאַס האָבּס האַלט בּכלל, אַז דער מענש, אין זיין נאַטירליכען צושטאַנד, איידער ער איז אָנגערירט געוואָרען פון דער קולטור, האָט געקעמפט מיט אַלע מיטלען פאַר זיין קיום און האָט פון קיין רעכט נישט געוואוסט. אָבּער אַזוי ווי דער צושטאַנד פון איי־

בּיגען קריג, ווען איינער האָט דעם צווייטען ממש אויפגעגעסען, אויב ער האָט נאָר געקאָנט, האָט געמוזט פירען צו אַ שרעקליכען חורבן, האָבען זיך די מענשען צווישען זיך פערשטענדיגט און געשאַפען די מלוכה, וואָס בּעדאַרף איינהאַלטען די ווילדע אינסטינקטען און מאַכען אָרדנונג אין דער וועלט.

שפינאָזאַ האַלט אויך, אַז יעדע בּעשעפעניש איז פון דער נאַטור געשאַפען געוואָרען צו קעמפען פאַר זיין קיום און ווייס נישט פון קיין רעכט און אונרעכט. די גרויסע פיש האָבען אַ רעכט צו פערשלינגען די קליינע, אויב זיי האָבען נאָר די מאַכט דערצו, ווייל דאָס רעכט פון יעדער בּעשעפעניש דערגרייכט אַזוי ווייט, ווי זיין מאַכט, און די מאַכט, ווידער, איז אַמתּנת אלהים, וועלכער האָט אין זיין האַנט דאָס העכסטע רעכט און ער גיט עס וועמען ער וויל. עס קומט, אַלזאָ, אויס, אַז דאָס רעכט פון מענשען, אַזוי גוט ווי פון אַלע אַנדערע בּרואים, — צווישען זיי עקזיסטירט נישט קיין אינערליכער, נאַטירליכער אונטערשייד — ווערט בּעשטימט נאָר דורך זיין מאַכט און דעם אַפּעטיט, וואָס ער האָט. פון דער נאַטור איז אַלץ דערלויבט, זי ווייס נישט פון קיין שנאָה, קנאָה, גזלה און גנבה; בּיי איר זענען נישטאָ קיין חטאים און קיין מצוות. זי ווערט רעגולירט אויף איר שטייגער לויט אירע אינערע געזעצען, וואָס מיר מיט אונזער שכל זענען זיי נישט אַלע משיג, און אויף אַזאַ אופן בּרענגט זי אָרדנונג אין דער בּריאָה. אָבער דער מענש, וואָס האָט שכל און וואָס דענקט, האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז מיט נאַטור אַליין קאָן ער נישט אויסקומען און ער וויל לעבען רוהיג און זיכער. דער צושטאַנד פון אויביגען קריג איז אים נמאס געוואָרען — זיכערקייט, רוהיגקייט דאַרף ער. צו דעם צוועק האָבען זיך די מענשען צוזאַמענגענומען און האָבען דאָס נאַטירליכע רעכט פון יעדען יחיד אַריבּערגעטראָגען אויפ'ן כּלל. עס פערשטעהט זיך, אַז קוים האָט דער כּלל צוגענומען בּיים יחיד דאָס רעכט, מוז ער שוין איינצאַמען זיינע מעשים אין בּעשטימטע גרעניצען. ער קאָן שוין נישט טאָן אַלץ, וואָס

זיין הארץ גלוסט, נאָר ער מוז זיך רעכענען מיט דעם נוצען און שאָדען פון צווייטען. אַגב וויל ער שוין נישט, דער צווייטער זאָל אים טאָן שאָדען.

אַזוי איז געשאַפען געוואָרען די מלוכה, וואָס איז אין עצם אַ רעזולטאַט פון אַנ׳אָבמאַך, וואָס די מענשען האָבען צווישען זיך געשלאָסען. אָבער אַנ׳אָבמאַך, וואָס מענשען שליסען צווישען זיך, קאָן נאָר האָבען אַ קראַפט דורך דעם נוצען, וואָס דיזעלבע מענשען זאָלען האָבען פון אים, ווייל קיינער וויל זיך נישט אָבזאָגען פון אַ זכות, אָבער קיינער וויל אויך אויף זיך נישט נעמען קיין שום התחייבות, ווען דאָס לוינט אים נישט. דער מענש רעכענט דערביי אוים די נוצען, וואָס ער קאָן דערפון האָבען אין פערגלייך מיט די התחייבות׳ן, וואָס ער נעמט אויף זיך. ערשט נאָך אַ גענויען חשבון, ווען דער שכר איז גרעסער ווי דער שאָדען, וואַרפט ער זיך אונטער, שליסט דעם אָבמאַך און הויבט־אָן טראָגען דעם יאָך, וואָס די נייע פליכטען לעגען אויף אים אַרויף.

אויף אַזאַ אופן בילדעט זיך אַ געזעלשאַפט, וואו אַלע מיטגלידער גיבען־איבער זייער מאַכט דעם כלל, און דערמיט ממילא אויך זייער רעכט. אַזאַ אָרגאַניזירטע מאַכט בעקומט דאָס נאַטירליכע רעכט צו בעפעלען און אַלע מוזען איר געהאָרכען, צי אוים ליבע אָדער אוים מורא—דאָס איז שוין נישט וויכטיג. אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג הייסט דעמאָקראַטישע אָרדנונג און שפינאָזאַ בעהאַנדעלט אויספירליך די דעמאָקראַטישע רעגירונגס־פאָרם, אויסמיידענדיג אַלע אַנדערע פאָרמען, וואָס האָבען פאַר אים, אַלס בירגער פון האָלאַנד, קיין פראַקטישע בעדייטונג נישט געהאַט.

שפינאָזאַ מיינט, אַז די מענשען האָבען נישט געהאַט וואָס איינצושטעלען, בשעת זיי האָבען זייער רעכט, דאָס הייסט זייער מאַכט איבערגעגעבען אין די הענט פון דער מלוכה. פאַר מאַכט־הפקרות האָט מען נישט וואָס מורא צו האָבען, ווייל אַ מלוכה, וואָס הערשט דורך געוואַלט, אָנשטאָט רעכט, קאָן זיך לאַנג נישט האַלטען און די פירער פון אַ מלוכה מוזען שטענ־

דיג זיין פאַרזיכטיג אין זייער מאַכט, וואָס זיי קאָנען זי זעהר לייכט פערלירען. מען האָט אויך נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר אַ טעות אָדער אַ שלעכטע בעהאַנדלונג, ווייל די מערהייט, אויף וועלכער עס שטיצט זיך די רעגירונג אין אַ דעמאָקראַטישער, אָרדנונג, קאָן נישט לעגען איר הסכמה אויף אַ טעות אָדער אויף אַנ'אונזין, בלייבט נאָר די איינציגע אויפגאַבע פון בירגער צו געהאָרכען און דערפילען די פעראָרדנונגען פון דער מאַכט, וואָס האָבען דעם צוועק איינצוהאַלטען די תאוות פון יחיד און פירען די מענשען דערצו, זיי זאָלען צווישען זיך לעבען בשלום.

שפינאָזאַ בעווייזט, אַז די געהאָרכזאַמקייט, וואָס די מלוכה פאָדערט, האָט נישט קיין שייכות צו קנעכטשאַפט, וואָרום דער קנעכט אַרבייט און דערפילט די בעפעלען פון זיין האַר, נישט-וויסענדיג זייער צוועק, וואָס ליגט שטענדיג אין די אינטערע-סען פון בעל-הבית, אין דער צייט, ווען דער בירגער דערפילט זיינע פליכטען אין זיין אייגענעם אינטערעס און ער פערשטעהט אויך דעם צוועק פון דידאָזיגע בעפעלען. און שפינאָזאַ פרעגט: וואָס האָבען מיר צו טאָן, ווען די פעראָרדנונגען פון דער מלוכה זענען סותר די בעפעלען פון דער אמונה? דערויף ענטפערט שפינאָזאַ, אַז די בעפעלען פון גאָט זענען יעדענפאַלס וויכטיגער און שטעהען אויפ'ן ערשטען פּלאַן, אַז פון אונזער חוב בנוגע צו גאָט קאָן אונז קיינער נישט בעפרייען. נאָר אַזוי ווי אין רע-ליגיעזע זאַכען הערשען ביי מענשען זעהר פאַלשע פאָרשטע-לונגען, וואָלט קיין מלוכה נישט געקאָנט עקזיסטירען, אויב זי זאָל זיך מוזען אָבזאָגען פון איר רעכט צוליב די אַלע זאַכען, וואָס דער גלויבען אָדער אַנ'אַנדער גלויבען פון מענשען וועט אָנגעבען פאַר רעליגיע. דאַרף די רעגירונג, וואָס איז לויט זיין מיינונג די העכסטע מאַכט, לויט'ן געטליכען און מענשליכען רעכט, בעשטימען אַפילו אין רעליגיעזע ענינים, וואָס איז אַנ'-עיקר און וואָס איז נאָר אַ תפל, און די מענשען מוזען איר אונבעדינגט פאָלגען. אַנ'אויסנאַם קאָן נאָר געמאַכט ווערען, ווען די, וואָס האָבען די העכסטע מאַכט אין האַנט, זענען היי-

דען, עובדי אלילים, דארף מען טאקי מיט זיי לכתחילה נישט שליסען קיין שום אָבמאַך און נישט אי־בערגעבען זיי דאָס רעכט, וואָס מען האָט אלס מענש.

אָבער שפינאָזא שפירט, אז אין דעם ענין פון מלוכה האָט ער עטוואָס איבערגעלאָזט די מאָס. ער פיהלט, אז קיין מענש וועט נישט מסכים זיין אָבצוטרעטען זיין רעכט אינגאַנצען, אז ער זאָל שוין גאָרנישט האָבען קיין דעה און קיין זאַך. ער ווייס אויך, אז אַלע מלוכות האָבען זיך בע־דאַרפט מער שרעקען פאַר דער אונצופרידענהייט פון די איי־גענע בירגער, איידער פאַר'ן אויסערן פיינד. פון דערפאַרונג איז בעוואוסט, אז אַ מלוכה האַלט זיך נישט דורך געוואַלט—נאָר דורך דער פרייהייט און איבער־געבענהייט פון די בירגער. און די ערשטע אויפ־גאַבע פון אַ מלוכה איז—צו געווינען צוטרוי ביי די בירגער און דערציהען אין זיי ליבע צום פאָ־טערלאַנד. נאָר אויף דער בעקוועמליכקייט און דעם נוץ פון די בירגער שטיצט זיך דער קיום פון דער מדינה. נאָכ־דעם, ווי שפינאָזא ווייזט־אָן אויף די אַלטע גריכישע און רוי־מישע מלוכות, וואָס האָבען געשטרעבט צו דערהאַלטען זייער מאַכט דורך אָנשרעקען, אָדער דורכדעם, וואָס די הערשער האָ־בען אויסגעטראַכט פאַר זיך אַספר היחוס, אז זיי זענען נאָנטע קרובים מיט די געטער, אָדער געטער אַליין, געהט ער איבער צו דער אַלטער יודישער מלוכה, וואו ער געפינט אַלע יסודות פון אַ מאָדערנעם שטאַאַט.

די יודישע מלוכה, ווי משה רבינו האָט זי בעגרינדעט, איז געווען אַ דעמאָקראַטיע, וואו אַלע בירגער זענען גע־ווען גלייך. דער אויבערהאַר איז געווען גאָט, וועלכען דאָס גאַנצע פאָלק האָט געשוואָרען טרייהייט. לויט'ן אָבמאַך זענען אַלע געווען גלייך, אַלע האָבען זיך געקאָנט ווענדען צו גאָט און יעדער איז געווען פעהיג צו זיין דער מנהיג. גאַנץ פריי־וויליג האָבען זיי איבערגעגעבען זייער רעכט בנוגע צו גאָט

דעם געוועלטען מנהיג משה. די גאַנצע איינריכטונג פון דער מלוכה, — דאָס בויען דעם משכּן אַלס צענטר, דאָס בעשטימען די ראשי המטות אַלס פירער פון פאָלק און אויך דאָס איינפירען אַלגעמיינע מיליטער-פליכט פון 20 ביז 60 יאָר, האָט געזיכערט דעם דעמאָקראַטישען כאַראַקטער פון דער מלוכה. משה רבינו האָט זיין מאַכט נישט איבערגעלאָזט בירושה זיינע קינדער און קיינעם גישט איבערגעגעבען זיין פאָלמאַכט. דער כּהן גדול און יהושע האָבען נאָר געהאַט דאָס רעכט איבערצוגעבען דעם פאָלק די בעפעלען, וואָס דער כּהן וועט בעקומען פון גאָט און זעהן, דאָס פאָלק זאָל עס דורכפירען. בעפעלען אָדער נייע געזעצען זענען נישט אַרויסגעגעבען געוואָרען. יהושע האָט שוין גאָר קיין נאָכפאָלגער נישט געהאַט. נאָך זיין טויט האָט זיך דאָס פאָלק אין אַלע פראַגען געווענדט דירעקט צום בּורא (וישאַלו בני ישראל בה'). ערשט שפּעטער, ווען די נויט איז גרויס געוואָרען, האָט דאָס פאָלק פערלאַנגט אַ מלך, וואָס איז געווען אַ גרויסער פעלער, ווי שמואל הנביא האָט זיי אויפגעקלערט און מתרה-געווען, זיי זאָלען עס נישט טאָן.

די יודישע מלוכה האָט געהאַט אין זיך די מעלה, וואָס די אַרמעע איז נישט געווען קיין געדונגענע, נאָר אַ היימישע, צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע בירגער. קיין פרעמדער האָט נישט געקאָנט אויפגענומען ווערען אין מיליטער. דערצו זענען די פירער פון פאָלק געווען היימישע מענשען, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט'ן פאָלק דורך דער געמיינזאַמער אמונה.

אויסער די אַלע אינערע איינריכטונגען, וואָס שפינאָזא שילדערט אויספירליך, דאָט די מלוכה אויך געהאַט אַ געזונטען סאָציאַלען יסוד. יעדער בירגער איז געווען אייגענטימער פון דער ערד און געזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ. טאָמער האָט ער געמוזט פערקויפען זיין נחלה, האָט ער עס צום יובל צוריק בעקומען, אַזוי, אַז יעדער איז געווען זיכער מיט זיין אייגענטום און אין אַ געוויסער מאָס געשיצט געווען פון

אָרימקייט. אויב עמיצער איז דאָך פעראָרימט געוואָרען, האָט די תּורה פאַר אים געזאָרגט און געשיצט אים פון קנעכט־שאַפט דורך מעשר און לקט שכחה ופאה — דורך אַ שטיקעל ברויט. דורך דירלאָזיגע אַלע איינריכטונגען איז דער יודישער שטאַט געוואָרען געזיכערט און האָט געמוזט די בירגער צו־בינדען צו זיך מיט ליבע און טרייהייט. אויב אַזאַ געטליכער און גערעכטער שטאַט איז דאָך חרוב־געוואָרען, איז דערין שולדיג געוועזן די ניי־איינגעפירטע אַריסטאָקראַטיע, דעם שבט און די כהנים, אָנשטאָט די בכורים, ווי עס איז פריער געוועזן בעשטימט. ווען די כהונה זאָל בלייבען ביי די בכורים, וואָלט יערע פאַמיליע געהאַט אַ חלק אין דער כהונה. אַלע וואָלטען דעריבער געוועזן פעראינ־טערעסירט, אַז די מלוכה זאָל דערהאַלטען ווערען, ווייל אַלע זענען געוועזן גלייך און קיינער האָט נישט געהאַט קיין שום פאָרצוג געגען צווייטען. אָדער דערמיט, וואָס איין שבט האָט בעקומען דעם מאָנאָפאָל איבער'ן בית־המקדש, דערמיט, וואָס איין משפחה האָט געהאַט צו ליפערן די כהנים, וואָס זענען געוועזן די משרתי ה', האָט זיך נישט־ווילענדיג געמוזט אויס־בילדען אַנ'אַריסטאָקראַטיע און עס האָט געמוזט קומען דער אָנהויב פון אונטערגאַנג. שפינאָזאַ בע־רופט זיך דערביי אויף יחזקאל, וואָס זאָגט: „וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים ומשפטים לא יחיו בהם. ואטמא אותם במתנותם בהעביר כל פטר רחם" (יחזקאל כ). דיראָזיגע ווער־טער בעווייזען, לויט שפינאָזאַ'ן, אַז דער נביא אַליין האָט איינ־געזעהן, אַז דערמיט, וואָס מען האָט פערביטען די בכורים אויף כהנים, האָט מען געמאַכט דעם ער־שטען שריט צום אינטערגאַנג פון דער יודישער מלוכה.

אָבער דער פעלער מיט דער אַריסטאָקראַטיע בעציהט זיך נאָך צום בית־ראשון. אין דער צייט פון בית־שני, האַלט שפינאָזאַ, איז די לאַגע געוועזן פיל ערגער. ווייל דעמאָלט זענען יודען בכלל געוועזן אונטער דער הערשאַפט פון די פער־

סער און אַז זיי האָבען אויף אַ ווײַלע בעקומען פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, האָט זיך אָנגעהויבען אַ לויפעניש נאָך דער שטעלע פון אַ כהן גדול.

דער פּועל־יוצא פון דעם געזאָגטען איז, אַלזאָ, דאָס, אַז דאָס געטליכע רעכט אָדער דאָס רעכט פון דער אמונה צו זאָגען אַ דעה אין דער מלוכה, קאָן זיך נאָר שטיצען אויף אַ ספּעציעלען פערטראַג, וואָס גאָט האָט געשלאָסען מיט׳ן פאָלק, ווי דאָס איז געווען ביי יודען. בכלל אָבער דאָרט, וואו עס איז נישטאָ אַזאַ אָבמאַך, גילט דאָס נאַטירליכע רעכט.

XX.

רעליגיע און שטאַט.

די יודישע מלוכה און איר אָרגאַניזאַציע, וואָס שפּינאָזאַ האַלט פאַר מוסטערהאַפט, איבערציינגען דאָך נישט אַזוי וויט, אַז מען זאָל זיי דאַרפען נאָכמאַכען. שפּינאָזאַ האַלט, אַז די יודישע מלוכה־אָרדנונג איז געווען צוגעפּאַסט צו די איינגעשרענקטע, קליינליכע פערהעלטנישען, אין וועלכע יודען האָבען דעמאָלט געלעבט, אָבער פאַר מאָדערנע פערהעלטנישען פּאַסט זיך נישט די פאָרם און די פּרימיטיווע אָרגאַניזאַציע פון דער יודישער מלוכה. דערפאַר אָבער לערנען פון יענער מלוכה קאָנען מיר זעהר פיל, איבערהויפּט קאָן מען לערנען וואָס אַ מלוכה דאַרף נישט זיין, וואָס זי מוז אויסמיידען, אויב זי וויל האָבען אַ קיום. צו דעם צוועק דאַרף מען בעזונדערס נעמען אין אַכט די פאָלגענדע אומשטענדען:

ערשטענס, כל־זמן די כּהנים האָבען נישט פערכאַפּט די מלוכה אין וייערע הענט אין דער צייט פון בית־שני, זענען ביי יודען קיין כּתות, קיין רעליגיעזע סעקטעס נישט געווען. די סבה דערפון איז אַ גאַנץ איינפאַכע: כל־זמן די כהנים האָבען נישט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגעבען געזעצען, וואָס דאָס

האָט נאָר געקאָנט דער מלך אָדער די שופטים מיט די זקנים, זענען גילטיג געווען די אַלטע געזעצען מיט זייער אַלטער אויסטייטשונג, וועלכע אַלע האָבען גערנווילּיג געפאָלגט. קוים אָבער האָבען די כהנים אָנגעהויבען הערשען און אויף זייער שטייגער אויס־טייטשען די געזעצען, האָט עס גענומט קומען צו שפּאַלטונגען און סעקטעס, ווייל עס האָבען זיך גענומט געפינען מענשען, וואָס האָבען פּראָטעסטירט און זיך דערביי בערופען אויף דער געשריבענער תורה. צווייטענס, זענען די נביאים אפילו נישט געווען בכח צו ווירקען אויפ'ן פאָלק און זיי מחזיר למוטב זיין. און אַפילו די מלכים, וואָס זענען געווען צדיקים, האָבען נישט געקאָנט אויסקומען מיט די נביאים, וואָס האָבען זיך געמישט אין מלוכה־ענינים. דריטענס, כל־זמן דאָס פאָלק האָט געהאַט די הערשאַפט אין האַנט, איז פאָרגעקומען נאָר איין בירגערקריג געגען שבט בנימין און מען האָט גלייך חרטה געהאַט דערויף און געזעהן פערגלעטען די שנאה צווישען די ברידער. שפּעטער אָבער, ווען דאָס פאָלק, וואָס איז נישט גע־ווען געוועהנט צו קיין הערשער, האָט בעקומען אַ מלך, האָ־בען זיך אָנגעהויבען מאַסען בירגערקריגען צווישען יהודה און ישראל. און דידאָזיגע קריגען זענען געפירט געוואָרען מיט גע־וואַלטיגער אכזריות. פריער זענען אַוועק פערציג יאָר, אַמאָל אויך אַכטציג יאָר, גאָר אָהן קריג. די צייט פון די מלכים אָבער איז געווען אַנ'אייביגער קריג. אויסער שלמה המלך, האָבען אַלע געפירט מלחמות נישט צוליב פרייהיט, נאָר פון כבוד וועגען. און אַקוראַט צו דער צייט זענען טאַקי אויפגעקומען די פאַל־שע נביאים. פון דעם קאָנען מיר ארויסלערנען, אַז עס איז אַנ'אומגליק פאַר דער אמונה, ווי פאַר דער מלוכה, ווען די כהנים, די גייסטליכע מישען זיך אין רעגירונגס־זאַכען; אַז די אָרדנונג אין לאַנד קאָן געזיכערט ווערען, ווען די גייסט־ליכע האָבען נאָר צו זאָגען אַ דעה, ווען מען פרעגט זיי און בעשעפטיגען זיך נאָר מיט זייער זאַך. דאָ זייהט מען קלאָר, אויף וויפיל עס איז

געפערליך אריינצומישען דאס געטליכע רעכט אין ספעקולאטיווע ענינים און וועלען רעגולירען דורך געזעצען די מיינונגען און אנזיכטען פון מענשען, וואס מוזען זיין פערשידען. און אויב די רעגירונג טוט עס, מוז עס קומען צו טיראנעריי. צולעצט, מיינט שפינאזא, איז אויך שעדליך, ווען א פאלק, וואס איז געוועהנט צו א געוויסער רעגירונגס־פארם, ענדערט זי און געהט־איבער צו אנ׳אנדער רעגירונגס־סיסטעם. ער האלט, אז אזוי גוט, ווי עס האט געשאדט דעם יודישען פאלק, ווען עס איז איבערגעגאנגען פון דער דעמאקראטישער פארם צו דער מאנארכיסטישער, אזוי איז אויך שעדליך איבערצוגעהן פון דער מאנארכיע צו א רעפובליקאנישער אדער אנ׳אנדער רעגירונגס־פארם. ער בעווייזט עס דורך ביישפילען פון דער ענגלישער און האלענדישער געשיכטע, און קומט צום בעשלוס, אז אזא ענדערונג שטעלט אין סכנה דעם קיום פון דער מלוכה.

מיר האבען אויבען געזעהן, אז אין נאטירליכען צושטאנד האט דער שכל נישט קיין גרעסערן זכות הקיום ווי די תאוות, אז דעמאלט איז נישט געווען נישט קיין מעשים טובים און נישט קיין רשעות אויף דער וועלט, ווייל די נאטור, ווי געזאגט, ווייס נישט פון קיין אונטערשייד צווישען גוט און שלעכט. אלץ, וואס קומט־פאר אין דער וועלט, איז א רעזולטאט פון נאטור־געזעצען, און דער חכם, ווי דער נאר, דער צדיק, ווי דער רשע, האבען נישט קיין שום פארצוג איינער פאר׳ן צווייטען. די ווערטער: גערעכטיגקייט און רשעות, גוט און שלעכט, צדיק און רשע האבען ערשט דעמאלט בעקומען א זין, ווען דער מענש האט זיך אונטערגעווארפען דער הערשאפט פון שכל.

מיר זעהען, אלזא, אז די גערעכטיגקייט, אזוי ווי די ליבע בעקומען א בעדייטונג נאר דורך דער מלוכה, וואס האט דאס רעכט צו בעפעלען, און ממילא איז אויך קלאר, אז דיזעלבע שטאטסמאכט האט אויך צו ענטשידען, וואס איז גערעכטיגקייט און ליבע.

אויב מיר קומען צום בעשלוס, אַז דאָס געטליכע רעכט איז אָבהענגיג און ווערט אַרויסגעגעבען דורך די, וואָס האָבען די מאַכט דערצו, מוז מען אויך צוגעבען, אַז די מאַכט איז אויך די איינציגע, וואָס האָט דאָס רעכט דאָס געטליכע געזעץ אויסצוטייטשען. איבערהויפּט האָט זי דאָס רעכט און די מאַכט צו זאָרגען, אַז די אויסערע זייט פון דער אמונה און אירע מנהגים זאָלען נישט שטערען דעם שלום און רוה אין לאַנד. שפינאָזאַ האַלט, אַלזאָ, נישט, אַז די אמונה דאַרף אָבגעטיילט ווערען פון דער מלוכה, אַז שטאַט און קירכע זענען צוויי זאַכען, — ער האַלט אונבעדינגט, אַז די קירך מוז זיין אונטערגעוואָרפען דעם שטאַט, ווען נישט שטעהט די מלוכה אין סכנה.

שפינאָזאַ איז אַזוי ווייט איבערציינגט אין דער ריכטיגקייט פון זיין מיינונג, אַז ער וויל בכלל גאָרנישט ענטפערן אויף די טענות פון די געגנער. נאָר אויף איין טענה פרובט ער דאָך ענטפערן: די געגנער בערופען זיך אויף דעם פאַקט, וואָס דער כהן-גדול האָט ביי יודען געהערשט אין בית-המקדש און קיינער האָט זיך דערין נישט געהאַט צו מישען. ערשטענס, זאָגט שפינאָזאַ, האָט דער כהן-גדול בעקומען זיין מאַכט פון משה רבינו, וואָס האָט געזאַלבט אהרנ׳ען מיט זיינע זיהן; ער איז, אַלזאָ, נאָר געווען אַ שטעלפערטרעטער פון דער מאַכט, וואָס האָט אים געקאָנט אַראָפּזעצען. אויסערדעם, האָט דער מלך ביי יודען געהאַט צו זאָגען אין אַלע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען; בלויז אין קדשי-קדשים האָט ער נישט געקאָנט אַריינגעהן, ווייל דאָס איז געווען אַ בעזונדערע פּריווילעגיע פון כהן-גדול. די אמונה מוז זיין אונטערגעוואָרפען דער מלוכה, וואָס האָט צו ענטשיידען וועלכע מעשים זענען גערעכטע און פרומע און וועלכע נישט, אָבער די מלוכה, לויט שפינאָזאַ, האָט זיך נאָר צו מישען אין די אויסערע אַנגעלעגענהייטען; די איבערצייגונגען און מיינונגען פון מענשען דאַרפען זיין פריי און נישט זיין אונטערגעוואָרפען דער מלוכה. אָבער אויבען האָבען מיר געזעהן, אַז די רעגירונג האָט דאָס רעכט צו קאָנטראָלירען די רעליגיעזע ענינים, אַלזאָ, האָבען

מיר איר אויך, נאַטירליך, געגעבען דאָס רעכט צו פֿאָדערן פון אונז, אַז מיר זאָלען אין אַלע ענינים מסכּים־זיין מיט איר, דערין שוין אויך אין די מיינונגען. שפּינאָזאַ לייקענט עס נישט. ער געפינט אָבער איין, אַז דאָס לוינט נישט פאַר דער מלוכה, ווייל זי איז עס נישט בכח דורכצופירען, און אויב זי איז עס נישט בכח דורכצופירען, האָט זי אויך נישט קיין רעכט דערצו, ווייל דאָרט, וואו עס ענדיגט זיך די מאַכט, ענדיגט זיך אויך דאָס רעכט. אַזוי ווי די אויפגאַבע פון דער מלוכה איז נישט צו האַלטען די מענשען אין שטענדיגען פחד, נאָר, אַדרבה, בעפרייען זיי פון שרעק, זיי זאָלען זיך פיהלען וואָס זיכערער, מוז זי זיי דעריבער געבען געוויסענס־פרייהייט. מענשען האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייער נאַטירליכען רעכט; דאָסדאָזיגע רעכט האָבען זיי איבערגעגעבען דער מלוכה. אָבער דאָסדאָזיגע רעכט בעציהט זיך נאָר צו מעשים און נישט צו מיינונגען און געדאַנקען, פון וועלכע קיינער קאָן זיך קיינמאָל נישט אָבזאָגען.

שפּינאָזאַ קומט דעריבער צום בעשלוס, אַז מען קאָן ביים מענשען באין־אופן נישט צונעהמען דאָס רעכט צו דענקען און ריידען, ווי ער פערשטעהט, אַז די פרייהייט קאָן נישט שאַדען דער אויטאָריטעט פון דער מלוכה, כּל־זמן מען געהט נישט איבער צו קיין מעשים; אַז די מיינונגס־פרייהייט קאָן נישט שטערען דעם שלום אין לאַנד, נאָר, אַדרבה, זי איז די פאָראויסזעצונג פון שלום; אַז די געזעצען, וואָס ווילען רעגולירען ספּעקולאַטיווע ענינים, קאָנען זייער צוועק נישט דערגרייכען; אַז די פרייהייט איז זאָגאַר אַ נויטווענדיגע בעדינגונג פאַר דעם קיום און דעם פרידען פון דער מלוכה.

מיר האָבען קורץ איבערגעגעבען שפּינאָזאַ'ס אַנזיכטען איבער די בעציהונגען צווישען אמונה און פילאָזאָפיע פון איין זייט און אמונה און מלוכה — פון דער צווייטער זייט. מיר

האָבען געזעהן ווי אַזוי שפּינאָזאַ בעגרינדעט די פרייהייט פון דענקען אין בעצוג צו אמונה און אויך דיזעלבע געוויסענס-פרייהייט אין בעצוג צו מלוכה.

איצט געהען מיר איבער צו שפּינאָזאַ'ס פילאָזאָפיע, וואו די אַלע מיינונגען איבער פילאָזאָפיע, רעליגיע און פּאָליטיק בעקומען זייער פילאָזאָפישע בעגרינדונג, זייער סיסטעם, וואָס איז געגאָסען ווי פון איין שטיק. גאָט, מענש און וועלט ווערען דורכגעפירט מיט אַן'אייזערנער לאָגיק, נעגען וועלכער עס לאָזט זיך גאָרנישט אָנווענדען, אויב מען איז נאָר מסכים מיט'ן יסוד, אויב מען גיט נאָר צו, אַז דער ערשטער שטיין, וואָס שפּינאָזאַ לעגט אַלס פונדאַמענט, איז אויפ'ן ריכטיגען אָרט, און דער יסוד איז — שפּינאָזאַס דערקענטנים טעאָריע.

XXI.

שפּינאָזאַ'ס דערקענטנים-טעאָריע.

אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען הויבען זיך געוועהנליך אָן מיט דער פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך דאָס מענשליכע וויסען, פון וואַנען ווייסען מיר, אַז אַלץ, וואָס מיר דענקען, זעהען און טראַכטען איז נישט קיין טעות, נישט קיין שווינדעל פון אונזערע חושים? ערשט, ווען מען האָט געפונען אַ בעוויז, אַז אונזער דענקען איז נישט קיין פוסטער חלום, נישט קיין שווינדעל פון די חושים, נאָר אַז עס האָט אַ זיכערן יסוד אין דער ווירקליכקייט, הויבט מען אָן צו טראַכטען איבער די ענינים, וואָס אינטערעסירען אונז. אַזוי גוט ווי יעדער בעל-מלאכה, איידער ער נעמט זיך צו דער אַרבייט, פּרובט פריער אויס דאָס געצייג און זעהט-נאָך, צי דאָס מעסער, צי די שער זענען שאַרף, צי די מאַשין איז געשמירט און ריכטיג אָנגעשטעלט, אַזוי פּרובט יעדער דענקער קודם-כל זיין דענק-מאַשין, זיין שכל, און זעהט-נאָך, צי דידאָזיגע מאַשין פונקציאָנירט ריכ-

טיג און ווי ווייט מען קאָן זיך אויף איר פערלאָזען. דאָס האָבען מיר געזעהן ביי דעקארט, ווען ער הויבט-אָן זיין פילאָ-זאָפיע מיט צווייפלען, מיט סקעפּטיציזם און שטעלט-ארויס דעם כלל: „איך צווייפעל אין אלץ”. שפינאָזא איז אָבער אין דעם פּרט אנ'אויסנאַם. ער הויבט-אָן זיין פילאָזאָפיע נישט מיט טעאָרעטישע חקירות, ער פרעגט נישט פריער, וואָס איז דער שכל און ווי אַזוי פערלאָזט מען זיך אויף אים? ווי אַזוי דענקט דער מענש? שפינאָזא הויבט-אָן גלייך בויען זיין סיסטעם און לעגט גלייך דעם ערשטען שווערען פונדאַמענט, אויף וועלכען עס ווערט דערנאָך געבויט זיין גאַנצע שיטה. ער הויבט אָן מיט דער סובסטאַנץ.

דאָס געשיהט ביי אים נישט פון נאאיווער אונוויסענהייט, נישט ווייל ער ווייס נאָך גאָרנישט, אַז מען דאַרף פריער פּרובען די כלים, איידער מען נעמט זיך צו דער אַרבייט. ניין! שפּי-נאָזא, וואָס האָט זעהר גרינדליך שטודירט דעקאַרט'ס פילאָזאָפיע און האָט פאַר זיין אייגענעם תלמיד פערפאַסט דאָס ווערק: „דעקאַרט'ס פּרינציפּען פון פילאָזאָפיע, געאָמעטריש בעגרינדעט”, האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז דידאָזיגע פילאָזאָפיע הויבט זיך אָן מיט אַזאַ קריטיק פון מענשליכען שכל. אָבער שפינאָזא וואַרפט בעוואוסטזיניג אָב די קריטיק פון מענשליכען שכל, ווייל ער האַלט, אַז אַזאַ צווייפלען אין מענשליכען שכל קאָן אונז צו קיין שום רעזולטאַטען נישט פירען, מיר וואַרפען זיך דערמיט אַריין אין אַנ'אָבגרונד, וואו מען וועט קיינמאָל קיין באָדען אונ-טער די פיס נישט געפינען. אמבעסטען האָט עס בעוויזען דעקאַרט גופא, וואָס האָט אָנגעהויבען, ווי געזאָגט, מיט צווייפלען אין אַלץ און האָט צום סוף, ביים דערווייזען די ריכטיגקייט פון אונזער דערקענטנים, זיך געמוזט שטיצען אויפ'ן געטליכען אמת. דער בורא האָט נישט געקאָנט אונז בעשאַפען אַזוי, אַז מיר זאָלען לעבען אין טעות, אין דער צייט, ווען דער בעוויז פון מציאות השם שטיצט זיך ביי אים נאָר אויף דער ריכטיגקייט פון דער מענש-ליכער דערקענטנים. שפינאָזא וויל זיך נישט פערוויקלען אין

שלייף און ער ווארפט דעריבער אָב די פאָדערונג פון דער דער־קענטנים־קריטיק גאַנץ בעוואוסטזיניג. די פראַגע, אויף וואָס שטיצט זיך אונזער וויסען, וואו איז דער מקור, פון וואַנען מיר שאָפּען אונזער וויסען, איז פונקט אזא פראַגע, ווי וואו האָט מען בעקומען די ערשטע צוואַנג, דעם ערשטען האמער, מיט וועלכען מען שמידט אייזען, ווײַל „צְבַת בִּצְבָת עֲשׂוּיָה". און אַזוי ווי מיר בענוצען זיך מיט'ן האמער, מיט'ן צוואַנג, כאָטש מיר ווייסען נישט, ווי אַזוי מען האָט זיי צום ערשטען געמאַכט, אַזוי מוזען מיר אויך זיך בענוצען אין אונזער דענקען מיט די אָנגעבוירענע מכשירים פון שכל, מיט אונזער נאַטירליכען פערשטאַנד און נישט פרעגען, פון וואַנען ווייס איך, אַז איך ווייס! דער פאַקט, אַז איך ווייס די טאַטזאַך פון מענשליכען בעוואוסטזיין—איז דער ערשטער יסוד, אויף וועלכען עס ווערען געבויט אונזערע אַלע שפּעטערדיגע ידיעות.

אַלע פריערע דענקער האָבען געוואוסט פון צוויי מינים, צוויי פאָרמען פון מענשליכען וויסען: אָדער זיי האָבען זיך גע־שטיצט אויף דער עמפּירישער ווירקליכקייט, ווי מיר זעהען עס מיט אונזערע חושים, אָדער אויף דעם ספּעקו־לאַטיווען דענקען אין בעגריפען, אין לאָגישע פאָרמעלען. שפינאָזאַ גיט־צו צו די צוויי פאָרמען פון מענשליכען וויסען, וואָס בעפרידיגען אים נישט — די אינטואיציע. די ערפאַרונג איז זעהר סוביעקטיוו, די לאָגישע אַב־סטראַקציע, ווידער, איז אין עצם פוסט און מען קאָן זיך אויף איהר נישט פערלאָזען, אויב מען זאָל צו איר נישט צוגעבען אַ מער־זיכערן קוואַל פון דער מענשליכער הכרה. און דער נייער קוואַל, וועלכען שפינאָזאַ געפינט, איז די אינטואיציע: די גייסטיגע אָנשויונג, וואָס דערקאָנט דעם מהות פון וועלט און לעבען נישט דורך זונליכער הכרה און אויך נישט דורך לאָגישע בעווייזען, נאָר דורך אריינדרינגען אין זייער אינערן מהות. אין דער אינטואיציע, וואָס זעהט זאַכען פון אינווענינ, פערבינדט זיך די אויסערע הכרה אויך מיט'ן אינערען שכל און פון ביידע

צוזאַמען שטאַמט ערשט אַרויס דאָס ריכטיגע וויסען.

אין דער לערע פון דער אינטואיציע, אין וועלכער עס ליעגט, לויט אונזער אויפפאַסונג, דער שליסעל צו שפינאָזאַ׳ס פילאָזאָפישען סיסטעם, שטעקט אויך דאָס גרויסע רעטעניש פון שפינאָזאַ׳ס פערזענליכקייט. דער שטרענגער ראַציאָנאַליסט, דער, וואָס בויט אַלץ נאָר אויפ׳ן שכל און שליסט-אויס אַלץ, וואָס איז איבערנאַטירליך, מוז אָנקומען ביים ערשטען טריט, וואָס ער מאַכט אין דער פילאָזאָפיע, צו דער אינטואיציע, וואָס איז דאָך אין עצם אַ מיסטישער, רעליגיעזער בעגריף. מיר פערשטעהען דעריבער די טיפע רעליגיעזע גרונדשטימונג, וואָס ציהט זיך דורכ׳ן גאַנצען „גאָטלאָזען״ סיסטעם—ווי מען האָט געוועהנליך אָנגערופען דעם שפינאָציזם — און טאַקי דערפאַר האָט שפינאָזאַ אין אַלע צייטען צוגעצויגען צו זיך די טיפסטע רעליגיעזע נאַטורען, וועלכע האָבען אים פער-שאָלטען, אָבער זיי האָבען זיך ניט געקענט פון אים בעפרייען.

כדי צו פערשטעהן ריכטיג שפינאָזאַ׳ס דערקענטנים-טעאָריע, מוזען מיר אים פערגלייכען מיט׳ן גרעסטען דענקער פון דער נייער צייט, מיט קאַנט, וואָס האָט ריכטיג בעגריפען, אַז עס זענען פאַראַן בלויז צוויי קאָנזעקווענטע פילאָזאָפי-שע סיסטעמען: זיינער און שפינאָזאַס.

דער גרויסער עמנואל קאַנט האָט שפעטער אויפ-געשטעלט די פראַגע: פון וואַנען ווייסען מיר, אַז אונזער דענקען ווערט געדעקט מיט רעאַלער ווירקליכקייט? און ער בעווייזט, אַז אין עצם איז אונזער דענקען בעשרענקט אין איינגע גרעניצען פון רוים און צייט, אַז דער מענש זעהט די וועלט נאָר דורך געוויסע ברילען און אַז מיר קאָנען דאַרום נישט וויסען, ווי די וועלט זעהט-אויס אין דער ווירקליכקייט. עס קומט, אַלזאָ, אויס, אַז אונזער דענקען איז טאַקי נישט מער ווי אַ סובּיעקטיווע זאַך: עס איז נאָר גילטיג פאַר אונז אין די גרעניצען פון אונזער פערשטאַנד און זיינע חושים, וואָס בעוועגען זיך אין דער שמאָלער ראַם פון רוים און צייט.

ווי די וועלט זעהט-אויס אין עצם, ווייסען מיר נישט און קאָנען נישט ווייסען. אָבער אין דער שמאָלער ראַם פון אונזער וויסען איז אונזער שכל משיג אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער אָנערקענט, אַלזאָ, די נויטווענדיגקייט און די רעאַליטעט פון אונזער דענקען.

שפינאָזאַ זוכט אויך צו בעגרינדען, אַזוי גוט ווי קאַנט, די געזעצמעסיגקייט און ריכטיגקייט פון אונזער דענקען מיט דעם אָביעקט, מיט דער רעאַלער ווירקליכקייט. אָבער אין דער צייט, ווען ביי קאַנט, דעם בעגרינדער פון פילאָזאָפישען קריטיציזם איז עס נישט מער ווי אַ סוביעקטיווע געוויסהייט, איז עס ביי שפינאָזאַ, דעם דאָגמאַטיקער, אַן׳אָביעקטיווער פאַקט. שפינאָזאַ איז איבערציינגט, אַז אונזערע אידעען זענען נישט קיין פוסטע פאַנטאַזיעס, נאָר אַן׳אָבבילדונג, אַ פאָטאָגראַפיע פון דער ווירקליכקייט! ער האַלט, אַז עס איז פאַראַן אַ פולשטענדיגע הסכמה צווישען וויסען און דעם עצם פונ׳ם וויסען, צווישען רעיון און דעם נושא פון רעיון. דער שכל אונזערער — זאָגט שפינאָזאַ — האָט די זיכערקייט, ער ווייס, אַז די עצָמים, די זאַכען אין דער ווירקליכקייט זענען אַזוי בעשאַפען רעאַל, ווי ער שטעלט זיך זיי אָביעקטיוו פאָר. שפינאָזאַ ווייסט נישט, אַלזאָ, פון אַ חילוק צווישען די פאָרמען פון דענקען און דער ווירקליכקייט. די אמת׳ע אידעֶע טראָגט אין זיך די זיכערקייט, די גאַראַנטיע פון אמת בכלל. „אַזוי גוט, ווי דאָס ליכט בעלייכט זיך גופא און דאָס פינסטערניש, אַזוי איז אויך דער אמת דאָס קריטעריום פאַר זיך און פאַר׳ן שקר״ — זאָגט שפינאָזאַ.

דערדאָזיגער געדאַנק איז דער יסוד פון שפינאָזאַ׳ס פילאָזאָפיע בכלל. אויף אים איז געבויט זיין גאַנץ סיסטעם. אָבער דער געדאַנק ווערט נישט בעוויזען, נאָר פאָראויסגעזעצט, ווייל שפינאָזאַ האַלט, אַז ער קאָן נישט בעוויזען ווערען און דאַרף אויך נישט בעוויזען ווערען. די זיכערקייט פון אונזער דענקען, די אינטואיטיווע גייסטיגע געוויסהייט איז דער יסוד, וואָס דערויף שטעהט דאָס סיסטעם און דערמיט פאַלט עס.

אויב מען גיט-צו די ערשטע הנחה, מוז מען שוין מסכים-זיין מיט אַלע ווײַטערע כּללים און דעפיניציעס, וואָס שפינאָזאַ שטעלט-אַרויס, ווייל דאָס סיסטעם איז געבויט אויף מאַטעמאַטישע יסודות. און אַזוי ווי בּיי דער מאַטעמאַטיק מוז יעדער, וואָס איז מסכּים מיט'ן ערשטען כּלל, אויך איינשטימען מיט אַלע ווייטערע פערוויקעלטע כּללים און פאָרמולעס, אזוי מוז דער, וואָס איז מסכּים מיט שפינאָזאַ'ס אַ כּלל, אויך אָננעמען זיין גאַנצע פילאָזאָפיע. דער חילוק איז נאָר דאָס, וואָס מיט'ן ערשטען כּלל פון דער מאַטעמאַטיק מוז יעדער מענש, וואָס דענקט נאָר לאָגיש, אונבּעדינגט מסכּים-זײַן, און בּיי שפינאָזאַ איז מען, פערשטעהט זיך, פריי אין דעם פּרט. אדרבּה, די גאַנצע שווערינקייט פון זיין סיסטעם ליגט דוקא אין דעם ערשטען כּלל, מיט וועלכען עס איז זעהר שווער מסכּים צו זיין, און דידאָזיגע שווערינקייט ווייזט זיך גלייך אַרויס בּיי דער דעפיניציע, וואָס שפינאָזאַ גיט פון דער סובּסטאַנץ, דאָס הייסט — דער פונדאַמענט פון זיין סיסטעם.

XXII.

סובּסטאַנץ, גאָט און נאַטור.

מיר האָבּען שוין אויבּען בּעמערקט, אַז שפינאָזאַ איז דער אויסגעשפּראָכענער דאָגמאַטיקער, אַז ער אונטערשיידט זיך פון די פריערע נאַאיווע דאָגמאַטיקער מיט דעם, וואָס בּיי אים איז נאָר פאַראַן איין-איינציגע פאָראויסזעצונג, וואָס אויב מען איז מיט איר מסכּים, מוז מען שוין ממילא מסכּים-זיין מיט אַלע זיינע ווייטערע הנחות. די איינציגע פאָראויס-זעצונג איז — די לערע פון דער סובּסטאַנץ. וואָס איז אַזוינס סובּסטאַנץ, האָט שפינאָזאַ דערקלערט אין פערשידענע ערטער פון זיין הויפּטווערק „די עטיק“, ווי אויך אין זיינע פריערדיגע ווערק. פונדעסטוועגען בּלייבּט דערדאָזיגער פונקט — דער שווערסטער און טונקעלסטער אין זיין גאַנצען סיסטעם. וועגען

אים געשאַפען געוואָרען אַ גאַנצע ליטעראַטור. „אונטער סובסטאַנץ — זאָגט שפינאָזאַ — פערשטעה איך דאָס, וואָס איז אין זיך און וואָס ווערט פאָרגעשטעלט דורך זיך גופא. דאָס הייסט אַזוינס, וואָס זיין פאָרשטעלונג נויטינט זיך נישט אין דער פאָרשטעלונג פון אַן׳אַנדער זאַך, דורך וועלכער עס וואָלט בעדאַרפט פאָרמירט ווערען״. שפינאָזאַ וויל דערמיט זאָגען, אַז סובסטאַנץ איז נאָר אַזאַ זאַך, וואָס האָט אַלע אירע לאָגישע סמנים אין זיך גופא, וואָס דאַרף דעריבער נישט דערקלערט ווערען דורך עפּיס אַן׳אַנדער זאַך, וואָס ליגט אויסער איר.

„פון אָט דער בעגריף-בעשטימונג געהען שוין ממילא אַרויס אַ סך גרונד-זאַצען, וואָס בעשטימען די טֶבַע און די בעדייטונג פון דער סובסטאַנץ. ערשטענס, מוז זיין די סובסטאַנץ אונבעגרענצט, ווייל אויב מען זאָל אָננעמען, אַז די סובסטאַנץ האָט עפּיס אַ גרעניץ, מוז מען אויך אָננעמען, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס בעגרענצט זי, דעמאָלט הייסט עס, אַז כדי צו פערשטעהן אינגאַנצען דעם געדאַנק פון דער סובסטאַנץ, מוז מען אָנקומען צום געדאַנק וועגען יענער זאַך, וואָס ליגט אויסער איהר און וואָס בעגרענצט זי. דעמאָלט אָבער וועט די סובסטאַנץ נישט זיין מער סובסטאַנץ, ווייל דער געדאַנק וועגען איר טאָר זיך נישט נויטיגען אין אַ געדאַנק פון אַן׳אַנדער זאַך, וואָס זאָל פערהעלפען איר אויסבילדונג. ממילא מוזען מיר אָננעמען, אַז די סובסטאַנץ איז אונבעגרענצט. אויב זי איז אונבעגרענצט, איז זי ממילא אויך אונענדליך, ווייל עס קען נישט זיין קיין זאַך, וואָס זאָל מאַכען איהר אַ סוף, אויב זי איז אונענדליך. קומט שוין ממילא אויס, אַז אין דער וועלט זענען נישטאָ קיין צוויי סובסטאַנצען און אַז עס קאָן מער נישט זיין ווי איין-איינציגע אונענדליכע סובסטאַנץ. נאָר לאָמיר באמת אָננעמען אויף אַ ווייל, אַז עס זענען דאָ מערערע סובסטאַנצען, לכל הפחות, צוויי. דעמאָלט איז ממה-נפשך: זענען די צוויי אונענדליכע סובסטאַנ-

צען אין אַלע פּרטים גלייך איינע צו דער צווייטער, טאָ מיט וואָס זענען זיי צוויי? דעמאָלט זענען זיי אין געדאַנק איינס-און-דאָסזעלבע, און ממילא אויך אין דער ווירקליכקייט. זענען זיי אָבער פערשידען צווישען אייננאַנדער אין עפּיס א פּרט, הייסט עס, אַז איין סובסטאַנץ האָט אין זיך עפּיס א סימן, וואָס די אַנדערע האָט עס נישט, און כדי צו פערשטעהן איינגאַנצען דעם געדאַנק פון איין סובסטאַנץ, מוז מען האָבען דעם רעיון, אַז זי איז פערשידען פון דער צווייטער סובסטאַנץ, דאָס הייסט, אַז איהר געדאַנק ווערט אויפגעפאַסט נישט בלויז פון איר גופא, נאָר אויך מיט דער הילף פון געדאַנק פון אַנ'אַנדער זאַך, וואָס ליגט אויסער איר. דאָס געהט אָבער להיפך, איז סותר אונזער בעשטימונג וועגען דעם מהות פון א סובסטאַנץ און ממילא קאָן עס נישט זיין אין דער ווירקליכקייט. דעריבער מוזען מיר אָננעמען, אַז עס קאָן נאָר זיין איין סובסטאַנץ. כמעט אַלע פריערדיגע היסטאָריקער פון פילאָזאָפיע האָבען זי אַזוי אויפגעפאַסט (ד"ר זשיטלאָווסקי). אָבער דערפון וויסען מיר נאָר דאָס, וואָס די סובסטאַנץ איז נישט. מיר האָבען נאָר א נעגאַטיווע דערקלערונג פון איר און ביי דערדאָזיגער דערקלערונג שטעהען מיר אין מיטען פון די אַלע שוועריגקייטען, וואָס זענען אָנגעוויזען געוואָרען אין שפינאָזאַ'ס סיסטעם. כדי אויסצומיידען די אַלע שוועריגקייטען, וועלען מיר פּרובען, ביי דער בעשטימונג פון סובסטאַנץ, געהן מיט די נייערע פאָרשער, אַזוי ווי מיר זענען זיך פריער נוהג-געווען ביים בעגרינדען שפינאָזאַס דערקענטניס-טעאָריע.

מיר האָבען פריער געזעהן, אַז ביי שפינאָזא איז דענקען און ווירקליכקייט איינס-און-דאָסזעלבע, אַז אַלץ, וואָס עס איז נויטווענדיג אין געדאַנק, איז אויך געזעצמעסיג אין לעבען, אַז די איינהייט און אַלגעמיין-גילטיגקייט פון אונזער בעוואוסטזיין ווערט איבערגעטראָגען ביי איהם אויף דער רעאַליטעט, אויף דער אויסערער ווירקליכקייט. די אינטואיציע, דאָס אינערע וויסען — איז דאָס איינציגע ריכטיגע וויסען, זי איז די אָבּיעקטיווירונג, די פערווירקליכונג פון אונזערע פאָרשטעלונגען.

אויב אַזוי, איז די סובסטאַנץ דער אָביעקט פון דער אינטואיציע, דער נשוא פון אונזער אינערן דענקען, און אַלס אָביעקט פון אונזער בעוואוסט־זיין, האָט זי אין זיך אַלע אייגענשאַפטען פון בע־וואוסטזיין — די איינהייטליכקייט און אַלגעמיין־גילטיגקייט, נויטווענדיגקייט און זיכערקייט.

נאָר ווען מען גענעהט־אַרויס פון דער הנחה, אַז ביי שפי־נאָזאַ איז דאָס וויסען, די מענשליכע הכּרה דאָסזעלבע, וואָס די ווירקליכקייט און אַז די סובסטאַנץ איז דער נשוא פון אונ־זער בעוואוסטזיין, דער אינהאַלט פון אונזער הכּרה, פערשטעהט מען, ווי אַזוי שפינאָזאַ האָט דערקלערט די סובסטאַנץ: אַז זי איז אין זיך און אַלץ איז אין איר, ווייל אונזער בעוואוסטזיין איז אין זיך און נעמט אַרום אַלץ, וואָס מיר דענ־קען. מיר פערשטעהען אויך, ווי אַזוי די סובסטאַנץ ווערט בע־גריפען נאָר דורך זיך גופא, ווייל אויך אונזער בעוואוסטזיין, וואָס איז דער יסוד פון אַלע אונזערע ידיעות, ווערט בעגריפען נאָר דורך זיך גופא און מען קאָן נישט געפינען קיין אַנדערן יסוד, אויסער דעם בעוואוסטזיין, אויף וועלכען עס זאָל זיך שטיצען. מיר פערשטעהען אויך פאַרוואָס די סובסטאַנץ איז „קאַוזאַ זואי", די אורזאַך, די סבה פון איהר קיום, פון איר מהות, וואָס שליסט אין זיך ממילא איין די עקזיסטענץ. די נאַטור קאָן נישט אַנדערש פאַרגעשטעלט ווערען, ווי נאָר עקזיסטי־רענדיג, ווייל די סובסטאַנץ איז דער תּוך פון אונזער בע־וואוסטזיין, וואָס נעמט נישט זיינע פאָרשטעלונגען פון דרויסען, נאָר עס שאַפט זיי אַלע אין זיך און פון זיך, עס איז דעריבער זיין אייגענע אינערע סבה און שליסט ממילא אין זיך איין די עקזיסטענץ, ווייל אויסער דעם בעוואוסטזיין עקזיסטירט איבערהויפּט קיין זאַך נישט.

נאָכדעם, ווי מיר זענען געקומען צו דער אויפפאַסונג פון דער סובסטאַנץ אַלס תּוך, אַלס אָביעקטיווירונג פון אונזער בעוואוסטזיין, ווערט אונז אויך קלאָר, פאַרוואָס שפינאָזאַ האָט

דער סובסטאַנץ צוגעגעבען פערשידענע סמנים, וואָס זעהען אין פלוג אוים נישט בעוויזען, נישט בעגרינדעט. מיר פערשטעהען פאַר־וואָס די סובסטאַנץ איז אייביג, אונענדליך, אונטיילבאַר און אַז זי עקזיסטירט מעולם ועד עולם. ווייל אַזוי גוט ווי דאָס בעוואוסטזיין איז אייביג, אונטיילבאַר און אונענד־ליך, אַזוי איז אויך זיין תוֹך, זיין אָביעקט, אונענדליך, עס קאָן נישט בעגרענצט ווערען פון אַ צווייטען בעוואוסטזיין; עס איז רעאַל און אויפ'ן גרונד פון דער רעאַליטעט איז עס אויך פאָלקאָמען, אַ שלם בתכלית השלמות. און דורך דער אונענדליכ־קייט, דורך דער רעאליטעט און פאָלקאָמענהייט ווערט ביי שפינאָזא די סובסטאַנץ גערופען גאָט.

אלע בעווייזען, וואָס שפינאָזא ברענגט צו דערקלערן דעם מהות פון דער סובסטאַנץ, זענען אין אמת'ן איבעריג און ער בענוצט זיך דעריבער דערמיט, וואָס ער מאַכט די לערע פון דער סובסטאַנץ פאַר אַן'אַקסיאָם, פאַר אַ מושכל ראשון, וואָס קאָן נישט בעוויזען ווערען און דאַרף נישט בעוויזען ווערען. ווייל דער יסוד פון זיין סיסטעם איז זיין לערע וועגען דער אינטו־איציע, וועגען אונזער אינערן דענקען און אויפפאַסען די וועלט, וואָס נויטיגט זיך נישט אין קיין שום בעווייזען, נאָר ווערט פון זיך גופא בעגריפען.

אויך די איינפירונג פון גאָט אַלס סובסטאַנץ אין סיס־טעם קומט־פאַר ביי שפינאָזא נישט דערפאַר, ווייל ער וויל יוצא־זיין פאַר דער טעאָלאָגיע, נאָר דאָס איז ביי אים שטרענג לאָגיש פערבונדען מיט זיין גאַנצען סיסטעם. אַלע פילאָזאָפען האָבען זיך פערנומען מיט דער רעאַלער וועלט, מיט'ן קיום פון דער גאַנצער בריאה, וואָס זיי האָבען געוואָלט דערקלערן און זענען אָבער דערביי געבליבען שטעהן ווי פאַר אַן'אייזער־נער וואַנט. פאַר אַלעמען איז דאָס געווען אַ גרויסע רעטעניש, אַ סוד פון דער בריאה, וואָס לאָזט זיך נישט ענטפלעקען און דער־קלערן. איבערהויפט אָבער זענען פאַר דעם רעטעניש געבליבען שטעהן פערצווייפעלט די ראַציאָנאַליסטען, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז דער שכל קאָן און מוז אַלץ משיג־זיין. אויף

דער שוועל פון דער רעאַליטעט, פון דער ווירקליכקייט, פון רעאַלען זיין, זענען זיי געבליבען שטעהן און האָבען זיך נישט געקאָנט העלפען. מיר האָבען אויבען געזעהן, ווי דעקארט פרובט זיך אַריבערשפּרינגען איבער דעם אָבגרונד דורכ'ן אָנטאָלאָגישען בעוויז, אַז קוים האָבען מיר דעם געדאַנק פון גאָט און וועלט, מוז ער, גאָט, אויך עקזיסטירען. שפינאָזאַ מאַכט אויך דעמזעלבען וועג פון דענקען צו זיין, פון דער לאָגישער צו דער רעאַלער עקזיסטענץ. אָבער ער מאַכט דאָס נישט דורך אַלאָגישען פשט'ל, נאָר דורכדעם, וואָס ביי אים איז דענקען און זיין איינס-און-דאָסזעלבע. אַזוי ווערט ביי אים די רעאַליטעט, וואָס שטעהט אויפ'ן גרעניץ פון שכל און ער איז נישט בכח צו דערקלערן זי לאָגיש, דער נשוא פון וויסען בכלל, — זי ווערט פאַר אים גאָט. די רעאַליטעט איז, אַלזאָ, גאָט. דערמיט זענען מיר אַריבער דעם תהום, וואָס האָט אין מיטעלאַלטער אָבגעטיילט גאָט פון דער וועלט, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם בורא אַלס געגענזאַץ צו דער בריאה. די סובסטאַנץ, גאָט און נאַטור זענען ביי שפינאָזאַ איינס-און-דאָסזעלבע.

דערמיט איז אויך בעשטימט געוואָרען די בעציהונג פון גאָט צו דער נאַטור, צו דער וועלט, די בעציהונג צווישען דער סובסטאַנץ און אירע ערשיינונגען. שפינאָזאַ'ס סיסטעם שליסט-אויס אַנ'איינמאָליגע שאַפונג פון דער וועלט דורך גאָט. ער רעדט אפילו פון דער „נאַטורא נאַטוראַטאַ" און „נאַטורא נאַטוראַנס", די שאַפענדיגע און די געשאַפענע נאַטור, אָבער דער חילוק צווישען זיי איז נאָר ווי צווישען דעם בעוואוסטזיין און די איינצעלנע פאָרשטעלונגען אין דעם בעוואוסטזיין. אויב די סובסטאַנץ, אַלס שאַפענדיגע נאַטור, וואָס איז דער נשוא פון דער אינטואיציע, הייסט ביי אונז רעאַליטעט בכלל, די ערשטע און אורשפּרינגליכסטע עקזיסטענץ, זענען דערפאַר די מאָדי, די געשאַפענע נאַטור, אַזעלכע עצמים, וואָס עקזיסטירען נאָר דורך דער סובסטאַנץ; אַלס היפך פון גאָט, וואָס צו זיין מהות געהערט די עקזיס-

טענץ, זענען די מאָדי אַזעלכע עצמים, וואָס עקזיסטירען נישט נויטווענדיג. גאָט איז נישט בלויז די סיבה פון זייער שאַפונג, נאָר אויך די סיבה פון זייער עקזיסטענץ בכלל. אַזוי גוט ווי אויסער דער אינטואיציע, דורך וועלכער די סובסטאַנץ ווערט בעגריפען, זענען נאָך פאַראַן, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, צוויי פאָרמען פון וויסען, — דאָס דענקען און בעגריפען, וואָס דורך זיי לערנען מיר פון פרט אויפ'ן כלל, פון איינצעלנעם אויפ'ן אַלגעמיינעם, און די פּראַקטישע ערפאַרונג, דורך וועלכער מיר דערקענען די איינצעלנע ערשיינונגען, די פרטים, — אַזוי זענען אויך פאַראַן, אויסער דער סובסטאַנץ, נאָך צוויי פאָרמען פון מאָדי, די ענדליכע און אונענדליכע, די בעזונדערע און די אַלגעמיינע, — ווי שפינאָזאַ דריקט זיך אויס אין קורצען טראַקטאַט.

שפינאָזאַ שליסט אויך אויס דעם געדאַנק, אַז די וועלט ענטוויקעלט זיך פון גאָט — די עמאַנאַציע, ווי מען האָט עס אין מיטעלאַלטער אָנגערופען. גאָט איז נאָר די אינערע נויטווענדיגקייט פון דער בריאה, אין וועלכער עס הערשט אַ שטרענגע געזעצליכקייט. אַלץ ווערט בעשטימט דורך גאָט אַלס זיין אינערע סיבה און גלייכצייטיג אויך דורך אַ גאַנצער רייה אויסערע סיבות, אַזוי גוט ווי די איינצעלנע פאָרשטעלונג האָט איר מקור אין אונזער בעוואוסטזיין און איז גלייכצייטיג אָבהענגיג פון אַ גאַנצער רייה אַנדערע פאָרשטעלונגען. דאָס רופט שפינאָזאַ די אינערע סבה און די איבערגעהענדיגע סבה.

אין דער וועלט, וואָס איז אַן'אָבבילד פון אונזערע אינערע בעוואוסטזיינס-געזעצען, קאָן נישט געשעהן קיין צופאַל און קיין פרייהייט. פאַראַן בלויז אין איר אַ שטרענגע נויטווענדיגקייט, אַלץ קומט-פאָר נאָך בעשטימטע חוקים אין דער נאַטור, און די אויפגאַבע פון מענשען איז נאָכצופאָרשען די געזעצען און זיך צופאַסען צו זיי. שפינאָזאַ מאַכט אַ סוף מיט דער מיטעלאַלטערליכער מיינונג, וואָס האָט בעהויפּטעט, אַז די וועלט איז געאָרדענט און געשאַפען מיט אַ געוויסען צוועק, אַז אַלץ איז געמאַכט געוואָרען פאַר'ן מענשען,

וואָס איז די קרוין פון דער גאַנצער בריאה, און אַלץ אין דער וועלט שטעהט איהם צו דינסט. די וועלט איז געאָרדענט לויט געוויסע אייביגע, אונפערענדערליכע געזעצען, אָבער נישט לויט בעשטימטע צוועקען. געוויס — זאָגט שפינאָזאַ — איז פיל לייכ-טער און בעקוועמער צו דערקלערן די געשעהענישען מיט געוויסע צוועקען, אָנשטאָט נאָכצופאָרשען זייערע סיבות, און דאָרט, וואו מען קאָן קיין צוועק נישט ארויסגעפינען, זיך צו בע-רופען אויף דעם געטליכען רצון אויף דער השגחה העליונה, דעם מקום מקלט פון די אונוויסענדיגע. זייענדיג אונפעהיג צו טראַכטען עפּיס אַנדערש, ווי נאָר פון זייער אייגענעם נוצען, האָבען מענשען זיך איינגערעדט, אַז די נאַטור מיט די געטער זענען אויך אַזוי פערנאַרישט, ווי די מענשען, און אַז זיי שטרעבען אויך נאָר צו אַ בעשטימטען צוועק, אַז זיי זוכען אויך בלויז אַ נוצען פאַר זיך.

שפינאָזאַ איז נישט בלויז אַ געגנער פון דער טעאָלאָגי-שער, צוועקזוכענדיגער וועלט-אויפפאַסונג, נאָר ער איז אויך פרינציפּעל געגען יעדען מין אָבשאַצונג פון דער ווירקליכקייט. די נאַטור איז נישט גוט און נישט שלעכט, זי איז נישט פאָלקאָמען און האָט אויך נישט קיין חסרונות. מען האָט זי נישט צו לויבען און נישט צו טאַדלען. די אָבשאַצונג פון די געשעהענישען און זייער איינטיילונג אויף גוטע און שלעכטע איז נור אַ סוביעקטיווע מענשליכע מאָס, מיט וועלכער דער מענש מעסט אויף זיין שטייגער די וועלט, אָנשטאָט צו-בעטראַכטען זי אַזוי, ווי זי איז. אָנשטאָט צו קוקען אויף דער וועלט און דער נאַטור אָביעקטיוו און אָבשאַצען זיי לויט זייער ווירקליכער רעאַליטעט, טראַכט ער זיך אויס אַ פאָלקאָמענהייט, וואָס ער וואָלט וועלען זעהן אין דער נאַטור און האָט דערנאָך פרעטענזיעס, פאַרוואָס ער האָט אַ טעות געהאַט. און אין דער ניכטערער, שטרענג-לאָגישער וועלט, וואו אַלץ געשיהט לויט בעשטימטע אייביגע געזעצען, האָט שפינאָזאַ פונדעסטוועגען געפונען אַ פּלאַץ פאַר זיין „אַ מאָר דעי", פאַר זיין געטליכער ליבע, פאַר גייסטיגער, מיסטישער ליבע צו גאָט

דער פונקט אין שפינאָזאָ'ס פילאָזאָפיע זעהט אין פלוג אויס טונקעל און נישט גאַנץ פערשטענדליך, אָבער אז מען בעטראַכט טיפער דאָס סיסטעם, געפינט מען דעם פונקט אויפ'ן ריכטיגען פלאַץ.

מיר האָבען אויבען געזעהן, ווי אזוי אין דעם שטרענג־סטען ראציאָנאַליסטישען סיסטעם, וואָס די פילאָזאָפיע ווייס, שטעקט אין עצם אַ גרויסער טייל מיסטיק. דער מענשליכער גייסט קעמפט מיט זיך און וויל דערגעהן דעם גרויסען סוד פון דער וועלט, ער וויל זיך אונטער'גנב'נען און דערגעהן דעם סוד פון דער בריאה. שפינאָזאָ האָט געפרובט זיך צו ראַטעווען פון דערדאָזיגער שווירינקייט דורכדעם, וואָס ער האָט דעם סוד, די גרויסע ווירקליכקייט, די נאַטור, פערגעטערט און גאָט פערנאַטורליכט. ער האָט פון סובסטאַנץ, נאַטור און גאָט געמאַכט איינס און האָט זיי דערהויבען ביז דער העכסטער מדרגה, צום יסוד, צום שורש פונ'ם וויסען בכלל. ער איז אריבער דעם תהום, וואָס איז געלעגען צווישען מענ־שען און דער וועלט. אָבער ער איז נישט אריבער בשלום. די סובסטאַנץ אין איר נייער קליידונג שטעהט דאָך פאַר'ן מענשען ווי עפּיס מעכטיגעס און פרעמדעס, נאַטירליכעס און דאָך איבערנאַטירליכעס, און ער קאָן זיך נישט ראַטעווען פון דעם אינערן קאָנפליקט נאָר דורך אַן'אַבסאָלוטער פערזינקונג און פערטיפונג אין דער סובסטאַנץ, נאָר דורך אַ מיסטישער פעראייניגונג און פערשמעלצונג אין ליבע. די צוויי יסודות פון דער מענשליכער נאַטור — דאָס פערלאַנגען פון שכל, צו דערקלערן די וועלט, און דאָס מיסטישע פערלאַנגען פון איינ־צעלנעם זיך צו פערזינקען און פערשווינדען אין דער גאַנצער בריאה, האָבען אין שפינאָזאָ'ס סיסטעם געפונען זייער בעפרי־דיגונג.

אזוי ווערט ביי דעם איינהייטליכען דענקער אינאיינעם אויפגעפאַסט די לערע פון דעם אינטיטואיווען וויסען, דער מעטאַפיזישער בעגריף סובסטאַנץ און דער „מיסטישער „אמאָר דעי־

אַלע די בעגריפען שטרעבען צו איין ציל: זיי
ווילען אויפפאַסען און בעגרייפען די ווירקליכ-
קייט. מיר קאָנען דעריבער נישט אָבשיידען שפינאָזאַס מעטאַ-
פיזיק פון זיין דערקענטניס-טעאָריע ווי אויך זיין מיסטישע שטימונג
פון זיין סיסטעם. בכלל פון די אַלע פערשידענע, אין פלוג
זאָגאַר געגענזעצליכע אָנזיכטען, ווערט אויסגעגאָסען איין
געשלאָסען און איינהייטליך סיסטעם, וואָס גיט
אַ תשובה אויף אַלע פראַגען, וואָס מאַטערן דעם
מענשליכען שכל און פייניגען זיין געוויסען.
און די וואונדערליך-געשלאָסענע און איינהייט-
ליכע אויפפאַסונג וועט זיך אַרויסווייזען נאָך
דייטליכער ביי דער בעהאַנדלונג פון די אַטרי-
בוטען, וואָס האָבען צו דינען פאַר דער צוויי-
טער זייט פון דער סובסטאַנץ, פאַר אירע ער-
שיינונגס-פאָרמען.

XXIII.

אטריבוטען.

„אונטער אַטריבוט, — זאָגט שפינאָזאַ, — פערשטעה איך
דאָס, וואָס דער פערשטאַנד בענעמט פון דער סובסטאַנץ,
ווי עפּיס אַזוינס, וואָס מאַכט-אויס איר וועזען. ווי באַלד עס
איז דאָ נאָר איין-איינציגע אונענדליכע וועלט-סובסטאַנץ, מוז
איך אויך אָננעמען, אַז זי האָט אין זיך אונענדליך פיל אַט-
ריבוטען. ווייל אויב איך זאָל צולאָזען, אַז אַ וועלכער-עס-איז
אַטריבוט פעלט אין דער סובסטאַנץ, מוז איך אויך דענקען,
אַז זי איז אין אַ געוויסען פּרט בעגרענצט, דאָס הייסט איך
מוז שוין ווידער דענקען וועגען עפּיס אַנ'אַנדער זאַך, וואָס
איר פעלט און דערמיט ווידער אַרויסגעהן פון יענעם גע-
דאַנקען-גאַנג, מיט וועלכען עס איז בעגריפליך אַרומגעצוימט גע-
וואָרען די ריכטיגע פאָרשטעלונג פון אַ סובסטאַנץ. זענען אָבער

די אַטריבוטען פון דער וועלט-סובסטאַנץ אונענדליך פיל, הייסט עס, אַז די סובסטאַנץ איז דאָס אַלערפאָלקאָמענסטע וועזען. וואָרום אויב זי זאָל אין עפּיס אַ פּרט נישט שטעהן אויף דער העכסטער שטופע פון פאָלקאָמענהייט, וואָלט עס געהייסען, אַז עס איז דאָ, ווי געזאָגט, אויסער דעם געדאַנק וועגען דער סובסטאַנץ, נאָך עפּיס אַנ'אַנדער געדאַנק, וואָס איז נאָך פאָלקאָמענער, איידער דער געדאַנק וועגען דער סובסטאַנץ. און דעמאָלט וועט יענער געדאַנק זיין די ריכטיגע סובסטאַנץ, ווייל ער וועט זיך שוין אין קיין אַנדער געדאַנק נישט נויטיגען, אויסער אין זיך גופא. אָבער דאָס סאַמע פאָלקאָמענסטע וועזען איז גאָט, און ממילא איז דערפון געדרונגען, אַז די איין-איינציגע וועלט-סובסטאַנץ מיט די אונענדליך פיל אַטריבוטען, וואָס מאַכען אויס איר וועזען, איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי גאָט".

„פון דער אונענדליכער מאַסע אַטריבוטען, וואָס גאָט האָט אין זיך, קאָן אָבער דער פערשטאַנד בענעמען מער נישט ווי צוויי: דאָס זענען אויסגעשפּרייטקייט און דענקען. אויסגעשפּרייטקייט איז דעריבער נישט אַנ'אַטריבוט פון עפּיס אַ מאַטעריעלער סובסטאַנץ, וואָס ליגט דרויסען פון גאָט, נאָר דאָס איז אַנ'אייגענשאַפט, וואָס געהערט צו דעם עצם פון גאָט'ס זיין. גאָט איז רוימליך אויסגעשפּרייט אין דער אונענדליכקייט. דאָס אייגענע איז אויך מיט'ן דענקען. דענקען איז נישט אַנ'אַטריבוט פון עפּיס אַגייסטיגער סובסטאַנץ, וואָס געפינט זיך ערגיץ וואו דרויסען פון גאָט, נאָר עס איז אַנויטווענדיגע וועזענטליכע אייגענשאַפט, אַנ'אַטריבוט פון גאָט גופא. דער רוימליך-אויסגעשפּרייטער אונענדליכער גאָט איז אין דערזעלביגער צייט תמיד דענקענד" (זשיטלאָווסקי).

ביי דערדאָזיגער דערקלערונג פון די אַטריבוטען, וואָס איז משותּף כּמעט פאַר אַלע היסטאָריקער פון דער פילאָזאָפיע, איז אָבער נישט קלאָר וואָס די אַטריבוטען „אויסגעשפּרייטקייט

און דענקען״ זענען בנוגע צו דער סובסטאַנץ; וואָרום אויב זיי זענען בעזונדערע עקזיסטענצען אין דער סובסטאַנץ, דעמאָלט זענען זיי דאָך ווידער סובסטאַנצען און מיר קומען צוריק צו דעקאַרט, וואָס האָט געהאַלטען, אַז גייסט און מאַטעריע, דענקען און אויסגעשפרייטקייט, זענען צוויי בעזונדערע סובסטאַנצען. אויב מיר זאָלען, ווידער, אָננעמען, אַז די אַטריבוטען זענען נאָר די אָביעקטיווע אויפפאַסונגס-פאָרמען פון אונזער פערשטאַנד, דורך וועלכע ער איז משיג די אייביגע אונענדליכע סובסטאַנץ, דעמאָלט זענען זיי דאָך נישט מער רעאַל, און שפינאָזאַ זאָגט אויסדריקליך, אַז די אַטריבוטען דריקען-אויס די רעאַליטעט פון דער סובסטאַנץ; וואָס מער רעאַליטעט, אַלץ מער אַטריבוטען האָט די סובסטאַנץ. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז די אַטריבוטען זענען די קרעפטען, דורך וועלכע די סובסטאַנץ בעווייזט זיך אין דער נאַטור, איז עס אָבער סותר שפינאָזאַ׳ס אָנזיכט, וואָס זאָגט, אַז „אונטער אַטריבוט פערשטעהט ער דאָסזעלבע, וואָס אונטער סובסטאַנץ, נאָר די בעצייכנונג אַטריבוט רעכענט זיך מיט׳ן מענשליכען שכל, וועלכער שרייבט צו דער סובסטאַנץ די אייגענשאַפט״. אַטריבוט און סובסטאַנץ זענען, לויט דער ערקלערונג, איינס-און-דאָסזעלבע, נאָר דער אַטריבוט איז דער אויסערער אויסדרוק פון דעם, וואָס די סובסטאַנץ איז אין תוך געגומען. דאָס איז די בעצייכנונג פון פערשטאַנד פאַר דעם עצם, וואָס לאָזט זיך מיט די מענשליכע חושים נישט בעגרייפען, און דער שכל האָט נישט דערפאַר קיין אויסדרוק!

ווע‌לען מיר דעריבער פרובען בענעמען שפינאָזאַ׳ס אַטריבוטען-לעהרע אויף דעמזעלבען אופן, ווי מיר האָבען עס געטאָן מיט דער סובסטאַנץ, ווי בכלל מיט שפינאָזאַ׳ס גאַנצען סיסטעם. מיר האָבען אויבען געזעהן, ווי אַזוי ביי שפינאָזאַ איז די סובסטאַנץ די אָביעקטיווע רעאַליטעט, אין וועלכער די ערקענטניס און די ווירקליכקייט גיסען זיך צוזאַמען, זענען איינס-און-דאָסזעלבע, זענען אידענטיש. עס שיינט דעריבער, אַז די אַט-

ריבוטען: „אויסגעשפּרייטקייט און דענקען" זענען די צוויי זייטען פון דער אידענטיטעט: די דערקענטניס און די ווירקליכקייט, די אידעע און איר אָביעקט, דער נושא און דער נשוא, דאָס זיין און דאָס געדאַכט ווערען, דער רעיון און זיין תוך—דאָס זענען די צוויי זייטען, די צוויי עלעמענטען פון דער רעאַליטעט, וואָס דריקען-אויס איין-און-דיזעלבע זאַך נאָר פון פערשידענע זייטען, געזעהן פון שטאַנדפּונקט פון דער ווירקליכקייט אָדער פון שטאַנדפּונקט פון דענקען.

לויט דער אויפפאַסונג, איז פערשטענדליך, פאַרוואָס דער אַטריבוט איז דאָס „וואָס דער פערשטאַנד בענעמט פון דער סובסטאַנץ, ווי עפּיס אַזוינס, וואָס מאַכט אויס איהר וועזען": פאַרוואָס יעדער אַטריבוט מוז דורך זיך בעגריפען ווערען און פאַרוואָס יעדער אַטריבוט דריקט-אויס אייביגע און אונענדליכע הויה, וועזענהייט, און פאַרוואָס די אַטריבוטען זענען דאָס-זעלבע, וואָס די סובסטאַנץ, נאָר די בעצייכנונג אַטריבוט רע-בענט זיך מיט'ן שכל, וועלכער בענעמט די סובסטאַנץ נאָר אונטער דער בעשטימטער פאָרם. די אַטריבוטען זענען אין אמת'ן די ביידע זייטען פון דער רעאַליטעט: פון דענקען און זיין, דערקענטניס און ווירקליכקייט, רעיון און הויה, וואָס דערין ענ-טפּלעקט זיך דעם מענשען די סובסטאַנץ. מיר פערשטעהען אויך פאַרוואָס „גאָט אָדער אַלע אַטריבוטען גאָט'ס זענען אייביג", ווייל גאָט און די אַטריבוטען זענען איינס-און-דאָסזעלבע: עס איז דיזעלבע אונטיילבאַרע סובסטאַנץ, נאָר פון פערשידענע זייטען געזעהן. די בעסטע דערקלערונג פון די אַטריבוטען און זייער בעציהונג צו דער סובסטאַנץ האָט שפּינאָזאַ געגעבען אין זיין תשובה אויף דער שאלה, וואָס אײ-נער פון זיינע תלמידים האָט געשטעלט, צי פאָדערן נישט די צוויי פערשידענע אַטריבוטען, מיר זאָלען אָננעמען צוויי פערשידענע סובסטאַנצען? דערויף ענטפערט שפּינאָזאַ: „אונטער

סובסטאַנץ פערשטעה איך וואָס אין זיך איז און דורך זיך קאָן ווע־רען בעגריפען. דאָסזעלבע פערשטעה איך אונטער אַטריבוט, אָבער די בעצייכנונג רעכענט זיך מער מיט'ן מענשליכען שכל, וועלכער שרייבט־צו דער סובסטאַנץ די אָדער אַנ'אַנדער מעלה, און דעריבער רופען מיר עם אַטריבוט". און ער גיט דערביי א משל פון יעקב אבינו, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען „יעקב". ווייל ביים געבורט האָט ער געהאַלטען דעם ברודער ביים טריט; ער האָט אָבער אויך געהייסען „ישראל", ווייל ער האָט געקעמפט מיט'ן מלאך און איז אים ביינעקומען. אַזוי ווי דיביידע נעמען יעקב און ישראל — בעצייכענען נישט צוויי פערשידענע פערזאָנען, נאָר איין־און־דעמזעלבען מענשען, פון פערשידענע שטאַנדפונקטען געזעהן, אַזוי בעצייכענען די ביידע אַטריבוטען איין־און־דיזעלבע סובסטאַנץ, וואָס ווערט געזעהן פון פערשי־דענע זייטען: פון שטאַנדפונקט פון דענקען אָדער פון שטאַנדפונקט פון דער ווירקליכקייט.

דער משל פון יעקב אבינו בעווייזט, ווי מיר שיינט, דייטליך, אַז די אַטריבוטען זענען נישט קיין קרעפטען, נישט קיין בעזונדערע עקזיסטענצען, נאָר זיי זענען די צוויי זייטען פון דער סובסטאַנץ, פון דער איינציגער רעאַליטעט, ווי זי ליגט אין אונזער בעוואוסטזיין; אָבער מיר בעצייכענען זי אַמאָל מיט דעם איינעם, אַמאָל מיט דעם צווייטען נאָמען, פונקט ווי די נעמען יעקב און ישראל זענען נאָר צוויי בעצייכנונגען פאַר איין מענשען, וואָס זענען אים געגעבען געוואָרען ביי פערשידענע געלעגענהייטען.

די סובסטאַנץ אַלס די רעאַליטעט זיכערט, אַלזאָ, די מעגליכקייט פון דער מענשליכער דערקענטניס. אָבער אויב מען זאָל אָננעמען, אַז אונזער דערקענטניס איז אָבהענגיג פון דער ערפאַרונג, פון די געשעהענישען אין דער ווירקליכקייט, אין דער אויסערער וועלט; אויב די אידעע מוז האָבען איהר סבה אין אַנ'אויסערער געשעהעניש, בלייבט די דערקענטניס אָבהענגיג פון צופאַל און אונזער ערפאַרונג און מיר קענען די ווירקליכ־

קייט מיט אונזער פערשטאַנד פאָראויס נישט בערעכענען און ממילא אויך נישט בעגרייפען.

שפינאָזאַ איז אָבער דער שטרענגער ראַציאָנאַליסט, וואָס גלויבט פעסט אין דעם כח פון פערשטאַנד משיג-צו-זיין די ווירקליכקייט און ער פירט דעריבער דורך דעם ראַציאָנאַליזם, וואָס זיין יסוד איז שוין בעגרינדעט אין דער לערע פון דער סובסטאַנץ, — אויף דער גאַנצער ליניע מיט זיין לערע פון די אַטריבוטען: דענקען און אויסגעשפּרייטקייט, רעיון און הויה, וואָס גיהען ביידע פאַראַלעל איינער נעבען דעם צווייטען און זענען נישט אָבהענגיג איינער פון צווייטען.

די אַטריבוטען: דענקען און אויסגעשפּרייטקייט זענען די אייביגע און אונענדליכע כחות אין דער סובסטאַנץ, וואָס זענען פון איינאַנדער אונאָבהענגיג און האָבען מיט איינאַנדער קיין שייכות נישט. זייערע וועגען בעגעגענען זיך נישט און זיי האָבען איינע איבער דער צווייטער קיין שליטה נישט. אַלץ, וואָס געשיהט דורכ'ן דענקען איז — ד ע נ ק ע נ ד י ג ע נאַטור און אַלץ, וואָס עס קומט-פאָר אויפ'ן יסוד פון אויסגעשפּרייטקייט — איז א ו י ס ג ע ש פ ר י י ט ע נאַטור. עס לויפען, אַלזאָ, אין דער סובסטאַנץ צוויי פאַראַלעל-ליניעס פון געדאַנקען און פון ווירקליכקייט, וואָס ווירקען נישט איינע אויף דער צווייטער און פונדעסטוועגען טרעפען זיי זיך צוזאַמען אין איין סובסטאַנץ, אין איין רעאַליטעט, אין ג אָ ט. די ריכטיגקייט פון אונזער דערקענטניס ווערט בעוויזען, — לויט שפּינאָזאַ'ס לערע, — נישט דורך אַ פערגלייך מיט'ן רעאַלען געשעהן אין דער נאַטור, נאָר עס איז בעגרינדעט אין כאַראַקטער פון אונזער דערקענטניס. די אַדעקוואַטע ריכטיגע אידעע — זאָגט דעריבער שפּינאָזאַ, — האָט אין זיך אַלע סימנים פון אמת אָהן שום בעציהונג צום אָביעקט.

פאַראַן, אַלזאָ, אַ לאַנגע אונענדליכע שורה פון אידעען אַלס די מאָדי פון אַטריבוט „דענקען"; די גלידער פון דער לאַנגער שורה זענען פערקניפּט און געבונדען איינער מיט'ן צווייטען, פאָלגען מיט נויטווענדיגקייט איינער פון צווייטען און

מוזען גאָרנישט יעדעס מאָל געבראַכט ווערען אין בעציהונג צו דער צווייטער שורה פון פאַקטען. די מאָדי פון אַטריבוט „אויסגעשפרייטקייט" ברויכען נישט ערשט בעוויזען צו ווערען דורך דער ווירקליכקייט, ווייל זיי טראָגען זייער אמת אין זיך, זיי האָבען גאָט אַלס סבה, בלויז ווען מען בעטראַכט זיי אונ־טער'ן שטאַנדפונקט פון דעם אַטריבוט. און די זעלבסטשטענ־דיגע און אין זיך אָבגעשלאָסענע דערקענטניס האָט אַ רעאַלען ווערט, ווייל אויפ'ן גרונד פון דער פּאַראויסזעצונג, אַז דער־קענטניס און ווירקליכקייט, הכרה און הויה זענען איינס־און־דאָסזעלבע, מוז די שורה פון אידעען ענטשפּרעכען דער שורה פון מעשים, פון ווירקליכקייטען, נישט זייענדיג פון איהר אָבּ־העננינ. און דעריבער זאָגט שפינאָזא אין בערימטען זיבעטען כלל פון צווייטען טייל פון דער „עטיק": „די אָרדנונג און דער צוזאַמענהאַנג פון די אידעען איז דאָסזעלבע, ווי די אָרדנונג און דער צוזאַמענהאַנג פון זאַכען". די זעלבסטשטענדיגקייט און רעאַליטעט פון אונזער דערקענטניס איז געזיכערט אויפ'ן גרונד פון דער לערע, אַז דענקען און אויסגעשפרייטקייט, הויה און הכרה, זענען די צוויי אַטריבוטען, וואָס זענען צווישען זיך פערשידען און טרעפען זיך דאָך אין דער איינהייט פון דער סובסטאַנץ.

מיר פערשטעהן איצט אויך, פאַרוואָס שפינאָזא האָט אָבּ־געוואָרפען דעקאַרטס טעאָריע פון דואַליזם, די צווייהייט צווי־שען גייסט און מאַטעריע, צווישען זיין און דענקען. אַלע חכמות פון שכל האָבען נישט בכח צו זיכערן אונזער דערקענטניס, אַזוי לאַנג, ווי מיר מוזען ביי יעדען געדאַנק זוכען אַ בעווייז פאַר אים אין אַ געביט, וואָס ליגט אויסער דער דערקענטניס און איז פון איהר, לויט זיין מהות, גאַנץ פערשידען. דאָס ציל, צו וועלכען דעקאַרט האָט געשטרעבט, צו געפינען אַ ראַציאָנעלען יסוד פאַר אונזער הכרה, קאָן נישט דערגרייכט ווערען, ווען מען נעמט־אָן, אַז דאָס זיין און דאָס געדאַכט ווערען, די הויה און די הכרה, זענען פון איינאַנדער אָבּהענגיג. שפינאָזא דערגרייכט דאָס ציל דורכדעם, וואָס ער זעצט פאַר־

אים די איינהייט און די איינשטימונג פון זיין און געדאַכט ווערען, פון דענקען און ווירקליכקייט, אַלס צוויי אַטריבוטען פון דער איינער סובסטאַנץ. די דערקענטניס איז נישט אָבהענגיג פון זיין און פונדעסטוועגען שטימט זי שטענדיג מיט אים, ווייל דער פערשטאַנד בעזיצט די זיכערקייט אין זיך, דאָס הייסט, ער ווייס, אַז די זאַכען זענען טאַקי אַזוי ווי זיי בעווייזען זיך אין אים.

אין דעם דאָגמאַטישען סיסטעם איז אויך פערענט־פערט געוואָרען די פראַגע וועגען דער בעציהונג פון דער סיבה צו איר מסבב, — אַ פראַגע, וואָס איז דער פּרוּבירשטיין אין אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען. די בעציהונג צווישען סיבה און מסבב איז נישט געבויט אויף אַ צופע־ליגער ערפאַרונג, נאָר זי איז אַ לאָגישער רעזולטאַט פון אי־דעען, וואָס מוזען האָבען אין דער ווירקליכקייט אַן׳ענטשפּרע־כענדע ליניע פון סבות און פאָלגען. אויב אַ געוויסע זאַך איז אַ רעזולטאַט פון אַ צווייטער, מוז אויך איר אידעע שטאַמען פון דעמזעלבען קוואַל. און אומגעקערט אויך: אויב די אידעע שטאַמט פון אַ צווייטער אידעע, מוז אויך די ווירקליכקייט ענט־שפּרעכען דער אידעע. „אויב אין דער נאַטור זאָל געשעהן עפּיס אַזוינס, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט עפּיס אַנדערש, וועט אויך זיין אידעע נישט האָבען קיין שייכות מיט אַנדערע אידעען״.

שפינאָזאַ׳ס שטעלונג אין דער פילאָזאָפיע וועלען מיר ריכ־טיג פערשטעהן און שעצען, ווען מיר וועלען זי פערגלייכען צו די צוויי ריזען אין דער פילאָזאָפען־וועלט: צו פלאַטאָן (אַפלטון) און עמנואל קאַנט. אויך פלאַטאָן, דער פאָטער פון דער פילאָזאָפיע, האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דער פראַגע וועגען דער מענשליכער דערקענטניס און האָט געשטרעבט צו געפינען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען זיין און דערקענען, צווישען הכּרה און הויה. אָבער פלאַטאָן אַלס גרויסער אידעאַליסט, האָט אויפגעבויט די אידעען־לערע אין צוזאַמענהאַנג מיט סאָקראַ־טעס, פיטאַגאָראַס און די עלעאַטען און האָט דורכגעפירט אַ

דואַליזם, אַ צווייזייטינקייט פון דער וועלט, פון אַ מאַטעריע־לער און אַנ'אימאַטעריעלער, אַ וועלט פון אידעען און אַ וועלט פון ווירקליכקייט, וואָס האָבען מיט איינאַנדער כמעט קיין שייכות נישט.

די אמת־ווירקליכע וועלט איז, לויט פּלאַטאָן, די וועלט פון אידעען, וואָס איז בלויז רוחניות און לאָזט זיך נישט אָנזעהן. די אידעען זענען די גייסטיגע געשטאַלטען, די גייסטיגע עקזיסטענצען, דער אמת'ער מהות פון דער הויה. זיי זענען עס די אמת'ע העכערע וועלט, וואָס עקזיסטירט. די קערפּער־וועלט, די עצמים געהערען צו אַ נידעריגער וועלט, וואָס איז צוגענגליך פאַר אונזער הכרה, פאַר אונזער ערפאַרונג און די וועלט איז אין עצם נאָר אַנ'אָבבילד, אַ שוואַכע פאָטאָגראַפיע פון דער אימאַטעריעלער אידעען־וועלט, אָדער זיי זענען נאָר שוואַכע זכרונות, וואָס דער מענש האָט פון דער אמת'ער אידעען־וועלט, פון דעם עולם העליון, פון וועלכער ער שטאַמט.

אויף דעם אופן האָט פּלאַטאָן דורכגעפיהרט אַ דואַליזם, אַ צווייטיילונג אין אונזער דענקען און אין דער ווירקליכקייט. דענקען און דערקענען, אידעע און ערפאַרונג געהערען צו צוויי פערשידענע מינים פון געדאַנקען. דאָס ריינע העכערע דענקען האָט צו טאָן מיט דער וועלט פון אידעען און די דער־קענטניס האָט צו טאָן מיט דער נידעריגער וועלט פון ער־פאַרונג; די אידעע בעוועגט זיך אין דער אימאַטעריעלער, גייסטיגער, העכערער וועלט און די דערקענטניס בעוועגט זיך אין דער מאַטעריעלער, נידעריגער ערדישער וועלט. דעריבער זענען אויך פאַראַן צוויי מינים מאָראַל, צווייערליי מוסר. אויפ'ן יסוד פון אמת'ן ריינעם וויסען פון דער אידעע ווערט געבויט די פילאָזאָפישע העכערע מאָראַל, און אויפ'ן יסוד פון דער ערפאַרונג, געוועהנהייט און טראַדיציע וואַקסט־אויס די געוועהנליכע בירגערליכע מאָראַל, וואָס ציהט נישט איהר יניקה פון איבערצייגונג, נאָר פון פּראַקטישע אינטערעסען פון יחיד ווי פון כלל.

קאַנט, דער פאָטער פון קריטישען אידעאַליזם, שטעלט

די פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך די זיכערקייט פון אונזער דערקענטניס? פון וואַנען ווייסען מיר, אַז אונזער הכרה ענטשפּרעכט ווירקליך די הויה, אַז אונזער דענקען דערקענט די ווירקליכקייט? דערויף ענטפערט ער מיט אַ שאַרפער קריטיק פון אונזער דערקענטניס און ווייזט־אָן, אַז מיר זענען טאַקי אין עצם נישט בכח צו דערקענען די ווירקליכקייט ווי זי איז, אַז דאָס „דינג פאַר זיך גופא" קענען מיר טאַקי נישט משיג־זיין, ווייל אונזער הכרה איז בעשרענקט, איז איינגעשלאָסען אין ענגע גרעניצען, אין דעם שמאָלען ראַם פון שטח, פון אויסגעשפּרייטקייט און פון צייט, און אַלץ, וואָס עס ליגט אויסער דעם שטח און דער צייט, אַלץ, וואָס עס איז למעלה מן המקום והזמן, קענען מיר נישט משיג־זיין. אויב מיר האָבען אַ פאָרשטעלונג פון דער נאַטור און פון דער וועלט, אויב מיר שטעלען־אויף געוויסע געזעצען דער נאַטור, זענען עס נאָר אונזערע מענשליכע געזעצען, וואָס ווערען געבויט נאָר אויף'ן יסוד פון אונזער הכרה. מיר דיקטירען דער נאַטור די געזעצען און זיי האָבען פאַר אונז אַנ'אייביגע גילטיגקייט, ווייל זיי ווערען געבויט אויף די יסודות פון שטח און צייט, וועלכע זענען די פאָראויסזעצונג פון אונזער הכרה. ווי אַזוי די וועלט, די נאַטור, וועלען אויסזעהן, ווען מען זאָל זיי קענען זעהן אויסער די גרעניצען פון אונזער הכרה, ווייסען מיר נישט און מיר קענען עס נישט וויסען.

שפינאָזא, וואָס וואַרפט־אָב בעוואוסטזיניג, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, דאָס טעאָרעטישע פּראָבלעם פון דערקענטניס און זעצט פאָראויס, אַז דער מענשליכער שכל איז משיג די וועלט ווי זי איז טאַקי אין דער ווירקליכקייט, מיידט דערמיט אויס די גרויסע שוועריגקייט, וואָס פלאַטאָן האָט געפונען אויף זיין וועג. שפינאָזא קאָן נישט צולאָזען צו קיין שום דואַליזם, צו קיין צווייזייטיגקייט פון אַ אידעען־וועלט און אַ מאַטעריעלער וועלט, פון וועלכע די אידעען־וועלט איז די ווירקליכע און די מאַטעריעלע איז נאָר אַנ'אָפּבילד, אַ פאָטאָגראַפיע, אַנ'אָפּקלאַנג פון דער אידעען־וועלט. ביי איהם זענען אי־

דעען אוןווירקליכקייט נאָר צוויי זייטען פון
דער איינער אונענדליכער און אונטיילבארער
סובסטאנץ — גאָט. יעדער אמת'ער אידעע ענטשפרעכט עט־
וואָס אין דער ווירקליכקייט, ווי יעדע געשעהעניש אין דער
ווירקליכקייט ענטשפרעכט דער אידעע. דער חילוק צווישען מא־
טעריעלער און גייסטיגער וועלט ווערט בטל. נישטאָ קיין גייסט
אָהן מאטעריע, ווי עס איז נישטאָ קיין מאטעריע אָהן גייסט.
אלץ איז מאטעריאליזירט, אָדער אלץ איז גייסטיג. עס ווענדט
זיך נאָר אונטער וועלכען שטאנדפונקט מען בעטראכט עס, צי
פון שטאנדפונקט פון דענקען אָדער פון זיין; צי מען געהט־
ארויס פון אטריבוט „דענקען" אָדער פון אטריבוט „אויסגע־
שפרייטקייט".

צו קאנטס קריטיק פון אונזער דערקענטניס איז שפינאזא
נישט געקומען. ער איז נישט קיין קריטישער, נאָר דאָגמאטי־
שער פילאָזאָף. פאר אים עקזיסטירט גאָרנישט די פראגע: פון
וואנען ווייסען מיר, אז אונזער הכרה ענטשפרעכט ווירקליך די
הויה? פאר איהם איז דענקען און ווירקליכקייט, הכרה און
הויה נאָר צוויי זייטען פון דער איינער אונענדליכער סוב־
סטאנץ; פאר אים גילט דארום אויך קאנט'ס כלל, אז מיר
דיקטירען דער נאטור אירע געזעצען, נאָר אָנשטאָט דעם,
וואָס ביי קאנט האָבען זיי נאָר א סוביעקטיווע גילטיג־
קייט, אָנשטאָט דעם, וואָס דאָרט זענען זיי אנ'אויסדרוק פון
אונזערע דענקגעזעצען, בלויז פאָרמען, וואָס אונזער אפאראט,
דער מענשליכער מח ארבייט־אויס, גילטען זיי פאר שפינאזא
אבסאָלוט. ער איז איבערצייגט, אז מיר דערקענען טאקי
דאָס דינג פאר זיך גופא, די אינערע בעציהונגען פון די גע־
שעהענישען אין דער נאטור, ווייל זיי ענטשפרעכען שטענדיג די
בעציהונגען צווישען די אידעען.

„שפינאָזאָס געדאנק, אז עס איז דאָ נאָר איין־
איינציגע אונענדליכע וועלט־סובסטאנץ, וואָס
זיינע אטריבוטען זענען דענקען און אויסגע־
שפרייטקייט, הויבט אויף די פילאָזאָפיע אויף

דער העכסטער מדרגה פון מאָניזם. אין אים פערשווינדט קודם־כל דער נאַטור־פילאָזאָפישער דואַליזם צווישען גייסט און מאַטעריע. פון די צוויי סובסטאַנצען — קערפּער און גייסט, ווערען נאָר צוויי אַטריבוטען, צוויי זייטען פון איין־און־דערזעלבער סובסטאַנץ. פאַראַן נאָר איין־איינציגע סובסטאַנץ, וואָס איז צו יעדער צייט אויסגעשפּרייט און דענקענד. עס קאָן דעריבער נישט געמאָלט זיין, עס זאָל זיך געפינען אַ גייסטיגע ערשיינונג אָהן אַ קערפּערליכער און אַ קערפּערליכע אָהן אַ גייסטיגער. רוחניות און גשמיות זענען אַזוי פערבונדען, אַז איינער קאָן נישט עקזיסטירען אָהן דעם צווייטען..."

„שפּינאָזאַ'ס מאָניזם מאַכט אויך אַ סוף צו יענעם תהום, וואָס האָט געהערשט אין דער מיטעלאַלטערליכער טעאָלאָגיע צווישען גאָט און נאַטור. גאָט און וועלט בעשטעהען פון איין־און־דערזעלבער סובסטאַנץ, זענען צונויפגעבונדען אין איין־און־דעמזעלבען וועלט־פּראָצעס. די צונויפגיסונג פון גאָט און וועלט אין איין בעגריף פירט צו אַ נייעם בליק אויף די געשעהעניש, פּאַסירונגען און זאַכען אין דער וועלט. עס זענען אַבסאָלוט נישטאָ קיינע זאַכען און געשעהענישען, וואָס זאָלען זיין לחלוטין פערשידען און אָבגעריסען איינע פון די אַנדערע. די אונענדליך־געטליכע סובסטאַנץ איז טעטיג און ווירקט אין אַלץ. אין אמת'ן זענען נישטאָ קיין פערשידענע זאַכען: פאַראַן נאָר איין־איינציגע זאַך — וועלט, וואָס איז גאָט. די איינצעלזאַכען זענען מער נישט ווי פערשידענע צושטאַנדען (מאָדוסען), אין וועלכע עס געפינט זיך די געטליכע סובסטאַנץ אין פערשידענע צייטען און פערשידענע ערטער פון שטח. כדי מסביר צו זיין דעם געדאַנק, געברויכט שפּינאָזאַ דאָס בילד פון ים און זיינע וואַלען. יעדער וואַל קען אויסזעהן ווי אַ בעזונדער זאַך, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו די איבריגע וואַלען. אין אמת'ן אָבער האָט דער וואַל, בעצם, גאָר קיין ממשות נישט. ער איז אַ טייל פון דעם גרויסען ים, אַ טייל, וואָס איז נישט אָבגעריסען פון אים, נאָר איז אין אים. און אויך די

אַנדערע וואַלען זענען אַזעלכע טיילען פון דעם אייביגען גרויי־סען ים און זענען צונויפגעגאָסען מיט אים...

און אַזוי ווי עס זענען נישטאָ קיין איינצעל־זאַכען, אָפּ־געריסען איינע פון די אַנדערע, אַזוי זענען אויך נישטאָ קיין איינצעל־פּאַסירונגען אין וועלט־געשעהן, אַזוי ווי די איינצעל־זאַכען זענען נאָר צושטאַנדען, מאָדוסען אין דער גרויסער וועלט־סובסטאַנץ, אַזוי זענען אויך די איינצעל־פּאַסירונגען נישט מער ווי מאָמענטען אין דעם איין־איינציגען וועלט־פּראָצעס, דעם איין־איינציגען לעבען פון דער געטליכער וועלט־סובסטאַנץ..." (זשיטלאָווסקי).

XXIV.

די מענשליכע פערזענליכקייט.

די וועלט בעשטעהט, — לויט שפינאָזאַ, — נאָר פון זאַכען און זייערע אַבסאָלוטע אידעען, פון געראַנקען און מאַטעריע. עס פרעגט זיך דאַרום, וואָס פאַר אַ פּלאַץ פערנעמט אין דער וועלט דער מענש, וואָס פאַר אַ ראָלע קען שפּילען די מענש־ליכע פערזענליכקייט אין דער וועלט?

דער מענשליכער גייסט איז די אידעע פון מענשליכען קערפּער, ער איז די אידעע, וואָס געהט פּאַראַלעל מיט'ן קער־פּער, ווייל ער איז דער אָביעקט, דער נשוא פון גייסט. און אַזוי ווי ביי אַלע אַבסאָלוטע אידעען מיט זייערע אָביעקטען, מוזען אויך די ביידע, דער גייסט מיט'ן קערפּער, פאָלקאָמען איבעראיינשטימען, זיך פאָלשטענדיג דעקען, זיין איינס און דאָסזעלבע. פון אַ בעזונדערן גייסט, פון אַ בעזונדערער נשמה, וואָס איז לויט איר מהות פערשידען פון קערפּער, ווייס שפּי־נאָזאַ נישט. עס זענען נאָר פאַראַן קערפּער און זייערע אַבּ־סאָלוטע אידעען, עס עקזיסטירט נאָר ראַציאָנעלע מאַטעריע, אין וועלכער מען קען קיין שום חילוק נישט מאַכען. די מאַ־טעריע בכלל איז פערגייפטיג, ראַציאָנעל און יעדער קערפּער

האָט זיין אידעע. אַלץ איז גייסט, ווי אַלץ איז מאַטעריע. דער מענש פערנעמט נישט קיין בעזונדערן, פּריוועליגירטען פּלאַץ אין דער בּריאה. „אַלע אינדיווידוען האָבּען אין אַ געוויסער מדרגה אַ נשמה", ווייל אַזוי גוט ווי די אידעע פון מענשליכען קערפּער רופען מיר גייסט, אַזוי מוזען מיר אויך צונעבּען פאַר אַלע אַנדערע קערפּער דיזעלבּע מעלה. דער חילוק איז נאָר וואָס דעם פערוויקעלטען, שטאַרק־קאָמפּליצירטען מענשליכען קערפּער מוז ענטשפּרעכען אַ קאָמפּליצירטע אידעע. און אויב מען וויל דערקענען דעם מענשענס גייסט, מוז מען גרינדליך זיך בּעקענען מיט זיין קערפּער. אָבּער קיין ממשות'דיגער חילוק צווישען מענשען און דער איבּריגער בּריאה איז נישטאָ, ווייל „פון יעדער זאַך מוז אונבּעדינגט זיין אַ געוויסע אידעע, אין גאָט". בּיי שפּינאָזא בּעדייטען דאַרום נישט די ווערטער: „אַלץ האָט אַ נשמה", דאָס אַלץ האָט פערזענליכען לעבּען, עס הייסט נאָר, דאָס אַלץ איז ראַציאָנעל, פערנינפטיג. ער דערהויבּט נישט די גאַנצע בּריאה צו דער מדרגה פון זעלבּסטבּעוואוסטען מענשען, נאָר פערקעהרט, ער ציהט אַראָבּ דעם מענשען אין דער מעכאַנישער נויטווענדיגקייט פון דער גאַנצער נאַטור.

די וועלט בּעשטעהט פון אַ מאַסע פערבּונדענע און פערקניפּטע קערפּער, וועלכע אונטערשיידען זיך נאָר דורך די גרעזען פון רוהע און בּעוועגונג. יעדע בּעשעפעניש איז אַזאַ בּינטעל פון קערפּער, וואָס זיינע בּעוועגונגען זענען ריין מעכאַניש און מען קען זיי פאָראויס מאַטעמאַטיש בּערעכענען. אויך דער גייסט, וואָס איז די אידעע פון קערפּער, איז אַ בּינטעל פאָרשטעלונגען, צוזאַמענגעזעצט און פערפלאָכטען פון אידעען, וועלכע זענען צווישען זיך פערבּונדען און פערקניפּט. און שפּינאָזאָ'ס סיסטעם, וואו די סובּסטאַנץ איז די אַבּסאָלוטע איינהייט, די אַבּסאָלוטע אחדות, — ווייס נישט פון קיין איינהייט אין מענשליכען בּעוואוסטזיין. די איינהייט פון בּעוואוסטזיין האָט דער מענש איבּערגעטראָגען אויף דער רעאַליטעט, אויפ'ן אָבּיעקט, אויף דער אויסערער וועלט. אין אים אַליין איז קיין איינהייט פון בּעוואוסטזיין נישטאָ, אַלץ איז אָבּהענגיג פון אוי־

סערע סיבות, פון די גנזעצען פון רוהע און בעוועגונג.
איצט ערשט שטעלט זיך ביי שפינאָזאָ די פראַגע פון דער מענשליכער דערקענטנים. אָבער ביי אים איז זי נישט דער יסוד פון זיין פילאָזאָפיע, נישט דער גרונדשטיין און פרובירשטיין פון דער פילאָזאָפיע, ווי ביי די פריערע און ביי די שפּעטערע פילאָזאָפען. פאַר שפינאָזאָ איז קיין פראַגע נישט: פון וואַנען ווייסען מיר, אַז די ווירקליכקייט ענטשפּרעכט, שטעהט אין הסכם, מיט אונזערע געדאַנקען? ווייל אויב הכרה און הויה, זיין און געדאַכט-ווערען, זענען נאָר די צוויי אַטריבוטען, צוויי זייטען פון דער איינער סובסטאַנץ, מוז יעדער אידעע אין אונז ענטשפּרעכען אַ געוויסע ערשיינונג אין דער ווירקליכקייט און די שורה פון די ערשיינונגען אויסער אונז איז דיזעלבע, וואָס די שורה פון אידעען אין אונז. די מענשליכע דערקענטנים ענטשפּרעכט דאַרום תמיד דער ווירקליכקייט און מיר קענען אין איהר ריכטיגקייט נישט צווייפלען. די פּראַגע איז דאַרום ביי שפינאָזאָ נישט: פון וואַנען עס נעמט זיך די מענשליכע דערקענטנים, נור פון וואַנען עס נעמט זיך דער טעות צום מענשען, ווי קען דער מענשליכער געדאַנק זיין פאַלש, אויב ער בעשטעהט פון אַבסאָלוטע אידעען?
די פראַגע האָט אויך דעקאַרט געשטעלט און ער האָט זי געפּרובט פערענטפערן מיט דער מענשליכער פרייהייט פון ווילען: אַז דער מענש האָט די פרייהייט צו ווילען אָדער נישט ווילען, און די פרייהייט איז שטאַרקער ווי די דערקענטנים. שפינאָזאָ קען זיך מיט דער תשובה נישט בענוגענען, ווייל ער האַלט, אַז דער מענש האָט נישט קיין פרייען ווילען. ער האַלט, אַז „דעם מענשענס מעשים זענען פערקניפּט און געבונדען אין דער געשלאָסענער קייט פון אורזאַך און ווירקונג, פון סיבה און מסבב, ווייל דער מענש איז אויך נישט מער ווי אַ מאָדוס, אַן'איינצעל-זאַך, אַ קלייניגקער טייל פון דער אַלגעמיינער געטליכער וועלט-סובסטאַנץ. ער איז נישט מער ווי אַ קליינע כוואַליע, וואָס הויבט זיך אויף אַ ווייַלע פון דעם אונענדליכען ים און גיסט זיך דערנאָך צונויף מיט אים. קיין אַבסאָ

לוט פרייען ווילען קען דער מענש דעריבער נישט האָבען. דאָס, וואָס אים דוכט זיך, אז ער איז פריי, איז מער נישט, ווי אַ דמיון אין אים. דער דמיון שטייגט ביי אים אויף, ווייל ער זעהט נישט יענע אורזאַכען, וואָס ווירקען אויף זיין ווילען. און אייגענטליך איז קיין בעזונדערער כח, וועלכען מיר זאָלען אָנרופען ווילען, אין דעם מענשען נישטאָ. דער ווילען איז דיזעלביגע זאַך, וואָס דער פערשטאַנד. וועלט־אורזאַכען רופען אַרויס בעוועגונגען אין דעם מענשען, די בעוועגונגען שפיגלען זיך אין זיין בעוואוסטזיין, אין זיין פערשטאַנד, און אים דוכט זיך, אַז ער פירט זיי אויס לויט זיין פרייען ווילען. וואָלט אַ שטיין, בעת ער פאַלט, געהאַט דעמזעלביגען בעוואוסטזיין, וואָס אַ מענש, דעמאָלט וואָלט זיך אויך דעם שטיין געדאַכט, אַז ער וויל פאַלען"... (זשיטלאָווסקי).

„אָבער אויך דער מענשליכער פערשטאַנד קאָן, ווי יעדע זאַך אין דער וועלט, זיין רעלאַטיוו, לפי ערך, פריי. דאָס הייסט, עס קאָן אונטער געוויסע בעדינגונגען ווירקען, לויט דער נויטווענדיגקייט פון זיין אייגענער נאַטור, נישט לויט די איינווירקונגען פון דער דרויסענדיגער נאַטור אויף אים. ווען דער מענש וואָלט געהאַנדעלט, געטאָן, נאָר לויט דער נויטווענדיגקייט פון זיין אייגענער נאַטור, ווען ער וואָלט געפאָלגט נאָר דער אַבסאָלוטער אידעע, וואָס ווירקט אין אים, דעמאָלט וואָלט ער קיין טעות נישט געקענט האָבען און קיין זינד וואָלט נישט געוועזען מעגליך, ווייל די אַבסאָלוטע, פּאָזיטיווע אידעע קען באין אופן נישט זיין פאַלש. דער טעות אין מענשען נעמט זיך נאָר דערפון, וואָס אים פעלט גאַנץ אָפט אָט די אַבסאָלוטע, פּאָזיטיווע אידעע, אים פעלט די קלאָרע ערקענטניס, ווייל זי ווערט פערדונקעלט פון די „אינאַדעקוואַטע" (נישט אינגאַנצען ריכטיגע) אידעען, וואָס קומען פון דרויסען, דורך צופעליגע אויפרעגונגען און איינווירקונגען".

„אַזוי ווי דער מענשליכער ווילען און דער מענשליכער פערשטאַנד זענען איין־און דיזעלביגע זאַך, און אַזוי ווי זייער ביידענס נאַטור בעשטעהט אין דענקען, אין אַרויסברענגען פון

אידעען, מוז מען קודם־כל זעהן, וועלכע אידעען שטאַמען פון דעם פערשטאַנד גופא, און וועלכע ווערען אין אים אַרויסגע־בראַכט א דאַנק דער דרויסענדיגער וועלט. דער מענש איז נישט נאָר דענקען, ער איז, ווי יעדע זאַך אין דער וועלט, אויך גשמיות, אויסגעשפרייטקייט, אָבער די בעוועגונגען, וואָס קומען־פאָר אין דער דרויסענדיגער וועלט און אין זיין אייגענעם גוף, קאָן ער נישט קלאָר איינזעהן. די אידעען, וואָס ווערען אין אים אַרויסגערופען דורך דעם גאַנצען סכום פון די קער־פערליכע בעוועגונגען, זענען נישט קלאָרע אידעען. זיי שפיגלען־אָב די דרויסענדיגע וועלט נישט ווי זי איז באֶמת. זיי זענען דאַרום „אינאַדעקוואַט" (נישט אינגאַנצען ריכטיגע). זיי זענען נישט קיין קלאָרע געדאַנקען, נאָר א דמיון אין אונז, א פאַנטאַזיע. ווען מיר זעהען פאַרבען אין דער נאַטור, אָדער ווען מיר זעהען איינצעלנע זאַכען, וואָס זענען כלומר'שט אָבגעריסען איינע פון די אַנדערע, אָדער ווען מיר בויען פון די איינצעלנע זאַכען וועלכע־עס־איז אַבסטראַקטע אַלגעמיינע בעגריפען, אָדער ווען מיר האָבען די פאָרשטעלונג פון אַן אַבסאָלוט פרייען ווילען, דעמאָלט ווירקט אין אונז דער כח הדמיון, אָבער נישט דער קלאָרער פערשטאַנד. ערשט ווען דער פערשטאַנד זעהט־איין, אַז אַלע זאַכען און פּאַסירונגען זענען צונויפגעבונדען אינאיינעם דורך אורזאַכען און ווירקונגען, דערהויבט זיך דער שכל צו א העכערער מדרגה פון קלאָרע, „אַדעקוואַטע", דאָס הייסט גאַנץ ריכטיגע אידעען". (זשיטלאָווסקי).

דער טעות נעמט זיך, אַלזאָ, ביים מענשען פון די קער־פערליכע אויפרעגונגען וואָס קומען פון דרויסען און פערדונקלען די קלאָרע און דייטליכע דערקענטנים. פון זיי נעמען זיך די פעלער אין די מענשליכע פאָרשטעלונגען און געדאַנקען. בנוגע אָבער די אינערע געזעצען, וואָס ווירקען אין יעדען קער־פער, די געזעצען פון רוהע און בעוועגונג, ווירקען זיי אויך אין מענשליכען קערפער פון אינווייניג און ברענגען די אַדעק־וואַטע ריכטיגע ערקענטנים פון מאַטעמאַטיש־מעכאַנישען צוזאַ־מענהאַנג אין דער וועלט.

פון דער ערקלערונג, וואָס שפינאָזא גיט פון מענשליכען גייסט, אַלס די אידעע פון קערפּער, קומט ממילא אַרויס די צוויי־פאַכע פאָרם פון דער מענשליכער דערקענטניס. די דערקענטניס, וואָס שטיצט זיך אויף דער צופעליגער ערפאַרונג, די אינאַדעקוואַטע, סובּיעקטיווע מיינונג, און די אַדעקוואַטע אָבּיעקטיווע דערקענטניס, וואָס שטיצט זיך אויף די הכרה פון שכל, וועלכער דרינגט אַריין אין דעם אינערן צוזאַמענהאַנג פון די זאַכען און דערקענט זייערע אורזאַכען. צו די צוויי פאָרמען פון דער מענשליכער דערקענטניס קומט נאָך צו די דריטע העכסטע פאָרם פון אינווענינסטען זעהן, (אינטואיציאָן), ווען עס ענטפּלעקט זיך אים דער געראַנק פון איינהייט און אייביגקייט אין דער געטליכער סובּסטאַנץ, ווען יעדע איינצעל־פאַסירונג ערשיינט אים אונטער דעם געזיכטס־ווינקעל פון דער אייביגקייט (סוב ספעצי עטערני), ווען ער זעהט־איין, אַז די איינצעל־פאַסירונג איז נישט מעהר ווי איין מאָמענט אין דעם גרויסען אַלוועלטליכען געשעהן, ווען „פון דער אַדעקוואַטען ערקענטניס דער אַטריבּוטען געהט זי איבּער צו דער אַדעקוואַטען ערקענטניס דער דינגע" אָדער „ווען זי דערקענט די דינגע — אוים גאָט". די אינטואיטיווע דערקענטניס פון די געשעהענישען און זאַכען אוים גאָט, הייסט, ווי מיר האָבּען אויבּען געזעהן, די ערקענטניס פון דער אָבּיעקטיווער רעאַליטעט, פון דער רעאַלער עקזיסטענץ, דער רעליגיעז־מיסטישער בּעגריף, וואָס ליגט איינגעוויקעלט אין שפינאָזאַס ראַציאָנאַליסטישען סיסטעם. אויפ'ן גרונד פון דער אָבּיעקטיווער רעאַליטעט, וועלכע איז דער יסוד פון דער סובּסטאַנץ, פון גאָטס־בּעגריף און אין וועלכע עס גיסען זיך צוזאַמען גאָט, נאַטור און וועלט, שליסט „יעדע אידעע פון אַ ווירקליך עקזיסטירענדען איינצעלדינג נויטווענדיג דאָס אייבּיגע און אונענדליכע מהות גאָטס אין זיך" און „מיר דערקענען, מיר זענען משיג דאָס אויבּיגע און אונענדליכע מהות פון גאָט, ווייל מיר האָבּען אין אונז אידעען, וואָס דורך זיי דערקענען מיר אונזער קערפּער און די קערפּער אַרום אונז, אַלס ווירקליך עקזיסטירענד".

דאָס אַלץ קומט־פאָר נישט אויף גרונד פון אונזער ער־פאַרונג, אויך נישט אויף גרונד פון דעם לאָגישען דענקען, נאָר אויף גרונד פון דער אינטואיציע, אויפ'ן יסוד פון דער דריטער פאָרם מענשליכער דערקענטנים, אויפ'ן גרונד פון אינ־טואיטיווען דענקען, וועלכער איז אַ חלק אלה ממעל, צו וועל־כען נישט יעדער מענש דערגרייכט. און שפינאָזא אַליין איז מודה, אַז נאָר וועניג ענינים האָט ער משיג־געווען דורך יענער אינטוועניגסטער קלאָרער דערקענטנים.

עס זענען, אַלזאָ, פאַראַן דריי מדרגות פון מענשליכער דערקענטנים. די אינאַדעקוואַטע דערקענטנים איז דער מקור פון טעות, ווייל זי שטיצט זיך אויף דער צופעליגער ערפאַרונג, גלויבט אין דער מענשליכער פרייהייט און זוכט אַ צוועק אין דער וועלט, אָנשטאָט צו פאָרשען נאָך די סבות פון די געשעהעני־שען. די צווייטע מדרגה פון דערקענטנים איז די אַדעקוואַטע, וואָס שטיצט זיך אויף דער ריכטיגער איינזיכט אין די נאַטור־געשעהע־נישען אויפ'ן יסוד פון סיבה און מסבב, פון דער קאַוזאַליטעט און זוכט שטענדיג דאַרום די ווירקענדע אורזאַך און נישט קיין צוועק. די דריטע און העכסטע פאָרם פון דערקענטנים איז די אינטואיטיווע, וועלכע שטיצט זיך נישט אויף קיינע בעווייזען און דאַרף נישט אָנקומען צו דער הילף פון לאָגיק. זי איז דורך זיך זעלבער קלאָר און איינלויכטענד.

דער טעות ווערט דערקענט נאָר אַלס געגענזאַץ צום אמת. דער אמת בעלייכט זיך זעלבער און דעם טעות, אַזוי ווי דאָס ליכט בעלייכט זיך זעלבער און די פינסטערניש. יעדע ריכטיגע ערקענטנים שטאַמט פון אַ צווייטער ערקענטנים, אָבער דער מקור פון דער ערקענטנים, דער שורש פון אמת איז יענע געטליכע אידעע, גאָט און זיינע אַטריבוטען, וועלכע איז אויף גרונד פון דער אינטואיציע, איינלויכטענד און געוויס. דער מקור האמת איז אין גאָט, ווייל זיין אידעע טראָגט אין זיך דאָס קריטעריום פון אמת. „ווער עס בעזיצט אַ אמת'ע אידעע, וויים גלייכצייטיג, דאָס ער האָט איר און קען אין זיין אמת מער נישט צווייפלען". „יעדער דער אַ וואָרע אידעע האָט, וויים

גליכציימיג, אַז זי שליסט אין זיך די העכסטע געוויסהייט, ווייל האָבען אַ וואָרע אידעע, הייסט אַ זאַך פאָלקאָמען, אָדער, אויפ'ן בעסטען אופן, דערקענען".

די ריכטיגע, פערנינפטיגע אָדער אַדעקוואַטע דערקענטניס בעטראַכט די זאַכען ווי זיי זענען אין אמת'ן פאַראַן. אין אמת'ן זענען די ערשיינונגען און זאַכען נישט צופעליג און פעראיינ-צעלט, נאָר געפינען זיך אין אַ אייביגען און נויטווענדיגען צו-זאַמענהאַנג. די איינצעלנע זאַכען ענטשטעהען און פערגעהען, זיי עקזיסטירען נאָר אַ געוויסע צייט, און זענען אָבהענגיג פון צייטליכע צופעליגע בעדינגונגען. נאָר ווען מען בעטראַכט די גײַשעהענישען אין זייער אינערן נויטווענדיגען צוזאַמענהאַנג, בעגרייפט מען זיי ערשט נישט אַלס בלויז צייטליכע ערשיינונ-גען, נאָר אַלס אייביגע פאַקטאָרען, וואָס שטעהען אין צוזאַמענ-האַנג מיט דער פערגאַנגענהייט און דער צוקונפט. „עס ליגט אין דער נאַטור פון שכל צו בעטראַכטען די זאַכען נישט אַלס צופעליג, נאָר אַלס נויטווענדיג", און „עס ליגט אין דער נאַטור פון שכל אויפצופאַסען די זאַכען אונטער דער פאָרם פון אוי-ביגקייט"—זאָגט שפינאָזאָ.

XXIV.

די מענשליכע ליידענשאַפט.

די לעהרע שפינאָזאָ'ס איבער די מענשליכע ליידענשאַפט איז אַ מייסטערווערק פון פסיכאָלאָגישע פאָרשונג איבער דער מענשליכער נאַטור, איבער דעם מענשענס מעלות און חסרונות. אַלע פריערע מאָראַליסטען און פילאָזאָפען, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט דער פראַגע, האָבען אָדער פערשאָלטען דעם מענשען, וואָס פאָלגט נישט דעם יצר-טוב און געהט נאָך דעם יצר הרע, אָדער זיי האָבען געהאַלטען אין איין רימען דעם מענשען פאַר זיינע גוטע מדות און מעשים טובים. אָבער אַלע האָבען געמאַכט דעם פעלער, וואָס זיי האָבען בעהאַנדעלט דעם

מענשען אלס אַ בעשעפעניש, וואָס שטעהט אויסער דער נאַטור „קען טאָן, וואָס זיין האַרץ גלוסט, אלס אַ בעשעפעניש, וואָס האָט אַ פרייען ווילען. אין אמת׳ען מוז מען, איידער מען הויבטאָן בעטראַכטען דעם מענשען פון דער מאָראַלישער זייט, פריער קענען די נאַטור פון מענשען, די נאַטור פון זיינע ליידענשאַפטען, אזוי גוט ווי מען וויל געהן מלחמה האַלטען מיט אַ שונא, מוז מען פריער זיך בעקענען מיט זיינע כחות, וויסען ווי שטאַרק ער איז״.

„דאָס רוב פון די, וואָס האָבען געשריבען איבער די מענשליכע ליידענשאַפט,— זאָגט שפינאָזאַ — האָבען גערעדט, ווי מיר שיינט, נישט פון די נאַטירליכע ערשיינונגען, וואָס זענען אונטערוואָרפען די אַלגעמיינע געזעצען, נאָר פון עפּיס איבערנאַטירליכע זאַכען. עס זעהט-אויס, אַז זיי האָבען געקוקט אויף דער שטעלונג פון מענשען אין דער נאַטור, ווי אויף אַ מלוכה אין אַ מלוכה. זיי האַלטען, אַז דער מענש שטערט נאָר די נאַטור, אַנשטאָט איר צו געהאָרכען; אַז ער האָט אַ פאָלשטענדיגע פרייהייט בנוגע זיינע מעשים און אַז ער האָט זיך מיט קיינעם נישט צו רעכענען. די סבות פון דער מענשליכער שוואַכקייט און די סתירות אין זיינע מעשים ווערען נישט געזוכט אין דער אַלגעמיינער נאַטור, נאָר מען וויל זיי צושרייבען עפּיס צו די פעלער פון מענשען, איבער וועלכע מען לאַכט, קלאָגט, פעראַכט, אָדער מען האַלט גאָר פאַר פערברעכען, און ווער עס קען זיי מיט וויציגע שאַרפע ווערטער אויסלאַכען, גילט אלס געטליכער מענש... פאַר די מאָראַלישע פרעדיגער, וואָס פעראַכטען אָדער מאַכען חוזק פון די מענשליכע מעשים און זיינע געמיטס-בעוועגונגען, וועט עס געוויס אויסקומען מאָדנע, ווען איך וויל די מענשליכע נאַרישקייט און פעלער, בעהאַנדלען געאָמעטריש און איך וועל די ערשיינונגען, וואָס זיי האַלטען פאַר נאַרישקייטען און פערשרייבען עס אלס „הבל הבלים״, אלס שטותים און פערברעכען, בעגרינדען און בעהאַנדלען מעטאָדיש״.

„אָבער איך האַלט, אַז אין דער נאַטור איז בכלל נישטאָ

קיין זאַך, וואָס זאָל זיין אַ פעלער. זי בלייבט תמיד און אומע־טום גלייך. דאָסזעלבע איז אויך בנוגע איר מאַכט און ווירקונג. די חוקים פון דער נאַטור, נאָך וועלכע אַלץ געשיהט און פער־ענדערט זיך, זענען שטענדיג און אומעטום די אייגענע. דאַרום מוזען אויך אַלע זאַכען ערקלערט ווערען לויט דערזעלבער מעטאָדע, לויט די געזעצען פון דער נאַטור. אויך די ליידענ־שאַפטען, ווי: שנאה, קנאה, כעס, זענען אַזוי גוט נויטווענדיג, זענען אַ רעזולטאַט פון דערזעלבער נאַטור, ווי אַלע אַנדערע ערשיינונגען; זיי האָבען אויך געוויסע סבות, דורך וועלכע מען קען זיי פערשטעהן, און געוויסע אייגענשאַפטען, וואָס פערדינען אונזער אויפמערקזאַמקייט, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע זאַכען, פון וועלכע מיר זענען צופרידען. אַזוי ווי איך האָב ביז איצט בע־האַנדעלט דעם מהות פון בורא און פון גייסט, וועל איך אויך מיט דערזעלבער מעטאָדע בעהאַנדלען די נאַטור און די מאַכט פון די ליידענשאַפטען, ווי אויך די מאַכט, וואָס דער גייסט האָט איבער זיי. איך וועל די מענשליכע מעשים און זיינע תאוות בעטראַכטען, ווי ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט אַרום ליניעס, פלעכען און קערפער".

נאָכדעם, ווי שפינאָזא האָט דערקלערט די מעטאָדע, מיט וועלכער ער וועט זיך בענוצען ביים בעהאַנדלען די מענשליכע ליידענשאַפטען, געהט ער אַריבער צום עצם פון די ליידענ־שאַפטען און ער געפינט, אַז דער יסוד פון אַלע ליידענשאַפ־טען ליגט אין דער נאַטור פון מענשען אַלס אַ חלק פון דער אַלגעמיינער נאַטור.

יעדע זאַך ענטשטעהט דורך אַן׳אויסערע סיבה און ווערט צושטערט, געהט־אונטער, אויך נאָר דורך אַן׳אויסערער סיבה. ווען עס וואָלט אין דער נאַטור נישט געווען קיין הפכים, קיין געגענזאַצען, וואָס בעקעמפען איינער דעם צווייטען, וואָלט נישט געווען קיין סיבה עפּיס זאָל צושטערט, פערניכטעט ווערען. יעדע זאַך שטרעבט ווי ווייט מעגליך זיך צו דערהאַלטען און קעמפט געגען די אויסערע סיבות, וואָס ווילען עס צושטערן. יעדע זאַך שטרעבט זיך צו דערהאַלטען. „עס שטרעבט, — ווי

שפינאָזאַ זאָגט — צו בלייבען אין זיין דאַזיין". אויך דער מענש אלס אַ חלק פון דער אַלגעמיינער נאַטור שטרעבט זיך צו דער-האַלטען, זיין מהות איז די זעלבסטדערהאַלטונג. דאָס גילט פאַר'ן קערפּער ווי פאַר'ן גייסט. ביידע שטרעבען זיך צו דער-האַלטען און צו עקזיסטירען. אָט דאָס שטרעבען איז די ליי-דענשאַפט, די תאוה פון מענשען. אַלץ, וואָס עס שטיצט דעם שטרעבען, אַלץ, וואָס עס העלפט אונז זיך צו דערהאַלטען, רו-פען מיר אָן „גוט" און אַלץ, וואָס עס שטערט אונזער שטרעבען, רופען מיר אָן „שלעכט". תאוה איז בעוואוסט שטרעבען. מיר שטרעבען, זוכען, ווילען און פערלאַנגען עפּיס נישט דער-פאַר, ווייל עס איז גוט, נאָר, פערקערט: מיר האַל-טען עס דאַרום פאַר גוט, ווייל מיר זוכען, ווילען, פערלאַנגען עס. דער קאַרגער האַלט, אז דאָס געלד איז דאָס בעסטע, ווייל ער זוכט עס, אזוי גוט ווי דער רודף אחר הכבוד האַלט דעם כבוד פאַר דאָס בעסטע.

די מענשליכע ליידענשאַפטען טיילען זיך אָבער אויף צוויי מינים, אויף פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, אויף אַזעלכע, וואָס דערהויבען אונז צו אַ העכערע מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, און אַזעלכע, וואָס דערנידערן אונזער פאָלקאָמענהייט. די פאָל-קאָמענהייט בעשטעהט, לויט שפּינאָזאַ, ווי מיר ווייסען, אין דעם, וואָס מיר ווירקען לויט אונזער אייגענער נאַטור און שטרעבען וועניגער צו ליידען פון די אויסווערטיגע ווירקונגען. אויב מיר ווירקען לויט אונזער אייגענער נאַטור, לויט די „אַדעקוואַטע" אידעען, רופט עס ביי אונז אַרויס אַ געפיהל פון פרייד, און, פערקערט ווידער, ווען מיר שטעהען אונטער דער ווירקונג פון אויסערע ערשיינונגען, ווען אונזער פאָלקאָמענהייט ווערט פער-מינדערט, רופט עס ביי אונז אַרויס אַ געפיהל פון טרויער. מען קען אויך דעם געדאַנק אַנדערש אויסדריקען: יעדע זאַך, וואָס פערשטאַרקט אונזער שטרעבען זיך צו דערהאַלטען, אונזער „חפץ הקיום", רופט ביי אונז אַרויס פרייד, און יעדע זאַך, וואָס שטערט, שוואַכט-אָב אונזער שטרעבען זיך צו דערהאַלטען, רופט אַרויס ביי אונז טרויער. אַלע מענשליכע ליידענשאַפטען

ווערען אויף דעם אופן צוריקגעפירט אויף צוויי גרונד-געפיהלען: פרייד און טרויער. „אונטער פרייד — זאָגט שפינאָזאַ — פערשטעה איך די ליידענשאַפט, דורך וועלכע דער גייסט געהט-איבער צו אַ גרעסערער פאָלקאָמענהייט; אונטער טרויער פערשטעה איך די ליידענשאַפט, דורך וועלכער ער געהט-איבער צו וועניגער פאָלקאָמענהייט". די יסודות פון אַלע מענשליכע ליידענשאַפטען זענען דאַרום דריי: דאָס בעגערן, די תאַוה, וועלכע טיילט זיך אין פרייד און טרויער. און אַלע אַנדערע מענשליכע תאוות, ליידענשאַפטען; זיי זענען נישט מעהר ווי פערשידענע פאָרמען פון די גרונד-געפיהלען, זיי שטאַמען אַלע פון דער מענשליכער נאַטור, וועלכע שטרעבט שטענדיג נאָך פרייד און וויל אויסמיידען טרויעריגקייט.

שפינאָזאַ רעכענט נאַכהער אויס אַלע מענשליכע ליידענשאַפטען, ווי: ליעבע און שנאָה, האָפנונג און שרעק, סימפאַטיע און אַנטיפאַטיע, צאָרן און נקמה, קנאָה, מיטלייד, פריינדשאַפט, גאַוה און עניוות, אַכטונג און פעראַכטונג, — און בעווייזט, אַז זיי אַלע זענען נאָר פאָרמען פון די גרונד-געפיהלען: פרייד און טרויער.

ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, ליגט אין דער נאַטור פון מענשען צו זעהן דערהאַלטען די פרייד און אויסמיידען די טרויער. אַזוי ווי פרייד און טרויער האָבען שטענדיג געוויסע סבות, דאַרום מוזען מיר אויס דעם פערלאַנגען זיך צודערהאַלטען, ליבען דאָס, וואָס פערשאַפט אונז פרייד און פיינט האָבען דאָס, וואָס פערשאַפט אונז טרויער. ליבע איז דאַרום פרייד, פערבונדען מיט דער פאָרשטעלונג פון דער אויסערער סיבה, וואָס רופט איר אַרויס, אַזוי גוט ווי שנאָה איז די טרויעריגקייט, פערבונדען מיט דער פאָרשטעלונג פון דער זאַך, וואָס האָט געדינט אַלס איהר סבה. נאָר אַזוי ווי די זאַכען, וואָס פערשאַפען אונז פרייד אָדער טרויער קומען ניט פאָר פעראיינצעלט אין דער וועלט, נאָר זיי שטעהען שטענדיג אין פערבינדונג מיט אַנדערע זאַכען, מיט וועלכע זיי האָבען אויסערע אָדער אינערע בעציהונגען, דאַרום פערשפרייט

זיך אונזער ליבע אָדער שנאָה אויך אויף די זאַכען, וועלכע זענען נישט קיין דירעקטע סבות פון אונזער ליבע און שנאָה, נאָר שטעהען מיט זיי אין אַ וויטערער אָדער נאָנטערער בעציהונג. ווען מיר ליבען אַ געוויסע פערזאָן און מיר בעגעגנען אַ צווייטע פערזאָן, וואָס זעהט-אויס ענליך צו אונזער ליבע, איז אונז אויך די פערזאָן סימפאַטיש; און, פערקערט אויך, ווען מיר בעגעגנען אַ פערזאָן, וואָס זעהט-אויס ענליך צו אונזער שונא, איז ער אונז אַנטיפאַטיש. סימפאַטיע און אַנטיפאַטיע זענען, אַלזאָ, צופעליגע ליבע אָדער צופעליגע שנאָה. אויב געוויסע זאַכען ווערען צופעליג די סבות פון אונזער ליבע אָדער שנאָה, האַלטען מיר זיי פאַר גוט אָדער פאַר שלעכט, מיר ערוואַרטען, אָהן אַ בעשטימטער סיבה, פון איינעם גוטס און פון צווייטען שלעכטס און דערפון נעמט זיך דער אַבערגלויבען. מיר מיינען, אַז די זאַכען אַליין האָבען אין זיך די אייגענשאַפט צו ברענגען אונז שלעכטס. אין אמת'ען איז עס אומגעקערט, ווייל מיר זענען שונאים פון דער אמת'ער סיבה פון אומגליק, האָבען מיר דאַרום אויך פיינט אַלץ, וואָס עס האָט נאָר אַ שייכות צו דער סיבה. „גאַנץ צופעליגע זאַכען — זאָגט שפינאָזאַ — קענען ווערען די סיבה פון אונזער האָפנונג אָדער שרעק".

אויב די סיבה פון אונזער ליבע אָדער שנאָה, אַלס די וויטערע אורזאַכע פון פרייד און טרויער, ליגט אין דער צוקונפט, עמפינדען מיר אויך די ליבע אָדער די שנאָה אַלס צוקונפט. מיר ערוואַרטען דעמאָלט מיט פרייד אונזער ליבע, מיר האָפען אויף איר, און מיר זעהען מיט שרעק, מיט שנאָה, דאָס אומגליק, ווי עס רוקט זיך אויף אונז. ערוואַרטען עפּיס גוטס הייסט דאַרום האָפנונג און ערוואַרטען עפּיס שלעכטס הייסט שרעק, פורכט. און ווען אונזער האָפנונג איז נישט מקוים געוואָרען אָדער ווען די שרעק איז אַריבער בשלום, פיהלען מיר זיך ענטטוישט צום גוטען אָדער צום בייזען. אין ערשטען פאַל, ווען אונזער האָפנונג ווערט צורונען, פיהלען מיר אַוועהטאָג, עס רייסט דאָס האַרץ פאַר פערדרוס; אין צווייטען

פאל, ווען די שרעק געהט אריבער בשלום, פיהלען מיר, ווי א שטיין איז אונז אראבגעפאלען פון הארץ, מיר אטעמען אב פריי, צופרידען, גליקליך.

דער מענש פיהלט זיך אבער זיכער, זיין שטרעבען זיך צו דערהאלטען ווערט אמבעסטען געשטיצט אין קרייז פון מענשען, וואס זענען אים גלייך, מיט וועלכע ער איז נאטיר־ליך נאנט און פערבונדען. ער ליבט דארום די מענשען, וואס זענען אים נאטירליך אמנאנטסטען, ער ליבט זיין פאמיליע, די ליבע וואקסט זיך אוים אויף אלץ ווייטערע קרייזען, ער ליבט דארום זיין משפחה, זיין שבט, זיין שטאם, זיין שטאנד און זיין פאלק, ווייל די אלע ווירקען מיט, שטיצען אים אין זיין שטרעבען זיך צו דערהאלטען. גלייכצייטיג האסען מיר, מיר האבען פיינט אלץ, וואס איז א שונא פון אונזער ליבע און וואס איז געגען די אלע זאכען, וואס מיר ליבען. דערפון נעמט זיך די געזעלשאפטליכע שנאה, אין וועלכער מיר זענען בעטיי־ליגט אלס מיטגלידער פון דער פאמיליע, פון דעם שטאנד אדער פון דעם פאלק. אויף דעם אופן ערקלערט שפינאזא די נאציא־נאלע און רעליגיעזע שנאה אלס נאטירליכע ערשיינונגען, אלס א רעזולטאט פון די גרונד־געפיהלען: פרייד און טרויער, וואס בעוועגען דעם מענשען און זענען די סבה פון זייגע גוטע און שלעכטע מעשים.

די שנאה פערלאנגט צו צושטערן, פערקנעכטען דעם געגענשטאנד, וואס רופט ביי אונז ארוים דעם געפיהל: מיר ווילען דארום אים אנטאן שלעכטס ווי ווייט מיר קענען נאר. אט דעם געפיהל רופט שפינאזא כעס. מיר האסען אימיצען, ווייל ער האט אונז שלעכטס געטאן, מיר ווילען, אז ער זאל פיהלען דיזעלבע ליידען, וואס מיר האבען דורך אים געפיהלט. די שנאה פאדערט פערגעלטונג, זי וויל יענער זאל דוקא ליידען, אזוי גוט ווי איך האב געליטען; זי פאדערט אויג פאר אויג, צאן פאר צאן, דאס הייסט די נקמה, מיר ווילען זיך נוקם זיין אן אונזער שונא. און אזוי ווי די מענשען זענען פון נאטור שונאים איינער דעם צווייטען, ווייל ער מיינט, אז דורך דעם

צוויטענס גליק ווערט זיין גליק פערמינדערט, דארום טהוט אים לייד, ווען ער זעהט דעם צוויטענס גליק און ער האָט הנאָה, ווען ער זעהט דעם צוויטענס אונגליק. דערפון נעמט זיך די קנאָה און די שאַדענפרייד, שנאת חנם, אלס צווי גאַנץ נאַטירליכע געפיהלען אין מענשען.

אממערסטען זענען מיר מקנא דעם צווייטען דאָס, וואָס אונז פעלט. מיר זענען צופרידען פון אונזער קראַפט און פון אונזערע מעשים. מיר דערצעלען זעהר גערען די גבורות, וואָס מיר האָבען בעוויזען און מיר האָבען הנאָה, ווען מיר קענען עס שטעלען אין נעגענזאַץ צו די שוואַכקייט און אונפעהיגקייט פון צווייטען. דער מענש איז דארום מקנא נאָר די מענשען, מיט וועלכע ער וואָלט וועלען קאָנקורירען אין קראַפט און פעהיגקייט, אָבער בהמות אָדער זאַכען, מיט וועלכע ער קאָנקורירט נישט, איז ער אויך נישט מקנא. קיין מענש איז נישט מקנא דעם בוים, וואָס איז הויך געוואַקסען, אָדער דעם לייב, וואָס איז אַזוי שטאַרק; ער קען נאָר מקנא זיין אַ מענשען, וועלכען ער האַלט פאַר זיין גלייכען.

אַזוי נעהט שפינאָזא און רעכענט אויס אַלע מענשליכע מדות, די ליידענשאַפטען, די נוטע ווי אויך די שלעכטע און ערקלערט זיי פון דער מענשליכער נאַטור ארויס, פונקט ווי ייען זיי וואָלטען געווען „ליניעס, פלעכען אין קערפּער". אַלע אונזערע מדות שטיצען זיך אויף דיביידע גרונד־געפיהלען— פרייד און טרויער, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך די ווייטערע מדות, ליבע און שנאָה, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך וויי־טער מיט לאָגיש־פּסיכאָלאָגישער נויטווענדיגקייט אַלע אַנדערע מענשליכע מדות. נאָר פון שטאַנדפּונקט פון מענשען, וואָס האַלט, אַז דער צווייטער טוט איהם גוטס אָדער שלעכטס אויס אַ פרייען, גוטען אָדער שלעכטען ווילען, רופען די מעשים ארויס ליבע אָדער שנאָה, „דארום מוזען ליבע און שנאָה געגען אַ בריאָה, וועלכע מיר האַלטען, אַז עס איז פריי, פיל גרעסער זיין ווי געגען אַ בריאָה, וואָס מיר ווייסען, אַז זי האַנדעלט אויס נאַטורנויטווענדיגקייט", זאָגט שפינאָזא. אין אמת'ען אָבער זענען

די מעשים נויטוועגדיג און דאַרפען אונז גאַרנישט אויפרעגען.
ביי אַזאַ אויפפאַסונג מוז זיך שטעלען די פראַגע: וואָס פאַר אַ
פלאַץ בלייבט דעמאָלט פאַר דער עטיק, פאַר מוסר און מדות?
אויף דעם ענטפערט שפינאָזאַ אין לעצטען טייל פון זיין ווערק
די „עטיק״, וועלכען מיר וועלען דאָ אין קורצען איבערגעבען.

XXV.

די מענשליכע עטיק.

מיר האָבען געזעהן, ווי אַזוי שפינאָזאַ וואַרפט אָב יעדע
מענשליכע שאַצונג אין משפט'ן דער נאַטור און אירע געשעהע-
נישען. די נאַטור האָט אירע אייביגע אונפערענדערליכע גע-
זעצען און זי רעכענט זיך נישט מיט אונזערע אורטהיילען, וואָס
שטיצען זיך אויף די טיילונג פון צייט, מאָס און צאָל. אויך
דער מענש אַלס אַ חלק פון דער נאַטור איז אונטערגעוואָרפען
אירע אייביגע געזעצען. און אַזוי ווי אין דער נאַטור בכלל
קען מען נישט פרעגען נאָך דעם צוועק פון דער בריאה, נאָר
נאָך דער אורזאַך; נישט נאָכ'ן תכלית פון דער נאַטור און
אירע ערשיינונגען, נאָר נאָך דער סיבה האָט מען צו פאָרשען,
אַזוי איז אויך אין דעם מענשענס מעשים דאַרף מען נישט
פרעגען נאָכ'ן תכלית, נאָר נאָך דער סיבה, וואָס האָט אַרויס-
גערופען די מעשים. אַזוי ווייט ווי שפינאָזאַ בלייבט ביי דער
אויפפאַסונג, אַז מען מוז אַלע ערשיינונגען בעטראַכטען „אונטער
דעם שטאַנדפונקט פון דער אייביגקייט״, קען ביי אים קיין רייד
נישט זיין פון קיין עטיק, און קיין מענשליכע מאָראַל עקזי-
סטירט גאָרנישט. מיר קענען נאָר ריידען פון עטיק, פון מוסר
אין אַ וועלט, וואו עס קומט פאָר אַ ענטוויקלונג, פערענדערונגען;
אין אַ וועלט, אין וועלכער עס ווערט געקעמפט, וואו עס
זענען דאָ הפכים, געגענזאַצען און מחלוקת; אין אַ וועלט, אין
וועלכער מען קען אָנווייזען אויף בעשטימטע צוועקען און אי-
דעאַלען, צו וועלכע דער מענש שטרעבט. אָבער אין אַ וועלט

פון שטרענגער געזעצליכקייט, אין וועלכער ס'איז נישטאָ קיין חילוק פון צייט און אָרט און אין וועלכער דער מענש, וואָס האָט נישט קיין פרייען ווילען, איז נישט מער ווי אַ רעדעלע, וואָס דרעהט זיך מיט אין דער גרויסער וועלט-מאַשין, — אין אַזאַ וועלט קען פון קיין מוסר, פון קיין מאָראַל קיין רייד נישט זיין. איבערהויפּט קען קיין עטיק נישט עקזיסטירען, ווייל די בעגריפען „גוט" און „שלעכט", מיט וועלכע מיר בעצייכענען דעם מענשענס מעשים, עקזיסטירען גאָרנישט אין שפינאָזאָס סיסטעם, ווייל די בעגריפען זענען ריין אינדיווידועל; דאָס, וואָס פאַר איינעם איז גוט, קען פאַר'ן צווייטען זיין שלעכט, און פערקערט אויך, דאָס, וואָס פאַר איינעם איז שלעכט, איז פאַר'ן צווייטען גוט. און פונדעסטוועגען האָט שפינאָזאַ דאָך אויסגעבויט אַן עטישען סיסטעם און האָט נאָך אפילו זיין גאַנצע פילאָזאָפיע אַ נאָמען געגעבען „עטיק".

שפינאָזאַ העלפט זיך אַרויס פון דעם ווידערשפרוך דורך דעם, וואָס ער טיילט אין פלוג אָב די טעאָריע פון דער פּראַקטיק. טעאָרעטיש, אויף גרונד פון זיין גאַנצען סיסטעם קען טאַקי קיין עטיק נישט געבען, אָבער פּראַקטיש עקזיסטירט זי דאָך. און דער אונטערשיד צווישען טעאָריע און פּראַקטיק שטיצט זיך אויף דעם חילוק, וואָס עס עקזיסטירט צווישען דער לאָגיק און דער פסיכאָלאָגיע, ווי שפינאָזאַ האָט ענטוויקעלט בנוגע דעם מענשענס געפיהלען. דער יסוד פון דער עטיק איז דאָס פערלאַנגען פון מענשען צו דערהאַלטען זיין קיום. אַלס אַ חלק פון דער נאַטור איז דער מענש אַ שפּילבאַל אין די הענט פון צופאַל און ער ווערט אַרומגעשלײדערט, ווי די כוואַליעס פון ים, אָהן ציל און צוועק. אָבער דאָס פערלאַנגען צו עקזיסטירען און אונזער קיום צו פערשטאַרקען ענטוויקעלט אין אונז אַ בעזונדערע גייסטיגע קראַפט, וועלכע מאַכט אונז פריי און אונאָבהענגיג. מיר בעקעמפען דעמאָלט די שלעכטע תאוות אין אונז מיט דער הילף פון די אַנדערע גוטע געפיהלען און תאוות, וואָס מיר ענטוויקלען. דער שכל, די גייסטיגע קראַפט ווייזט דעם מענשען דעם וועג, אויף וועלכען ער וועט

זיין קיום אמבעסטען דערהאַלטען. אָבער דער מענש זעהט באַלד איין, אַז ער איז נישט בכח מיט אייגענע כחות צו דערגרייכען די אמת'ע פרייהייט און די אמת'ע דערקענטניס, און ער מוז דערצו האָבען די הילף פון אַנדערע מענשען. שוין אין טעג־ליכען לעבען, צו זיכערן זיין קיום, מוז דער מענש האָבען די הילף פון צווייטען מענשען. איבערהויפט אָבער פיהלט זיך דאָס בעדערפניש נאָך מענשליכער הילף ביים שטרעבען נאָך דער אמת'ער הכרה, און די הכרה איז מסוגל מער ווי אַלע אַנדערע זאַכען צו שאַפען אַחדות צווישען מענשען. די מחלוקת און סכסוכים נעמען זיך ביי מענשען דערפון, וואָס זיי קעמפען פאַר זאַכען, וואָס יעדער איינצעלנער וויל עס נאָר אַליין פאַר זיך האָבען, אָבער ווען זיי שטרעבען צו דערגרייכען אַזעלכע זאַכען, וואָס קענען זיין משותף פאַר אַלע, הערט די מחלוקת אויף. וואָס מער די מענשען בעקומען גייסטיגע פרייהייט און קראַפט, וועט אַלץ וועניגער מחלוקת און סכסוכים צווישען זיי געבען און זיי וועלען אַרבייטען צוזאַמען צו דערגרייכען די שלמות, וועלכע איז דער אמת'ער תכלית פון מענשען. קיין זאַך איז דעם מענשען נישט אַזוי נוצליך, ווי דער מענש, און דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען אַלע מענשען זאָלען לעבען צווישען זיך בשלום ווי איין גוף און איין נשמה. דאַרום ווינשט דער מענש, וואָס האָט פערשטאַנען זיין אמת'ען נוצען, קיין זאַך נישט פאַר זיך נאָר, ער שטרעבט שטענדיג נאָך דעם, וואָס אויך די אַנדערע ווינשען, און ער איז דאַרום גערעכט, ערליך, טריי אין אַלע זיינע מעשים. אויף דעם יסוד פון דער זעלבסטדערהאַלטונג בויט זיך אויף שפינאָזאַ'ס שטאַטסלערע, וועלכע מיר האָבען אויבען געשילדערט.

מיר האָבען דאָ געזעהן, ווי אַזוי שפינאָזאַ'ס עטיק בויט זיך אויף אויפ'ן יסוד פון חפץ הקיום, אויף דעם שטרעבען זיך צו דערהאַלטען און די מענשליכע עקזיסטענץ צו פערזיכערן. אָבער צוזאַמען מיט דער אַנזיכט געהט ביי אים מיט אַ צווייטע, העכערע פאָרשטעלונג פון מענשען און זיין שטרעבען. אויסער דעם חפץ הקיום איז נאָך דאָ אַ חפץ ההכרה, און וואָס מער דער צווייטער פערלאַנג ענטוויקעלט זיך, אַלץ נענטער קומט

דער מענש צו דער אמת'ער שלמות. וואָס מער מיר פֿאַרשטעהען, אַז מיר און אַלע אונזערע מעשים זענען אַ חלק פון דער אונענדליכער נאַטור, פון דעם איינציגען אין-סוף, פון גאָט, אַלץ טיפער בעגרייפען מיר, אַז מיר זענען נישט פעראיינצעלט, נישט איינזאַם און אָהנמעכטיג; מיר פיהלען אונז דעמאָלט אַלס אַ חלק אלוה ממעל, אַז מיר זענען איינס מיט דעם בורא כביכול. דער געדאַנק ברענגט אין אונז שמחת הנפש, ווייל ער איז די העכסטע מדרגה פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, פון דער מענשליכער הכרה און מיר פיהלען אַ טיפע ליבע צו דעם מצוי, וועלכער איז די סיבה פון דער פרייד. אַזוי ענטשטעהט ביי אונז די גייסטיגע ליבע צו גאָט, וואָס גיט אונז רוהע און פרידען. דער בורא שטעהט דאָ נישט אַלס אויסערע אורזאַכע, נאָר אַלס אינערע; אונזערע אייגענע קראַפט איז נאָר אַ טייל פון דער אייביגער אונענדליכער קראַפט, וואָס בעוועגט זיך און לעבט אין אַלץ. און אונזער ליבע צו גאָט איז אידענטיש מיט דער ליבע, וואָס דער בורא כביכול ליבט זיך זעלבער. די ליבע פון בורא צום מענשען און די ליבע פון מענשען צום בורא איז איינע-און-דיזעלבע אַך און „ווער גאָט ליבט, קען נישט פערלאַנגען, אַז גאָט זאָל אים צוריק ליבען". ביי דער מדרגה פון דערקענטנים בעטראַכטען מיר זיך זעלבער און אַלע זאַכען ארום אונז אונטער דעם געזיכטספונקט פון אייביגקייט און עס פערשווינדט אינגאַנצען די סתירות פון זיין און דערקענען, הכרה און הויה. און די העכסטע מדרגה פון דערקענטנים שטיצט זיך נישט אויף דער ערפאַרונג און אויך נישט אויף דעם דענקען דורך בעגריפען, נאָר עס געהערט צו דער דריטער מדרגה, צום דריטען מין פון דערקענטנים, צו דער אינטואיטיווער אינערער הכרה, אויף וועלכער עס בויט זיך אין עצם אויף, ווי מיר האָבען אויבען געזעהען, שפינאָזאַ'ס גאַנצער סיסטעם.

ווען דער מענש האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון דערקענטנים, ווען ער האָט, אַ דאַנק דעם העכסטען מין פון הכרה, דערפיהלט זיין אייניגקייט מיט דער גאַנצער נאַטור. מיט

דער גאָטהייט, פון וועלכער ער איז נאָר אַ חלק, איז ער אויך אונשטערבליך. די אונשטערבליכקייט ווערט ביי שפינאָזאַ אויפגעפאַסט אַלס אַ איי‌ביג זיין, אַלס אַ צושטאַנד, וואָס איז למעלה מן הזמן, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפען די גרעניצען פון אָרט און צייט. דער מענש דערהויבט זיך צו דער מדרגה, ער ווערט אַ חלק פון דעם שכל הנצחי, פון דער געטליכער אידעע, וועלכער עקזיסטירט אין אייביגקייט מעולם ועד עולם, כאָטש זיינע אויסערע פאָרמען ענטשטעהען און פערגעהען. און דער אונשטערבליכער מענשליכער גייסט ערפילט די געבאָטען פון דער עטיק, ער איז מאָראַליש, נישט ווייל ער האָט מורא פאַר אַ שטראָף אָדער ווייל ער האָפט אויף שכר, נאָר ער איז אַ עובד מאהבה. „ווען מיר וואָלטען אַפילו נישט געוואוסט, אַז אונזער גייסט איז אייביג, וואָלטען מיר אויך געווען פרום און גוט, וואָלטען געטאָן אַלץ, וואָס עס פאָדערט דער איידעלער געפיהל און וואָס עס געהערט צו מעשים טובים. נאַטירליך — זאָגט שפינאָזאַ — האָט דער המון דערפון אַנ׳אַנדער מיינונג. דער רוב מענשען האַלטען, אַז זיי זענען פריי דעמאָלט, ווען זיי זענען ממלא זייערע תאוות, און ווען זיי מוזען לעבען לויט די געטליכע געזעצען, איז עס פאַר זיי אַ צוואַנג. זיי האַלטען, אַלזאָ, די פרומקייט, רעליגיע, ווי בכלל אַלץ, וואָס עס געהערט צו מעשים טובים, פאַר אַ לאַסט, פון וועלכער זיי וועלען שפּעטער בעפרייט ווערען און וועלען נאָך דערפאַר בעקומען בעצאָלט. אָבער נישט בלויז די האָפנונג צו בעקומען שכר ברענגט זיי צו ערפילען זייער פליכט, נאָר אויך די מורא פאַר׳ן עונש, וואָס עס ערוואַרט זיי, צווינגט זיי צו לעבען לויט דעם געטליכען געזעץ. ווען זיי זאָלען נישט האָבען די האָפנונג און די מורא, וועלען זיי לעבען ווי זייערע תאוות הייסען זיי טאָן און פאָלגען די אומשטענדע מער ווי דעם געוויסען. עס קומט ביי מיר אַזוי פאָר — זאָגט שפינאָזאַ — ווי ווען אימיצער, וואָס איז נישט ביכולת זיך צו נערען מיט גוטע מאַכלים, וועט דערפאַר נעמען און זיך אָנעסען מיט סם-המות; אָדער ווייל ער זעהט, אַז זיין גייסט איז נישט אייביג און אונשטערבליך, וועט ער

בעסער לעבען נאָר אָהן גייסט און אָהן שכל. אַזאַ אונ־זיניגען דרך איז אַפילו נישט כּדאַי צו בעווייזען דעם היפך דער־פון." און דאַרום מיינט שפינאָזאַ אין לעצטען כּלל פון דער עטיק, אַז דער לוין פאַר די מעשים טובים איז נישט די גליקליכקייט, נאָר דער שכר פון די מעשים טובים זענען די מעשים גופא; שכר מצוה — איז די מצוה אַליין, ווי דאָס הייסט אין תלמוד.

XXVI.

די בעדייטונג פון שפינאָזאַ'ס פילאָזאָפיע.

מיר האָבען געגעבען אַנ'איבערבליק איבער שפינאָזאַ'ס סיסטעם, איבער זיין פילאָזאָפיע, ביבעל־קריטיק, רעליגיע און שטאַטסלערע. מיר האָבען געזעהן, ווי אַזוי אין דעם סיסטעם לויפען זיך צוזאַמען אַלע פעדים פון דער פריערער פילאָזאָפיע, ווי אַזוי די פּראָבלעמען גאָט, וועלט און מענש, מיט וועלכע די פילאָזאָפען האָבען זיך בעשעפטיגט, געפינען אין דעם סיסטעם אַנ'איינהייטליכען אָבשלוס; ווי אַזוי גאָט, וועלט און מענש זענען איינס אין דעם בעוואוסטזיין, אין דער אינטואיטיווער איגערער דערקענטניס, וואָס שפינאָזאַ שטעלט־אַרויס אלס די העכסטע פאָרם פון מענשליכען דערקענען בכלל. עס קען נישט זיין אונ־זער אויפגאַבע צו געבען אַ קריטיק פון שפינאָזאַ'ס פילאָזאָפישען סיסטעם, — דערצו פיהלען מיר זיך צו־שוואַך. מיר ווילען נאָר בעמערקען, אַז שפינאָזאַ'ס ראַציאָנאַליסטישער סיסטעם איז איי־נע פון די גרויסע פּראָבעס, וואָס דער מענשליכער גייסט האָט געמאַכט אין משך פון דער מענשליכער געשיכטע, צו בעגרייפען די וועלט, צו ענטדעקען די סודות פון נאַטור און לעבען. דערביי האָט ער דעם מענשליכען שכל דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה, האָט אים אַרויפגעזעצט אויפ'ן טראָן פון דער בריאה און האָט אים געמאַכט פאַר'ן העכסטען שופט איבער וועלט און לעבען. אין דער געשיכטע פון מענשליכען דענקען

וענען פאַראַן בכלל נאָר צוויי מעגליכקייטען צו געבען אַ תשובה אויף דעם גרויסען רעטעניש, וואָס הייסט: וועלט. אָדער מען פערטרויט דעם מענשליכען שכל און מען נעמט אָן, אַז ער איז זוירקלעך משיג די וועלט ווי זי איז, — דאָס איז שפינאָזאַ׳ס ראַציאָנאַליזם; אָדער מען נעמט אָן, אַז דער מענשליכער שכל איז לויט זיין נאַטור בעשרענקט, אַז ער זעהט די וועלט נישט ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט, נאָר ווי זי שפּי־געלט זיך אין מענשליכען בעוואוסטזיין, — דאָס איז דער קריטישער אידעאַליזם קאַנט׳ס. וועלכער שטאַנדפּונקט עס איז דער ריכטיגער, ווער פון דיביידע ריזען אין דער מלוכה פון גייסט וועט בלייבען סוף־כל־סוף דער זיגער, איז נישט אונזער אויפגאַבע צו ענטשיידען. פאַר אונז איז אָבער וויכטיג דער פאַקט, דאָס אַפילו שפינאָזאַ, דער שטרענגער ראַציאָנאַליסט, וואָס האָט דאָס דענקען און זיין, די הויה און די הכרה אידענטיפיצירט, געמאַכט איינס, האָט דאָך מיט דעם שכל אַליין נישט געקענט אויסקומען און האָט דאָרט, וואו דער שכל איז געקומען צו זיין אויסערסטער גרעניץ, געמוזט אָנקומען צו דער אינטואיטיווער אונ׳שכל׳דיגער הכרה, מיט וועלכער ער כאַפּט זיך אַרויס פון אַלע שוועריגקייטען. און דער מיסטישער שטריך אין שפינאָזאַ׳ס סיסטעם וואַקסט און פערגרעסערט זיך וואָס ווייטער, ביז ער ווערט דער חוט־השדרה פון זיין גאַנצען סיסטעם, און דער שטרענגער ראַציאָנאַליסטישער סיסטעם קלינגט אוים אין דעם „אַמאָר דעי אינטעלעקטואַלי״, אין דעם אַלטען יודישען „ואהבת את ה׳ אלהיך״ — וועלכער פאַסט זיך אין פּלוג נאָרנישט צום שטרענגען ראַציאָנאַליסטישען סיסטעם, אין וועל־כען אַלץ האָט געוואָלט בעהאַנדעלט ווערען ווי מאַטעמאַטישע ליניעם, שטריכען און פלעכען.

איבער שפינאָזאַ׳ס סיסטעם האָבען דורות געקעמפט און פּאַרטייען האָבען זיך געריסען. יעדער האָט געוואָלט אויפווייזען, אַז שפינאָזאַ האָט פון זיין ברונעם געשעפּט און האָט זיין חכמה אויסגענוצט. אין אמת׳ען געפינט מען אין דעם סיסטעם פער־וועבט און פערפלאָכטען אידעען פון דער אַלטער גריכישער

פילאָזאָפיע ווי פֿון יודישע מיטעלאַלטערליכע דענקער. אָבער שפינאָזאָ האָט די געדאַנקען גאַנץ זעלבסטשטענדיג און אייגענ-אַרטיג פעראַרבייט אַזוי, אַז דער סיסטעם איז גאַנץ אָריגינעל און ער איז דורכאוים שפינאָציסטיש. אַנדערש איז די לאַגע, ווען מען פרעגט וועגען דער שטעלונג פון דעם סיסטעם צו פערשידענע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע וועלט-אַנשויאונגען, אי-בערהויפט ווען מען פרעגט, ווי בעציהט זיך דער שפינאָציזם צום יודענטום. אויף דער פראַגע קען מען מיט אַרוהיגען גע-וויסען זאָגען, אַז שפינאָזאָ'ס פילאָזאָפיע אַזוי ווייט ווי זי איז מעטאַפיזיש, אַזוי לאַנג ווי זי בעשעפטיגט זיך מיט די אייביגע פראַגען פון וועלט און לעבען, איז זי זעהר גוט יודיש, ווייל דאָס יודענטום איז אַזוי בויגזאַם און בעוועגליך, דאָס עס לאָזט צו די פערשידענסטע פילאָזאָפישע ספעקולאַציעס, אויב זיי האַל-טען נור פעסט ביי דער אַחדות הבורא. איבערהויפט איז די אינטואיטיווע דערקענטניס, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער גאַנצער סיסטעם, גאַנץ יודיש. אין דער בעציהונג איז שפינאָזאָ'ס סיסטעם דער שטאַרקסטער זייל פאַר דער יודישער וועלט-אויפפאַסונג.

אַנדערש איז עס מיט שפינאָזאָ'ס עטיק, מיט זיין מאָראַל, וואָס שליסט-אויס יעדען צוועק, יעדען ציל, וואָס ווייס נישט פון קיין „גוטס" און „שלעכטס", וועלכע קענען זיך אויסבייטען לויט צייט און אָרט, ווייל זיי זענען אין עצם נאָר אַ אָבמאַך צווישען מענשען. אָט דעם בעגריף פון מאָראַל, וואָס איז אין אמתע'ן גאָר קיין מאָראַל נישט, ווייל זי שליסט-אוים דעם עיקר פון דער מאָראַל: דעם צוועק-בעגריף — איז זעהר שווער צו פעראייניגען מיט דער יודישער פאָרשטעלונג, וואָס זוכט תמיד דעם צוועק, דעם תכלית אין אַלע מעשים און אויך אין דער בריאָה. אין דער צייט, וואָס שפינאָזאָ ווייס נאָר פון אַ „וואָרום", ער זוכט נאָר צו פערשטעהן די סיבה און וויל נישט וויסען „צו וואָס", ווייל ער האַלט, אַז די נאַטור ווי די גאַנצע בריאָה האָט נישט קיין ציל, אַזוי פרעגט דאָס יודענטום דוקא נאָר „צו וואָס", עס פאָרשט נאָכ'ן צוועק און דאָס „וואָרום" אינטע-רעסירט אים כמעט גאָרנישט.

נאָך שווערער איז צו מאַכען שלום צווישען שפינאָזאַ דעם ביבעל-קריטיקער און דער יודישער השקפה. מיר האָבען געפונען פאַר נויטיג צו געבען שפינאָזאַ'ס ביבעל-קריטיק גאַנץ אויספיהרליך, כאָטש זי איז דער שוואַכסטער טייל פון שפינאָזאַ'ס שאַפען און איז פון דער היינטיגער וויסענשאַפט צום גרעסטען טייל איבערוואונדען, ווייל מיר האָבען געוואָלט געבען דעם גאַנצען שפינאָזאַ מיט זיינע ליכטיגע און שאָטען-זייטען. מיר האָבען געהאַלטען פאַר נויטיג צו בעקענען דעם יודישען לעזער מיט דער ביבעל-קריטיק פון שפינאָזאַ, צוליב דער היסטאָרישער בעדייטונג, וואָס די שריפט „טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט" האָט געהאַט. אויסערדעם איז אין דער שריפט, אין אַ לייכטער פאָרם, איינגעפלאָכטען אַ גרויסער טייל פון שפינאָזאַ'ס פילאָזאָפישע אידעען און זיין גאַנצע שטאַאַטסלעהרע. פאַר דעם, וואָס דרינגט-אַריין טיפער אין דעם מערקווירדיגען פילאָזאָפישען בנין איז דער טייל, דער שוואַכסטער — אֶפשר דער אינטערעסאַנטעסטער, ווייל דאָ זעהט מען, ווי אַזוי דער גרויסער איינזאַמער דענקער, וואָס האָט געלערנט דער וועלט אַלץ צו פערשטעהן און צו פערצייהען, האָט נישט געקענט פערגעסען זיינע פּערזענליכע חשבונות, וואָס ער האָט געהאַט מיט די אַמשטערדאַמער ראשי-הקהל און האָט דעם כעס אויסגעלאָזען אויפ'ן גאַנצען כלל ישראל.

אָבער אויך אין דער ביבעל-קריטיק איז שפינאָזאַ געבליבען דער ראַציאָנאַליסט, אֶפשר דאָ מעהר ווי אין דער „עטיק", און אַלס ראַציאָנאַליסט האָט ער אַנדערש נישט געקענט אויפפאַסען די ביבעל נאָר ווי אַ געוועהנליכען ספר, צו וועלכען מען געהט צו מיט דער מאָס פון שכל. גראָד ביי דער ביבעל-קריטיק שפירט זיך נישט יענע „אינטואיטיווע דערקענטניס", וואָס רעכענט זיך נישט מיט'ן שכל און בענעמט די זאַכען מיט אַ טיפערן בעסערן און ברייטערן בליק, איידער דער קאַלטער פערשטאַנד. און דאָס איז איינע פון די סתירות, וואָס מיר געפינען אין שפינאָזאַ'ס סיסטעם, איינע פון די שוואַכע זייטען אין זיין קריסטאַל-קלאָרען כאַראַקטער.

אינהאלט

	פאָרוואָרט.	זייטע 3
I.	וואָס איז פילאָזאָפיע.	„ 7
II.	די פילאָזאָפיע אין דער גריכישער וועלט.	„ 10
III.	פילאָזאָפיע און רעליגיע.	„ 13
IV.	פילאָזאָפיע און רעליגיע אין מיטעלאלטער.	„ 16
V.	די יודישע פילאָזאָפיע אין מיטעלאלטער.	„ 19
VI.	די יסודות פון דער נייער פילאָזאָפיע.	„ 24
VII.	רענע דעקארט און זיין שיטה.	„ 28
VIII.	ב. שפינאָזא'ס לעבען און ווערק.	„ 34
IX.	די פאָליטישע לאגע אין האָלאנד.	„ 38
X.	די יסודות פון שפינאָזא'ס פילאָזאָפיע.	„ 44
XI.	פילאָזאָפיע, פאָליטיק און רעליגיע.	„ 47
XII.	נביאים און נביאָה.	„ 52
XIII.	יודען —, דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק.	„ 61
XIV.	די חלקים און דינים פון דער תורה.	„ 66
XV.	נסים און נפלאות.	„ 73
XVI.	דער היסטאָריש-קריטישער מעטאָד.	„ 78
XVII.	ביבעל-קריטיק.	„ 84
XVIII.	די עקרים פון אמונה.	„ 91
XIX.	די יסודות פון דער מלוכה.	„ 100
XX.	רעליגיע אין שטאָט.	„ 107
XXI.	שפינאָזאָס דערקענטניס-טעאָריע.	„ 112
XXII.	סובסטאנץ, גאָט און נאטור.	„ 117
XXIII.	אטריבוטען.	„ 126
XXIV.	די מענשליכע פערזענליכקייט.	„ 138
XXV.	די מענשליכע ליידענשאפט.	„ 145
XXVI.	די מענשליכע עטיק.	„ 153
XXVII.	די בעדייטונג פון שפינאָזאָס פילאָזאָפיע.	„ 158